SEFER HA-SHAARAT HA-NEFSH

Benjamin Wolf Rosof

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

ספר
השארת הנפש

דאס מיינט: אז דער מענטש איז אונשטערבליך

דער ספר איז געשריבען אין לשון קודש און אין עברי טייטש כדי אַלע אידען, אפילו פשוטע ניט קיין למדנים זאָלען קענען פאַרשטעהן די געטליכע געדאַנקען וואָס געפינען זיך אין דעם ספר.

מאת

בנימין זאב ב"ר אריה ז"ל ראָזאָף

מחבר ספר „שנים אוחזין בטלית"

בארבעה חלקים

א) חלק הקרבנות	ג) חלק הנבואה
ב) עשרה מדרגות	ד) מלפנו מבהמות הארץ

ניו-יאָרק

שנת תרצ"א — לפ"ק

אָריאָם פרעס, 129 לאַפאַיעט סטריט, ניו יאָרק, נ. י.


THE IMMORTALITY OF THE SOUL

A STUDY TO PROVE THAT LIFE IS ETERNAL

By BENJAMIN WOLF ROSOF

This Book Was Written in a Period ol 18 Weeks

Started July, 1930—Completed November, 1930



בנימין זאב ב״ר אריה ז״ל, ראָזאָף

כל ימי סבלתי יסורים ומכאובים. מיין גאַנצען לעבען האָב איך געליטען יסורים און צער אין גוף און אין נפש. איבער זעכציג (60) יאָהר אַז איך לעב אין צרות. און דאָך בסייעתא דשמיא האָב איך אָנגעשריבען מיין פריהערדיגען ערשטען ספר „שנים אוחזין בטלית" אין משך פון זעקס (6) מאָנאַטען און מיין יעצטיגען ספר „השארת הנפש" אין משך פון פינף (5) מאָנאַטען — התחלתי בפרשת ואתחנן שנת תר״ץ — וסיימתי בפרשת וישלח שנת תרצ״א. פאַר מיין צער האָט מיר גאָט געגעבען דעם שכר צו שרייבען הייליגע ספרים.

הסכמות

האדמו״ר ר׳ ברוך יוסף ז״ק (קאָברינער רבי)

להזכיר את הרה״ח המופלג ומפואר בשם טוב מו״ה בנימין זאב ראָזאָף
ובר מזה הספר ״ברתא דמלכא״ והמפורסם מכבר על ידי חבוריו היקרים
והם: „שנים אוחזין בטלית״ וספר „השארת הנפש״, אשר יגע ועמל בתורה
זתוך כובד עבודתו ברצון אמתי לקיים דברי חז״ל להיות נהנה מיגיע כפיו
עיונותיו הטהרות והתלהבותו העצומה בקדושת התו״רה לזכות בהם את הרבים.

אני לבקש מאת כל אנ״ש ומכל אחב״י היקרים לתמכו ולסעדו בלקיחת ספריו
ם יפות כראוי לו שהוא הנהו מפורסם בנדיבות לבו ובתמיכותיו לתלמידי

ות זה תתברכו כולכם בכל הברכות המובטחות למחזיקי התורה ולומדיה.

באתי על החתום יום ב׳ לסדר ״ולתת עליכם היום ברכה״ שנת תרצ״ג
וקלין.

ברוך יוסף ז״ק מקוברין
באאמו״ר הרה״צ מהר״י זצ״ל מקראסילוב

הרב י. ל. הכהן פישמאן מירושלים

: הנכבד ר׳ בנימין זאב רוזוף.
די ידידי מר א. רעכטמאן קבלתי בשמו את ספריו החשובים ואלו הם: ״שנים
לית״ ו„השארת הנפש״. קראתי בהם בעיון ומצאתי בתוכם הרבה רעיונות
עלים עד למאוד, והריני מודה לו בעד ספריו היקרים לי עד למאד.

לי גם כן כי בקרוב יופיע ספרו השלישי „ברתא דמלכא״ שנמצא בעת תחת
פוס, אסיר תודה אהיה לכת״ר אם יזכני גם בספרו השלישי הזה תיכף
וישלחנו אל מקום משכני בירושלים תובב״א.

בכל הכבוד ובברכת ציון וירושלים,
הרב י. ל. הכהן פישמן, מירושלים.

און ליבער רבי:
האָב געקויפט אייערע 2 הייליגע ספרים, ספר „שנים אוחזין בטלית״ און
הנפש״, איז דער וואָס איז אין אידיש און איך לעז און פאַרשטעה און שעפּ פון
ג; מים חיים, פונקט ווי פריש וואסער פון אַ קוואַל פאַר אַ דורשטיגען, אזוי
טייער, הייליגער ספר פאַר מיר. איך בין זיך מחיה. פיל מאָהל פיהל איך זיך
ענליכע הויכע וועלטען דערהויבען גייסטיג, אייער כפר הייליט מיר מיין האַרץ
ויקט מיין נשמה, אבער דער צווייטער ספר איז פאַר מיר שווער צו פאַר-
ייל ער איז ניט אין אידיש. דערפאַר בעט איך אייך הייליגער רבי, מיר צו
ען ווען זיי וועלען איבערזעצען דעם צווייטען ספר, „שנים אוחזין בטלית״,
, וועל איך אייך גלייך שיקען נאָך דעם ספר.

י. באַרדער, באַלטימאָר, מד.
J. BARDER, 1912 E. Fairmount St., Baltimore, Md.

תוכן הענינים

של כל ארבעה חלקים מספר

השארת הנפש

הסכמה

רשותא איתיבו לי מכל עשר ספירין לכתוב את כל הסדות הטמירין בספר זה

הקדמה

יכיל ל"ד פרקים אשר חנני ה' ברוב חסדו

חלק ראשון — חלק הקרבנות

בו יבואר התוכן של כל פרק ופרק בפרט ואת הענין אשר עליו ידובר באותו הפרק, למען יקל יהיה להקוראים למצוא.

(ח"י פרקים ואלו הם)

חלק שני — עשרה מדרגות

בו יבואר התוכן של כל פרק ופרק בפרט ואת הענין אשר עליו ידובר באותו הפרק, למען יקל יהיה להקוראים למצוא.

(כ"ה פרקים ואלו הם)

חלק שלישי — שער הנבואה

בו יבואר התוכן של כל פרק ופרק בפרט ואת הענין אשר עליו ידובר באותו הפרק, למען יקל יהיה להקוראים למצוא.

(ל"ב פרקים ואלו הן)

חלק רביעי — מלפנו מבהמות הארץ

בו יבואר התוכן של כל פרק ופרק בפרט ואת הענין אשר עליו ידובר באותו הפרק, למען יקל יהיה להקוראים למצוא.

(ל׳ פרקים ואלו הם)

הסכמה

את ספרי זה „השארת הנפש" אני כותב בהסכמה מן העשר ספירות שהם נתנו לי הסכמה מן השמים. רשותא אתיהבו לי מכל עשר סיפירין וברשותא דא אני כותב כל הסודות, ובסייעתא דשמיא אני מגלה סודות טמירין בספרי זה.

ודע אחי כי לא ינוח רוח הקודש מהאל הטוב על איש רע המידות, דכל רזין טמירין לא אתיהיב רשותא לגלאה לון דייתי דרא דמלכא משיחא, וברשותא דבעל הבית שהוא אין סוף, אני כתבתי את הספר הראשון של „שנים אוחזין בטלית" במשך של ששה חדשים. התחלתי בפרשת תצוה שנת תרפ"ט וסיימתי בעזרת השם יתברך בפרשת חקת שנת תרפ"ט, 1929, באותה השנה בע"ה. כי התורה נתנה ללמוד על פי פרד"ס שהם : פשט, רמז, דרוש, סוד, אבל האדם שהוא רוצה לעלות על הסולם ללמוד קבלה עד עשרה מדרגות עד רוח הקודש, צריך לכבס בגדיו, לכבס את מדותיו, כי לא ינוח רוח הקודש מהאל הטוב על איש רע המדות.

ודע כי שפה בגימטרי' שכינה 385, והאדם אשר לא כבס את בגדיו והוא נכנס בפרדס ללמוד סודות התורה והוא אינו ראוי, אז תשתבש השגתו או ימות. אלא אם ילוה אליו עזר אלהי, כמו שאמר ושכתי את כפי עליך עד עברי, אם שפע המושפע עליו מהשכל הפועל שזה משמע, ושכותי כפי, כלומר שאני אעזר לך שלא תכשל, כי הרוצה ללמוד רזי התורה ואינו ירא שמים באמת מקיאה אותו לחוץ, ולא תקבל כי אם הראוים, שנאמר יערוף כמטר לקחי אם אינו ראוי ערפתו עד שישוב ויתקן מעשיו. וגדול השכר למי שלומד קבלה, כי לימוד הזהר בגירסא בעלמא בונה עולמות, וכ"ש אם יזכה ללמוד ולהבין מאמר אחד יעשה בו תיקון למעלה בשעה אחת מה שלא יעשה בלימוד הפשט שנה תמימה.

ואני בעזרת השם התחלתי ללמוד קבלה כשהייתי בן ל"ו שנה, וה' אלהים נתן לי חכמה ודעת להבין סודות הקבלה ולכתוב ספרים יקרים אשר הם מביאים את האדם לידי רוח הקודש, זה ספר השארת הנפש.



הקדמה

א

דער נביא זכריה אין קאפ. ט׳, טרייסט די אידען : גילי מאד בת ציון הנה מלכך יבוא לך צדיק ונושע הוא עני ורכב על חמור. דער נביא זאגט בת ציון זאלסט זיך פרייען, ווארום משיח וועט צו דיר קומען, ער וועט קומען ווי א ארימאן און וועט רייטען אויף אן אייזעל. דער אייזעל איז באשאפען געווארען דעם ערשטען פרייטאג פארנאכט, ווען די וועלט איז באשאפען געווארען. אויף דעם אייזעל האט געריטען אברהם אבינו מיט זיין זון יצחק צו דער עקידה. אויף דעם אייזעל האט געריטען משה רבינו ווען ער איז געגאנגען אויס־לייזען די אידען פון מצרים און אויף דעם אייזעל וועט רייטען משיח בן דוד.

מיינע ברידער, מיר וועלען פארשטעהן די מליצה פון דעם נביא, ער שטעלט פאר א געטליכען מענטשען וואס ער האט רוח הקודש, ער זעהט די שכינה און גאט טוט מיט איהם רעדען, האט דער נביא גענומען דריי סעמפעלס פון די בעסטע פון דעם אידישען פאלק, אבער דער אמת איז, אז יעדער איד קען זיין א בעל רוח הקודש, ער זאל נאר וועלען רייטען אויף דעם אייזעל, דאס מיינט דער חומר. דער גוף פון דעם מענטשען רופט זיך חמר אייזעל. דער מענטש דאס איז די נשמה ער רייט אויף דעם אייזעל, אויף זיין גוף, אויף אלע תאוות. ער קען באהערשען אלע זיינע חושים. ער מאכט הייליג זיינע איברים, דאן קומט צו איהם די שכינה דער רוח הקודש, ער זעהט זיין השארת הנפש ביי זיין לעבען, דער אייזעל איז א ווייסער אן פלעקען, דער גוף האט ניט קיין מאכט אויף דער נשמה, דאס איז געווען אברהם אבינו, אויך משה רבינו, אויך משיח בן דוד, זיי רייטען אלע אויף דעם זעלביגען אייזעל אויף דעם חמר אויף דעם גוף. אבער יעדער מענטש קען זיין ווי אברהם אבינו, ווייל גאט

האָט געזאָגט צו אברהם אבינו: כה יהיה זרעך והאמן בה׳ ויחשבה לו לצדקה. פאַרדעם שרייב איך בסיעתא דשמיא דעם ספר „השארת הנפש“, אַז יעדער איד זאָל האָבען רוח הקודש, ער זאָל זעהן זיין השארת הנפש ביי זיין לעבען ווי יעדער נביא. מען דאַרף נאָר היי־ליגען דעם גוף דעם חמר דאָס איז דער אייזעל וואָס משיח רייט אויף איהם. מען דאַרף אַרויסוואַרפען פון זיך די שלעכטע מידות, וואָס דער מענטש איז געבוירען געוואָרען מיט זיי, דער מענטש איז צו־זאַמענגעשטעלט פון אַלע חיות פון דער נאַטור, מיט שלעכטע זיטען, דאָס הייסט מלחמת היצר. ווען דער מענטש קען באַזיגען דעם יצר הרע, דאַן פאָרט ער אויף דעם אייזעל, דער האָט רוח הקודש, דאָס איז דער גאַנצער סוד פון נבואה צו האָבען אהבת ה׳.

ב

ועתה אדם המעלה אני כתבתי בספר „שנים אוחזין בטלית“ אין חלק „מרפה לנפש“ (דף, ח׳) אם הבת מלך צריכה ללכת בין העם היתה מכסה את פניה על דרך הצניעות, ועוד משום כבוד המלך, אבל אם היא רואה ידיד של מלך, אז היא מגלה את פניה ומדברת עמו, והוא רואה את פניה. ועתה שמעו לי אחי ועמי אודיע דברי אתכם, כי התורה נקראת בת מלך, שהתורה נמשלת לאשה אשת חיל, וישראל זו בעלה כמו בעל תורה שהוא מזדווג עם התורה שהיא בת מלך, כמו שאין האשה מגלה סתריה אלא לבעלה, כך התורה היא מגלה את סודיה לבעלה וזה ישראל. אם הוא רוכב על החמור על הגוף ועל התאוות של הגוף אז הוא יודע כל הסודות מן השארת הנפש, וזה אדם הנסתר, ויש אנשים כאלו בכל דור ודור.

ג

ועתה קורא משכיל, דע כי בכל מקום שיש צדיק שם יש רשע, בכל מקום שיש יעקב שם יש עשו, כי הטומאה רודפת את הקדושה. אברהם היה נרדף מפני נמרד, ויצחק מן אבימלך, ויעקב מן עשו ולבן, ומשה מפני פרעה ודתן ואבירם, ודוד מן דואג ואחיתופל, וירמיה הנביא מן אנשי ענתות, ומשיח בן דוד מן הרשעים שבדור

הזה, וזה מודים דרבנן. מודים נוטריקן משה, דוד, ירמיה. משיח, והרשעים רודפין אותם כי רודף את הקדושה מן הטומאה. מפני מה עשה הקדוש ברוך הוא שהטומאה רודפת את הקדושה, כלומר הרשע רודף את הצדיק, לפי שהצדיק צריך לזכך את החמר את הגוף. וטוב לצדיק לסבול יסורים וצער, וזה יסורים של אהבה, והקדוש ברוך הוא מביא עליו את הרשעים לעשות לו צער, וזה מביא את הצדיק לידי רוח הקודש, השארת הנפש בחייו. וזה מה שומרים גם זו לטובה, כל מה דעביד רחמנא לטב הוא דעביד. ודע אחי כי משה רבינו ודוד המלך וירמיה הנביא ומשיח בן דוד שהם נולדו במזל מאדים עם כל המדות הרעות, ואף על פי כן היו צדיקים נביאים אין למעלה מהם, וזה כח התורה שהי׳ מביא את האדם לידי רוח הקודש, כמו שהטריין מביא את האדם אל העיר אשר הוא צריך לבוא שמה, כך התורה מביאה את האדם אל רוח הקודש.

ד

את ספרי זה „השארת הנפש" התחלתי בסיעתא דשמיא לכתוב בפרשת ואתחנן שנת תר"ץ 1930, וסיימתיו בפרשת וישלח שנת תרצ"א באותו שנה 1930. כתבתי את הספר הזה במשך של ה׳ חדשים. ודע קורא משכיל כי האדם הוא מורכב גוף ונשמה, חומר ורוח, יצר טוב עם יצר הרע, מדות טובות עם מדות רעות. חציו מלאך וחציו בהמה, ויש לו מלחמה לגרש את מדות הרעות שהם באים מצד היצר הרע. ואם הוא מנצח את היצר הרע עם כל התאוות, אז האדם עומד במדרגה של מלאך, והוא משיג רוח הקודש. יהי רצון שיהיה ככה על כל ישראל אמן.

ה

הקיצו ורננו שכני עפר, כי טל אורת טלך וארץ רפאים תפיל, (ישעיה, כ"ו), כי האדם הוא מורכב, נשמה עם הגוף, ויש לו ארבעה יסודות: אש, רוח, מים, עפר. ויש לו חלקים מן כל החיות והבהמות והעופות, והוא צריך להיות עמהם הרכבה שכנית, מזיגה שכנית, טעם נפלא על זה יש בזה הספר.

ו

מלפנו מבהמות הארץ ומעוף השמים יחכמנו (איוב, ל״ה), בעזרת השם יתברך האָב איך דעם טייל „מלפנו מבהמות הארץ״ געשריבען מיט חכמה פון אַלע חיות און בהמות און עופות, פון אַלע באַשעפעניש איז פאַראַן צו לערנען חכמה, מוסר השכל, סודות פון דער שפּראַך פון אַלע חיות בהמות און עופות, די בעסטע מדות. דער באַשעפער האָט מיר געשאָנקען חכמה צו פאַרשטעהן זייער לשון.

ז

זה ספר תולדות אדם פאַר אַברהם אבינו׳ס אייניקלעך, יעדערער מענטש פון אברהם אבינו׳ס אייניקלעך דאַרף זיין הייליג ווי אַ ספר, אָבער די הקדמה דאַרפען אָנשרייבען די עלטערען, דאָס זייגען די קינדערשע יאָהרען, צו פלאַנצען אין די קינדער די אמונה אין גאָט, פון אמונה קומט דער מענטש צו ידיעת ה׳, פון ידיעה קומט דער מענטש צו רוח הקודש, צו זעהן די שכינה דאָס איז די ריכטיגע השארת הנפש וואָס דער מענטש קען זעהן ביי זיין לעבען. זאָל דער הייליגער ספר „השארת הנפש״ זיין דער געטליכער פּראָפעסאָר פאַר דער גאַנצער מענטשהייט, צו פאַרטרייבען דעם שקר פון דער וועלט, דעם מלאך חשמ״ל די 4 כתות מזיקים. די וועלט דאַרף האָבען אַן אָפּעראַציע אָפּצושטעלען בלוט פאַרגיסונג, מלחמות, הן אין כלל והן אין פרט. איך האָב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית״ פיעל סודות פון דער תורה, פון פרה אדומה, אָבער ניט אַלע אידען פאַרשטעהן מייז ספר נאָר די לומדים, אָבער דעם ספר „השארת הנפש״ שרייב איך בעזרת השם מיט עברי טייטש, אַז אַלע פּראָסטע אידען זאָלען פאַרשטעהן. דריי חלקים זייגען מיט עברי טייטש, בלויז דער חלק הנבואה איז אין לשון הקודש, ווייל ער איז צו הויך פאַר דעם המון העם. איך האָב פאַר אייך געשריבען דעם וועג צו רוח הקודש, ווייל גאָט האָט געזאָגט צו אברהם אבינו כה יהיה זרעך.

ח

די גמרא זאָגט ווען גאָט וואָלט ניט געגעבען די תורה צו די אידען, וואָלט מען זיך במילא געקענט אָפּלערנען גוטע מדות פון די באַשעפענישען: צניעות פון אַ קאַץ, גזלה פון אַ מוראַשקע, דרך ארץ פון אַ האָן, עריות פון אַ טויב. גאָט האָט אַריינגעגעבען אין דער טבע אַז פון אַלע חיות בהמות עופות קען דער מענטש לערנען אַ גוטע מדה, אָבער ניט אַלע מענטשען פאַרשטעהן צו לערנען אַ מוסר השכל פון די באַשעפענישען, דערפאַר האָב איך בעזר השם יתברך אָנגעשריבען אַ פּערטען חלק 30 פּרקים, וועלכער ענטהאַלט אַ מוסר השכל פון אַלע חיות, פון בהמות, פון עופות. פון אַלעמען האָב איך אָנגעשריבען די בעסטע מדות צו לערנען צו פאַרשטעהן השארת הנפש ביי דעם לעבען. למשל אַלע עופות: די טייבעלע, די הינדעלע קומט אַרויס פון דער שאָלעכץ פון דער איי, אין לשון קודש הייסט דאָס קליפה, ווען די טייבעלע איז געווען אין דער שאָלעכץ איז איהר געווען פינסטער, זי האָט די וועלט ניט געזעהן, ווען זי קריכט אַרויס פון דער איי פון דער שאָלעכץ פון דער קליפה, דאַן ווערט איהר ליכטיג, זי זעהט די ליכט פון דעם טאָג, פון דער זון. דאָס זעלבע איז דער מענטש, ער איז אין זיין חומר אין זיין גוף, דאָס איז די קליפה די שאָלעכץ, עס פאַרשטעלט איהם צו זעהן די ליכטיגקייט פון דער שכינה פון די גאָטהייט. ווען דער מענטש צוברעכט אַלע תאוות פון דעם יצר הרע, דאַן קריכט ער אַרויס פון דער פינסטער אין דער ליכטיגקייט, ער זעהט די שכינה. די תורה איז דאָס מרמז אין פ' משפטים: ושחד לא תקח כי השחד יעור פקחים ויסלף דברי צדיקים, דאָס איז אַ נאַטירלכער געזעץ פון דער נאַטור, אַז דער מענטש ווען ער נעמט שחד, כאַבאַר, גרעפט, ווערט ער אַ בלינדער, ער זעהט ניט דעם אמת, ער איז פאַרקויפט צו דעם כאבאר. יעדער מענטש ווען ער נעמט כאַבאַר פון תאוות עולם הזה, די אַלע הנאות פאַר דעם חומר, פאַר דעם גוף, דאָס מאַכט איהם בלינד, ער זעהט ניט דעם אמת, ווי איך האָב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית“, אַז דער יצר הרע רופט זיך סמאל, דאָס איז דער מלאך וואָס יעקב אבינו האָט זיך מיט איהם געראַנגעלט, ער האָט איהם באַזיגט.

דער נאָמען סמאל באַשטעהט פון 2 ווערטער סם — אל, ער מאַכט די מענטשען פאַר אַ בלינדען, דער מענטש ווערט בלינד צו זעהן צו פאַרשטעהן דעם אמת, ווייל ער גיט דעם מענטשען שחד, כאַבאַר. גרעפט. דאָס מיינט הנאות עולם הזה, די אַלע פאַרגעניגענס פון דער וועלט דאָס גיט דער יצר הרע, ער מאַכט דעם מענטשען בלינד. אָבער דער מענטש וואָס קען איהם באַזיגען דעם יצר הרע, דאַן זעהט דער מענטש די שכינה עס ווערט איהם ליכטיג. ער האָט רוח הקודש.

ט

מיין ליעבער ברודער, זיי וויסען אַז אַלעס וואָס דו זעהסט דאָ אויף דער וועלט, אַלע פלעזשורס דעם רייץ פון אַלע תאוות פאַר דעם אויג פון דעם מענטשען, באַטראַכט די ענדע פון אַלע זאַכען וועסטו זעהן אַ קופע מיט ווערים, פון אַלעס ווערט אַ קופע מיט ווערים. אַלע הנאות פון דער וועלט ווערט דערפון אַ ביסעל מיכט מיט ווערים, צופוילט אין דער ערד, מרבה בשר מרבה רמה שהולך למקום עפר רמה ותולעה. די תורה עפענט דעם מענטשען די אויגען ער זאָל קומען צו דעם תכלית, לימות המשיח, דורך די תורה ומצות זאָלען מיר דערלעבען משיח'ס צייט, די גליקליכע צייט וואָס איז באַשטימט פון בורא עולם צו פירען דאָס אידישע פאָלק צום אמת'ען גליק צום תכלית השלמות, אַז יעדער איינציגער זאָל זוכה זיין צו דער מדרגה פון רוח הקודש, דאָס וועט זיין דער תיקון הבריאה, אַלע וועלען זיך ציהען צו עבודת הבורא, ווייל מען וועט דאַן אַנערקענען דעם אמת מיט'ן יושר און דער רע וועט בטל ווערען אין גאַנצען סיי אין חומר מאַטעריאַל, און סיי אין רוח אין גייסט די נשמה. די שטיינערנע הערצער וועלען ווייך ווערען, מען וועט זיך מעהר ניט ציהען נאָך דעם גראָבען חומר ער זאָל זיך ציהען צו תורה ומצות, עס וועלען אויפהערען מלחמות, בלוט פאַרגיסונג, די צווייפיסיגע חיות וועלען ווערען מענטשען. אַלע וועלען לעבען בשלום צווישען זיך ווי ברידער, ווי די נביאים האָבען אונז מבטיח געווען לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים. די הערצער וועלען זיין פול מיט חכמה פון די גאָטהייט פון רוח הקודש פון נבואה, אשפוך את רוחי על כל בשר נאום ה'.

י

ונודע אל בעלי מדע והשכל, כי גוף האדם איננו האדם אלא הוא לבוש שמתלבש בו נפש השכלית אשר הוא האדם עצמו בעודו בעוה"ז, והם שנים אוחזין בטלית, והעולם זה הטלית של הקדוש ברוך הוא, שנאמר עוטה אור כשלמה נוטה שמים כיריעה, שנים זה הגוף והנשמה והם צריכין להיות כקברניטה עם הספינה, והקברניטה הוא מנהיג את הספינה, כך הנשמה מנהיגה את הגוף, כי זה רצון ה', וזה בריאת האדם לקיים את התורה והמצות. ודע אחי כי בריאת בגימטרי' תרי"ג 613. ווייל תרי"ג מצות איז פאראן אין דער תורה מקיים צו זיין. דאס איז דער תכלית און עס איז גאנץ לייכט מקיים צו זיין אלע מצות, ווען מען געהט מיט דעם יצר טוב, ווייל דער מענטש טוט דאס בשמחה. כתיב, וצדיק באמונתו יחיה דאס איז א פראקטישע זאך, אז דער גלאוב, דער לעמפעל איז צוגעדרייט פעסט שטארק צו דעם עלעקטרישען אפאראט צו די ווייערם, דאן איז דער גלאוב דער לעמפפעל ליכטיג, ער טוט לייכטען. אבער אז דער גלאוב דער לעמפעל איז ניט צוגעדרייט צו די עלעקטרישע ווייערם, דאן איז ער פינסטער, ער האט ניט קיין ליכט, ער איז פינסטער. אזוי איז דער מענטש אויף דער וועלט, זיין נשמה, זיין שכל, זיין געדאנק, דארף זיין פעסט שטארק צוגעדרייט צוגעבונדען צו גאט, דאן איז דעם מענטשען ליכטיג אין זיין קאפ, אבער אז זיין נשמה זיין שכל זיין געדאנק איז ניט פעסט שטארק צוגעבונדען צו גאט, איז דעם מענטשען פינסטער, ער פארשטעהט ניט דעם תכלית פון דעם לעבען פון השארת הנפש, דו קענסט דאס אויספרובירען, מאך לויז דעם גלאוב דעם לעמפעל פון די עלעקטריע, וועט ווערען פינסטער ניטא קיין ליכטיגקייט.

יעצט קענסטו פארשטעהן מיין ברודער, דעם אונטערשייד פון דעם חכם ביז דעם נאר, דעם איז ליכטיג און דעם איז פינסטער, דאס האט געזאגט דוד המלך ע"ה אין תהלים: לא ידעו ולא יבינו בחשכה יתהלכו מיד רשעים הצילו. מיין פארלאנג איז אז יעדער מענטש זאל האבען רוח הקודש. איך בין אן ארבייטער פריינד, ווייל איך אליין בין אן ארימער ארבייטער א בעל מלאכה, פון 13 יאהר אלם קינד האב איך געארבייט ביי א שניידער, אבער איך האב צו-

געבונדען מיין שכל צו די גאָטהייט, יעצט איז דער מחבר 62 יאָהר אַלט, ס"ב שנה, דער נוטריקן פון ס"ב שנה איז סמן ברכה פאַר דער גאַנצער וועלט. מיין ספר דאַרף פאַרטרייבען דעם שקר פון דער וועלט, מען דאַרף איבערקערען די אותיות פון שקר זאָל ווערען קשר צו־געבונדען צו דער תורה, קשר צו רוח הקודש, קשר צו די גאָטהייט, צו נבואה, צו השארת הנפש.

די תורה זאָגט אַז מען טאָר ניט עסען קיין חלב, קיין בלוט טאָר מען ניט עסען. דער רמז איז דאָ פאַראַן, דער מענטש האָט 2 כחות הזריזות והעצלות, פלייסיגקייט און פוילקייט ובהם צריך האדם לעבוד את ה׳. צו אַ מצוה דאַרף מען האָבען די זריזות די פלייסיגקייט זי צו טאָן, און צו אַ שלעכטע זאַך דאַרף מען האָבען די מדה פון עצלות פון פוילקייט ניט צו טאָן, מיטביידע כחות קען דער מענטש זיין געטליך צו גאָט און צו לייטען.

איך האָב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" דעם וועג צו רוח הקודש, דער סוד פון רוח הקודש ליגט אין גוטע מדות מעשים טובים צו האַלטען טהרה וקדושה אַלע איברים אַלע חושים, ווער עס וועט לערנען מיין ספר „שנים אוחזין בטלית", וועט קומען צו רוח הקודש בתנאי ער זאָל טאָן ווי עס איז געשריבען אין דעם ספר „שנים אוחזין בטלית" דאָרטען זיינען פאַראַן די טעמים פון אַלע נקודות און די טעמים פון פרה אדומה און רפואות הנפש פאַר דער נשמה.

יא

מיר וועלען פאַרשטעהן פאַרוואָס האָבען די אידען צו ליידען פון די אַנטיסעמיטען פאָגראָמען אין די גלות לענדער. עס איז אַמאָל געווען אַן אַלטער מאַן אין אַ קליין שטעדטעל, ער איז געזעסען כל ימיו אין בית המדרש, געלערענט, געדאַוונט, ער האָט געוואָלט געבען צדקה אָבער ער האָט ניט געהאַט קיין געלט. אָבער שמעון הצדיק זאָגט אין (פרקי אבות) על שלשה דברים העולם עומד על התורה ועל העבודה ועל גימלות חסדים, אַ צדיק תמים דאַרף זיין גוט צו גאָט און צו לייטען, דער אַלטער איד איז געווען ניט צופרידען

וואס ער קען ניט טאָן קיין צדקה קיין גמילות חסדים, נאָר תורה און עבודה. האָט ער געפונען אַן עצה ווי צו מקיים זיין די מצוה פון גמילות חסדים, ער האָט געקויפט אַ לאַמטערנע דאָס איז ווי אַ סווירטשלייט צו באַלייכטען דעם וועג ביי דער נאַכט אין דער פינס־טער, ווייל אין דער אַלטער היים איז ניט געווען קיין באַלייכטונג אין די גאַסען, מענטשען געהען דאָרטען אין דער פינסטער, איז דער אַלטער געגאַנגען אַלע נאַכט אין די גאַסען צו באַלייכטען אַלע מענ־טשען דעם וועג ווי צו געהן אין דער פינסטער, אַלע האָבען איהם געדאַנקט פאַר דער טובה, דאָס איז אין כלל פון צדקה פון גמילות חסדים, איין מאָל האָט ער געזעהן ווי אַ מענטש טראָגט אַ שווערען פאַק אויף זיין פלייצע אין דער פינטער, דער אַלטער איד געהט צו צו דעם מענטשען און ער וויל איהם באַלייכטען דעם וועג, ער וויל איהם מאַכען ליכטיג ווי צו געהן זיין וועג, דער מאַן נעמט אַרונטער זיין שווערען פאַק, זיין באַנדעל פון זיינע שאַלדערם און פאַנגט אָן צו שלאָגען דעם אַלטען מאַן מכות רצח, ער האָט איהם צובראָכען די לאַמטערנע מיט דער ליכט ער האָט איהם אָנגעבראָכען גוט זיינע ביינער. דער אַלטער איד שרייט מיט קולות, אַלע מענטשען זיינען מיר דאַנקבאַר און דו האָסט מיך געשלאָגען מכות רצח! פאַרוואָס שלאָגסטו מיך פאַר די גוטעם וואָס איך טו מיט דיר? אַלע דאַנקען מיר. זאָגט דער מאַן: אַלע מענטשען טראָגען סחורה ערליכע באַ־צאַלטע, ווי די תורה זאָגט קויפען און באַצאַלען, אָבער די סחורה, די וואָרע, וואָס איך טראָג איז גע'גנב'טע, דאָס איז גנבה, גזלה, מעשה גזלן, פאַר מיר פאַסט ניט אַז דו זאָלסט מיר באַלאַכטען דעם וועג, איך וויל געהן אין דער פינסטער, דערפאַר האָב איך דיך גע־שלאָגען. מיינע ברידער, דאָס איז דער סוד וואָס די רשעים אין אַלע צייטען האָבען געשלאָגען די צדיקים, שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותנו והקדוש ברוך הוא מצילנו מידם. דאָס איז אין כלל און אין פרט, דער צדיק וויל דעם רשע באַלייכטען דעם וועג, אָבער דער רשע גיט דעם צדיק קלעפּ, פאַגראַמען, דאָס איז משלם רעה תחת טובה, זאָל גאָט העלפען אַז מיר זאָלען פטור ווערען פון דעם פינס־טערען גלות, מיר זאָלען געהן אין ירושלים במהרה בימינו אמן ואמן.

יב

עס איז באוואוסט, אז די אידען זיינען ארויס פון מצרים האט גאט געהייסען נעמען גאלד און זילבער פון די מצרים. האט משה רבינו ניט גענומען קיין זאך צוליעב דריי טעמים. ראשית האט ער גע׳פסק׳ענט, אז אזוי ווי ער האט ניט געארבייט קיין שקלאפעריי קומט איהם ניט קיין געלט. והשנית נאך א טעם, מען געהט דאך אין דער מדבר און גאט וועט דאך געבען צו עסען מן פון דעם הימעל, מען דארף ניט קיין געלט. והשלישית א דריטער טעם צו באווייזען דער אידישער וועלט, אז א מנהיג ביי דעם אידישען פאלק דארף זיך ניט יאגען נאך גאלד און זילבער, מען דארף טאן די זאך באמונה שלמה, ווייל גאט האט געהייסען צו פירען די אידען אין דעם דרך הישר. אבער אז מען טוט א זאך פאר געלט, קען מען טאן ניט ריכטיג, כי השחד יעור פקחים ויסלף דברי צדיקים, א מוסר השכל פאר אלע מנהיגים פון דער גאנצער וועלט.

איך האב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית“, אז משיח איז אין אמעריקע פון דעם יאהר תרס"ו ביז דעם יאהר תרע"ו איז ער געוועזען 6 מאל אין הימעל, אבער ער האט ניט געפילט אויף זיך דעם גוף, דעם חומר. דאס איז דער סוד פון דער פרה אדומה, מטהר טמאים קען מען מאכען פון א גשמי א רוחני, דער גוף זאל ווערען אזוי הייליג ווי די נשמה, ער איז געוועזען אין היכל זעיר אנפין, אין היכל אהבה, היכל היראה, היכל הכתר, היכל התפארת, היכל הרצון. ווייל דער גוף איז ניט דער מענש, ער איז דער לבוש אויף דער נשמה. דער צדיק קען מאכען פון דעם חומר ער זאל זיין הייליג ווי די נשמה, איז ער משיג רוח הקודש. אבער דער רשע מאכט זיין נשמה טמא, עס ווערט זיין שכל הארט ווי א שטיין, ער פארשטייט ניט די גאטהייט, דאס הייסט מטמא טהורים, דאס איז דער סוד פון דער פרה אדומה. די נשמה איז א רוחני, די וואסער ווערט פארפרוירען פון דער קעלט, עס ווערט א שטיק אייז, עס איז פאראן אייז-בערג אויפן ים, זיי צוברעכען שיפען, אבער עס איז געוועזען פריהער וואסער, אט אזוי איז די נשמה פון דעם אפיקורוס. די ווארימקייט, די היץ פון דעם פייער מאכט צוגיין די אייז צוריק

צו וואסער. אט אזוי דארף דער אפיקורוס טאן תשובה. די היץ, דער פייער פון דער תורה, קען מאכען זיין נשמה צוריק פאר א רוחני, נאך בעסער ווי פריהער. דאס איז דער סוד פארוואס גאט האט געגעבען די תורה אויף דעם בארג סיני מיט א גרויסען פלאם פייער. והר סיני עשן כלו מפני אשר ירד עליו ה׳ באש. די תורה האט גאט געגעבען מיט פייער צו ווייזען, אז די היץ, די התלהבות פון דער תורה קען ברייננגען דעם מענשענז צו גאטהייט ביז רוח הקודש. ווי וואסער ווערט פארפרוירען פון קעלט אזוי ווערט דער אפיקורוס פארפרוירען פון דעם יצר הרע, ער קען אבער טאן תשובה. די גרעסטע סודות האב איך געשריבען אין דריטען חלק אין חלק הנבואה. אין דעם יאהר תרס״ח חודש אלול, איז געקומען דער מלאך פלאי צו משיח בן דוד, ער האט איהם געפרעגט צו ער וויל זעהן דעם הפליט, האט משיח איהם געגעבען רשות צו קומען, ער האט זיך מיט איהם געזעהן, אבער ער האט מיט איהם ניט גע־רעדט, ער האט געהאט פחד פאר משיח בן דוד. ער קוקט אויס צו זיין ביי 35 יאהר אלט, מיט א בלאנדער בארד, דער מלאך פלאי איז דער, וואס איז געקומען צו מנוח מיט זיין פרוי אין זייער פעלד, דאס ווייזט, אז משיח ווייסט אלע סודות און דאך ווערט ער געפלאגט מיט יסורים, מיט צער פון אלע זייטען.

יג

מיינע ברידער. אין מיין ערשטען ספר „שנים אוחזין בטלית“ האב איך בעזר השם איהם געשריבען אין לשון הקודש, עס זיינען דארטען פאראנען גרויסע סודות התורה. אבער ניט אלע מענשען קענען איהם פארשטיין, ער איז פאר גרויסע לומדים. אפילו פאר די גרעסטע לומדים זיינען דארט פאראן זאכען, וואס זיי קענען ניט פארשטיין, עס איז צו הויך צו פארשטיין, עס קען זיין, אז עס וועט באלד קומען א צייט, אז איך וועל בעזר השם קענען דייטליך ערקלערען פאר דער גאנצער וועלט די גרויסע סודות, וואס איך האב דארטען געשריבען בעזר השם יתברך, האבען מיך פיעל מענשען געבעטען אז איך זאל שרייבען מיינע ספרים מיט עברי טייטש,

דערפאַר האָב איך יעצט געשריבען דעם ספר „השארת הנפש“ ג׳ חלקים מיט עברי טייטש, דער חלק פון נבואה איז אין לשון הקודש, ווייל דאָרטען זיינען פאַראַן די גרעסטע סודות פון דער תורה, פון דער שכינה, פון נבואה, אָבער דאָרטען איז פאַראַן זאַכען וואָס איז גוט צו וויסען פאַר אַלע אידען, וועל איך שרייבען פאַר אייך די פרקים וואו צו געפינען די אַלע טייערע געטליכע זאַכען.

גאָט האָט באַשאַפען דעם מענשען מיט 7 חושים, ער האָט געמאַכט אַ גבול, אַ גרענעץ פאַר אַלע חושים, אָבער פאַר דעם חוש המחשבה האָט גאָט ניט געמאַכט קיין גרענעץ. דער גדאַנק קען פליען די גאַנצע וועלט אין אַ רגע. דעם תירוץ קענט איהר געפינען אין דריטען חלק אין נייטען פרק. די תורה זאָגט: זה ספר תולדת אדם, דעם מענשענ׳ס לעבען איז אַ ספר, עס ווענדט זיך וואָס ער וועט שרייבען, יעדער טאָג איז אַ בלאַט פון זיין ספר, יעדער מענש דאַרף האָבען אַ שם, אַ נאָמען, שם בגימטרי׳ 340, ספר בגימטרי׳ 340, דער זעלבער ציפער. דער טעם איז אין צענטען פרק. ווען יעקב אבינו איז געקומען צו זיין זוהן יוסף האָט ער געלייענט קריאת שמע. יוסף האָט איהם געכאַפּט קושען, האַלזען און ער לייענט קריאת שמע. דעם טעם וועט איהר געפינען אין פרק 11. אין דעם יאָהר תרפ״ח פ׳ כי תצא בליל שבת איז געקומען יעקב אבינו מיט יוסף הצדיק אין חלום צו משיח בן דוד צו טרייסטען איהם אויף זיינע יסורים, דאָס איז אין פרק 19. איך האָב דאָ אין מיין ספר אַ ויכוח מיט דעם פילוסוף מיט דעם גרעסטען מענשען אין דער וועלט, דאָס איז דער פּראָפעסאָר אַלבערט איינשטיין, ער איז דער גרעסטער פאָרשער פון דער נאַטור. דעם ויכוח וועט איהר געפינען אין פרק 20. דער מענש קען שיקען זיין מחשבה צום כסא הכבוד אין איין רגע, דאָס איז פאַראַן אין פרק 22. ווי די זוהן האָט ניט אויפגעהערט צו שיינען אויף דער וועלט, ווי דער פייער גיט זיין היץ, ער מאַכט וואַרעם אין הויז, ער טוט לייכטען, ווי דאָס וואַסער איז אימער נאַס, פייכט, ווי דער ווינט טרייבט פוסטע זאַכען, ווי אַ שיף אויף דעם ים איז אימער אין סכנה פון די כוואַליעס, ווי די ערד מאַכט וואַקסען אַלע גראַזען על פי הטבע — אַט אַזוי האָט גאָט באַשאַפען דעם רוח הקודש אויף דער וועלט על פי הטבע, אז דער

מענש לערענט תורה לשמה און ער האָט גוטע מדות צו גאָט און צו לייטן 100 פראָצענט איד, קומט צו איהם די שכינה על פי דרך הטבע. די קדושה האָט אַ מאַגנעט, וואָס ציהט צו די שכינה דעם רוח הקודש, דאָס איז אין פרק 22. פאַרוואָס האָט גאָט געגעבען די תורה אין דער מדבר, דער טעם איז אין פרק 24. יעדער מענש האָט 2 כחות, פרץ וזרח, דאָס איז פרק 27. פאַרוואָס מיר זאָגען מגן אברהם, דאָס איז אין פרק 28. דאָס איז אַלעם אין חלק הנבואה. עס איז באַוואוסט, אַז דער מלאך וואָס האָט זיך געראַנגעלט מיט יעקב אבינו די גאַנצע נאַכט ביז דער מאָרגען-שטערען איז אויפ-געגאַנגען, דער מלאך איז געווען דער שר פון עשו, מיט דעם זעל-ביגען מלאך האָט זיך משיח בן דוד געראַנגעלט אַ גאַנצע נאַכט. דאָס איז געווען אין הימעל, ניט אויף דער ערד, ער האָט זיך מיט איהם געשלאָגען ביז פאַרטאָג, ווען משיח האָט אויף איהם געוואָר-פען מיט פייער פון זיין מויל, דער פייער פון משיח וואָס ער האָט געוואָרפען אויף דעם שטן איז ער אַנטלאָפען העכער אין הימעל, ער האָט געהאַט פחד פאַר דעם פייער פון משיח בן דוד, דאָס איז געווען אין דעם יאָהר תרפ"ט אין עשרת ימי תשובה. כאָטש ער איז אַ בעל יסורים אָבער ער קען האַלטען מלחמה מיט דעם שטן, דער שטן איז אַנטלאָפען פון דעם שטאַרקען פייער פון משיח, וואָס ער האָט געוואָרפען אויף זיין קאָפּ, ער האָט איהם געצייגט, אַז זיין ממשלה איז באַלד צו ענדע, במהרה בימינו אמן. אין דעם יאָהר תרפ"ז אין דער נאַכט פון שבועות זיינען געקומען צו משיח בן דוד אליהו הנביא און שלמה המלך צו טרייסטען איהם אויף זיינע יסורים, אין דעם יאָהר תרס"ז, דאָס איז געווען פאַר ראש השנה שבת אין מיטען טאָג, איז געקומען יעקב אבינו מיט זיין טאָכטער דינה צו טרייסטען משיח אויף זיינע יסורים. אין דעם יאָהר תרס"ו איז געקומען בעז, דער זיידע פון משיח בן דוד, איהם צו טרייסטען אויף זיינע יסורים. דאָס איז געווען נאָך סכות, אין יענער צייט האָט משיח געזעהען אין חלום אַלע שטערען אין הימעל. מען האָט איהם געצייגט, אַז ער וועט זיין קעניג אויף דער גאַנצער וועלט, אָבער די יסורים וואָס ער לייזעט זיינען שרעקליך. אין דעם יאָהר תרס"ו, שבת נאָך חנוכה, זיינען געקומען די אמהות שרה, רבקה, רחל,

לאה, און יהודה מיט לוי, זיי זיינען אַלע געקומען צו משיח בן דוד צו טרייסטען איהם אויף זיינע יסורים. אין דעם יאָהר תרס"ט, נאָך סכות, איז געקומען ישעיה הנביא צו משיח בן דוד, ער האָט גענו־מען זיינע הענט און ביידע זיינען געפלויגען אין הימעל. ישעיה האָט די גאַנצע צייט געזונגען, ווי זיין שטייגער איז צו זינגען. מיט עטלי־כע וואָכען שפּעטער איז געקומען מלאך מיכאל מיט מלאך גבריאל מיט אַ פידעל און האָבען געשפּילט שיינע זאַכען פאַר משיח בן דוד. אין דעם יאָהר תרס"ו, נאָך סכות, האָט משיח געזעהען די גאַנצע מרכבה, וואָס דער נביא יחזקאל האָט געזעהן אין דער מראה הנבואה. אין דעם יאָהר תר"ע חודש אלול, פרייטאָג נאָך האַלבען טאָג, האָט משיח געזעהן דעם לייטער פון יעקב אבינו, אָבער ער איז געהאַנגען אין דער לופטען ביי 1000 איילען פון דער ערד, דאָס איז איבער דער נאַטור, ווייל ער איז אַ בעל יסורים דער־פאַר איז זיין לייטער העכער פון דער ערד, ניט ווי יעקב אבינו איז געוועזען אַ גבור, זיין לייטער איז געשטאַנען אויף דער ערד על פי הטבע. דעם טעם פון דעם סולם, דעם לייטער, וועט איהר זעהן אין דריטען פרק אין חלק הנבואה. אין דעם יאָהר תרע"ה, די נאַכט פון שבועות, פון מתן תורה, איז משה רבנו געקומען צו גאַסט צו משיח בן דוד, ווייל משיח איז געוועזען געפערליך קראַנק, איז משה געקו־מען איהם צו טרייסטען, ער האָט מיט איהם גערעדט פון וויכ־טיגע זאַכען פון דער תורה, זיי זיינען ביידע גלייך אין קדושה, אָבער ניט אין גבורה, משה איז אַ גבור און משיח איז אַ בעל יסורים. אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" איז דאָרטען פאַראַן די טעמים פון אַלע נקודות: קמץ, פתח, סגל, צירי, שוא, חולם, חיריק, שורוק, מלופום. אויך איז דאָרטען פאַראַן דער ענטפער פון פרה אדומה, אויך איז דאָרטען פאַראַן דער טראָפּ דער טעם פון די טראָפּ, וואָס מען איז מעביר די סדרה אַלע שבת. אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" איז דאָ זייער פיל סודות התורה.

פון דעם ערשטער חלק פון דעם ספר „השארת הנפש" איז די קרבנות, גאָט האָט גענומען די קרבנות פון די שטילע רוהיגע באַשעפענישען, די פאַרפאָלגטע, און ניט די, וואָס צורייסען יענעם, אַן אָקס אַנטלויפט פאַר אַ לייב, אַ ציג אַנטלויפט פאַר אַ טיגער, אַ

שעפּסעלע אַנטלויפט פאַר אַ וואָלף. גאָט האָט געוויזען, אַז ער איז מקרב דעם שוואַכערען, דער קרבן איז הייליג, דאָס גלייכען איז שלעכטע מענשען פאַרפאָלגען אַ גוטען איז ער דער קרבן, אָבער ער איז הייליג.

יד

מיינע ליבע ברידער, צו וואָס האָב איך פאַר אייך געשריבען די אַלע געטליכע זאַכען, וואָס מאַנכע מענשען וועלען צווייפלען אין מיינע רייד? איך נעם פאַר עדות דעם רבונו של עולם, אַז וואָס איך האָב בעזר השם געשריבען איז אַלעס אמת. ווייל מיר לעבען יעצט אין אַ צייט, וואָס עס איז פאַראַן אויף דער וועלט 4 דורות: אַ דור המבול, וואָס די תורה זאָגט אויף זיי ותמלא הארץ חמס. אויך האָבען מיר יעצט אַ דור הפלגה, דאָס זיינען די אפּירקורסים, די רשעים, זיי זיינען געגען דער תורה, זאָגט די תורה אויף זיי: ויהי בנסעם מקדם וימצאו בקעה, זאָגט דער זהר הקדוש: מקדם איז דאָס מקדמון של עולם שהוא קדמון לכל דבר אשר נברא, וימצאו בקעה, די מענשען וואָס גייען אַוועק ווייט פון גאָט פאַלען אַריין אין אַ טאָהל, אַ גרוב. אויך האָבען מיר אַ דור אנוש ווי די תורה זאָגט ויחי אנוש ויולד בנים ובנות וימת. די מענשען לעבען נאָר צו האָבען קינדער, זיי געבען ניט די קינדער קיין לעהרע פון די גאָט־הייט, קיין רעליגיעזע ערציהונג. סתם האָבען קינדער טוען דאָך די חיות אויך, זיי האָבען אויך קינדער, זאָגט די תורה אַז דאָס הייסט וימת אָפּגעשטאָרבען ניטאָ קיין נשמה, ניטאָ קיין צוקונפט ערגער ווי אַ חיה דאָס הייסט דער דור אנוש. אַז מען לערענט ניט די קינדער קיין תורה, קיין יראה, קיין אמונה אין גאָט, זאָגט די תורה, אַז דאָס הייסט וימת, אָפּגעשטאָרבען, געשטאָרבענע קינדער. לעבען אָן רעליגיאָן איז אַ געשטאָרבענער לעבען, ווי אַ בהמה, אַ חיה. אָבער מיר האָבען אַ דור דעה צדיקים, לומדים, געטליכע מענשען, פון די גיבען אין דער וועלט אידען, וואָס האָבען רוח הקודש, וואָס זיי זעהען די שכינה. די מענשען הייסען אַ דור דעה, זאָגט דער מחבר פון דעם ספר „השארת הנפש“, אַז יעדער איד דאַרף און קען צו־

קומען צו זעהן דעם אמת, צו וויסען די גאָטהייט, מיר האָט גאָט געהאָלפען, אַז אין דעם יאָהר תרס"ו בין איך געקומען צו דער מדרגה פון השארת הנפש, דער מחבר דיינקט, אַז עס איז שוין צייט אַז משיח זאָל אָנשרייבען ספרים פאַר אַלע אידען צו לערנען זיי דעם וועג ווי צו קומען צו נבואה, און אַלע אידען זאָלען זיין פון דעם דור דעה. עס איז אַן אַלטע טענה וואָס מענשען פרעגען, אַז ווי באַלד עס זיינען דאָ אין דעם אידישען פאָלק בעלי רוח הקודש וואָס זיי זעהען די שכינה, פאַרוואָס הערט מען פון זיי גאָרנישט? זאָלט איהר וויסען, מיינע ברידער, אַז די תורה האָט געזאָגט איבע־ראַל: גאָט זאָגט צו משה, דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם, ביי יעדער מצוה זאָגט גאָט דבר אל בני ישראל, הייסט דאָס, אַז גאָט דאַרף געבען רשות צו ריידען צו די אידען, אָבער אַז מען האָט ניט קיין רשות טאָר מען ניט ריידען, דאָס איז דער אמת'ער תירוץ אויף דער פראַגע, גאָט דאַרף זאָגען צו דעם בעל רוח הקודש: דבר אל בני ישראל, משיח בן דוד האָפט און וואַרט מיט געדולד אויף דעם זאָג פון גאָט, דבר אל בני ישראל, אָבער אַז גאָט זאָגט ניט קען מען ניט ריידען.

טו

מיינע ברידער, אין דעם ספר איז פאַראַן דער גרעסטער ויכוח פון דעם מחבר מיט פראָפעסאָר איינשטיין, די וויסענשאַפט פון די גאָטהייט האָט אַ ויכוח מיט דער וויסענשאַפט פון דער נאַטור, דאָס איז אין דעם ערשטען חלק, עטוואָס אין דעם דריטען חלק, אין חלק הנבואה, דאָרטען איז זייער אינטערעסאַנט צו וויסען דעם ויכוח פון די גאָטהייט מיט די פילאָזאָפען פון דער נאַטור. דער זעהט דעם מלכות און דער זעהט דעם סאָלדאַט, וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דער סאָלדאַט ביי דעם מלכות, דער זעהט די שכינה, דעם מלכות, און דער זעהט די שטערען, און מיר געפינען, אַז די שטערען האָבען זיך געבוקט צו יוסף הצדיק, עס איז בעסער צו קענען דעם מלכות, איידער צו קענען דעם סאָלדאַט. דער מענש, וואָס ער דינט צו גאָט מיט אַן אמת, איז ער מערער יחסן ווי די שטערען אין הימעל. איך בעט אַלע לומדים אַז זיי זאָלען לערנען מיינע עברי טייטש, איך האָב

געשריבען די גרעסטע סודות אין די עברי טייטש, ווייל איך האָב געוואָלט, אַז אַלע אידען זאָלען פאַרשטיין מיין ספר. עס איז די גרעטע מצוה צו לערנען פראָסטע מענשען ווי צו קומען צו הויכע מדרגות אין גאָטהייט.

טז

יהי כבוד ה׳ לעולם ישמח ה׳ במעשיו, שמח לא נאמר אלא ישמח, זו אותיות משיח, מהפך את האותיות, משום שלא שמח הקדוש ברוך הוא מן העולם עד ביאת המשיח, אז יהיה תקון הבריאה, משום שנאמר נעשה אדם בצלמנו כדמותנו, כלומר לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי כי מלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים, משום זה אני כותב את הספר הזה בעקבותא דמשיחא.

יז

המחבר מזה הספר „השארת הנפש“, בנימין זאב בר׳ אריה ז״ל, תלמיד מובהק של רבי שמעון בן יוחאי ז״ל, משום שאני התחלתי ללמוד זהר הקדוש כשהייתי בן ל״ו שנה, כל ימי חיי אני למדתי ספרי קבלה. ועוד הוא תלמיד של הרמב״ם ז״ל, מורה נבוכים.

דע אחי, כי אני בעל מלאכה מבן י״ג שנה, אַ שניידער בן שניידער, קיין יחסן ביי דער וועלט, דערפאַר האָב איך גענומען דעם יחוס פון מיינע הייליגע רביים. די ספרים, וואָס איך האָב געשריבען, דעם ספר „שנים אוחזין בטלית“ און דעם ספר „השארת הנפש“ביידע ספרים זאָלען טראָגען דעם יחוס פון מיינע רביים, ווייל איך בין אַן אָרעמער בעל מלאכה, אָבער זייט וויסען, מיינע ברידער, אַז רבי שמעון בן יוחאי און דער רמב״ם, די גרעסטע הייליגע מענשען פון דער וועלט, האָבען ניט געהאַלטען פון עשירות, די אמת׳ע עשירות איז די תורה מיט די מצוות.

יח

תקון הנפש, כי אבן מקיר תזעק בדין וכפים מעץ יעננה בדין (חבקוק ב׳), די כי בריאת בגימטרי׳ תרי״ג, 613 בשביל זה האדם נברא

וכל הבריאה הדומם הצומח החי, כלומר הדומם הצומח בעלי חיים אומרים לאדם שהוא צריך לתקון הנפש, דער שטיין פון דער וואַנט, דער האָלץ פון דעם בוים, שרייען צו דעם מענשען: דו זעהסט ווי מיר האָבען זיך אויסגעאַרבייט, מיר זיינען געווען ווילדע אין דעם פעלד, ווען מען האָט אונז מתקן געווען. דוד המלך האָט גערופען די וועלט תבל, נוטריקון תבוא ברכה לעולם, והוא ישפט תבל בצדק. עור ובשר תלבישני ובעצמות תשכבני (איוב י׳), למה הדבר דומה ליונה שהיא עומדת בכלוב סגור. די נשמה דאָס איז די טייבעלע, דער גוף דאָס איז די קלעטקע, דעם פילאָזאָפישען טעם וועט איהר געפינען אין דעם חלק הנבואה. די תורה זאָגט: על בשר אדם לא ייסך, דאָס איז דער גוף פון דעם מענשען, די פלייש. דער מענש — דאָס איז די נשמה.

יט

כי האדם עץ השדה לבא מפניך במצור רק עץ אשר תדע כי לא עץ מאכל הוא אתו תשחית (שופטים). דער מענש דאַרף זיין ווי אַ בוים וואָס ער האָט בלעטער מיט פרוכט צו באַשיצען דעם מענשען פון דער זוהן, און די פרוכט צו זעטיגען דעם מענשען פון הונגער. אַזאַ בוים טאָר מען ניט אָפהאַקען, אָבער אַ פוסטער בוים, קיין בלעטער, קיין פרוכט, נאָר שטעכידיגע דערנער, מעג מען אָפהאַקען. דער מוסר השכל: דער מענש איז אַ בוים, די בלעטער דאָס איז די תורה, די פרוכט דאָס זיינען די מצוות, מעשים טובים, צו גאָט און צו לייטען, אָבער אַז דער מענש איז אַ פוסטער, ניט קיין תורה, ניט קיין מצוות, קיין מעשים טובים, נאָר דערנער, אַ רשע, אַ שטעכעדיגע צונג מיט מדות רעות, די וועלט וועט פון איהם ליידען צרות, אַ דרדר, קוץ, חוח. אַלע מינים דערנער אתו תשחיתו, גיט איהם איבער צו די שופטים, צו די דזשאַדזשעס, צום משפט׳ען, ובערת הרע מקרבך.

כ

לכו חזו מפעלות ה׳ אשר שם נפלאות בארץ. כי זה הספר קטן הכמות וגדול האיכות, אני פחות נבזה בסיעתא דשמיא חברתי ספר

זה „השארת הנפש" וספר „שנים אוחזין בטלית", אשר הם מביאים את האדם לעשר מדרגות עד רוח הקודש. ואתה, אחי ישראל, הוי מקבל את הספר הזה בסבר פנים יפות, כי תועלת גדולה תהיה לך ממנו, משום כי אמרו חז"ל כל מה שיוצאין מן הלב הם נכנסין אל הלב. לב טהור ברא לי אלהים ורוח נכון חדש בקרבי. פי צדיק יהגה חכמה ולשונו תדבר משפט. תורת אלהיו בלבו לא תמעד אשריו. יהי רצון מלפניך ה' שיאכל קרבן פסח בכל עם ישראל, כלומר פה סח לה' בדברי תורה, ואל תהיה מן ד' כתות חשמ"ל שאין להם חלק לעולם הבא. חשמ"ל נוטריקון חנפים, שקרים, מלבין פני הברו ברבים, לצים, וכולם בכלל לשון הרע. אלו ד' כתות אשר אין מקבלות פני שכינה והן חשמ"ל מזיקים (סוטה, דף מ"ב). כי האנשים האלו מקניטים הבורא יתברך וידמו כמו שנותן המלך לבוש מלכות במתנה וילבישנו לחמורו או לכלבו, כי השם יתברך נתן הדבור לאדם לדבר בדברי תורה, ומצוות לתקן את כל הבריאה, כמו שכתבתי בספר „שנים אוחזין בטלית" להשגת החכמה צריך למעט דבורו ולשתוק כל מה שיוכל, סיג לחכמה שתיקה, אלא לדברי תורה ותפלה, שנאמר כי שם ה' אקרא הבו גודל לאלהינו, ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך, ומותר האדם מן הבהמה בכח הדבור לדבר דברים טובים בין אדם למקום ובין אדם לחברו.

כא

שמע ישראל, שמע נוטריקון שחרית, מנחה, ערבית, צו דעם האָט גאָט געגעבען דעם מענשען דעם צונג, ווי דוד המלך האָט גע־זאָגט (תהלים נ"ח) האמנם אלם צדק תדברון מישרים תשפטו בני אדם. אָבער דער צונג פון דעם רשע איז ווי אַ שאַרף פון אַ שווערד צו דעם צדיק.

הנני משביע בשם אלהי יתברך שאסור להדפיס זה הספר „השארת הנפש" בלי רשותי עד כלות זמן של עשר שנים מעת שיצא מבית הדפוס, והאיסור חל הן במדינה זו והן בשאר מדינות בכל העולם כולו.

כב

ודע אחי ישראל, כי זה הספר מלא רמזים וסודות התורה, סודות מן הקרבנות, סודות מן עשרה מדרגות עד רוח הקודש, סודות מן השארת הנפש אחר המות. כי חלקתי את הספר הזה לארבעה חלקים: החלק הראשון חלק הקרבנות, החלק השני עשרה מדרגות עד רוח הקודש, החלק השלישי הנבואה עם השארת הנפש, החלק הרביעי מלפנו מבהמות הארץ והוא מוסר השכל מן כל החיות והבהמות והעופות אשר הם מצפים אל האדם לעלות על הסולם לעולם העליון. כמו שכתבתי בספרי „שנים אוחזין בטלית", אנשים נוסעים מעיר לעיר עם הספינה, ועל הטריינס, ועל הסאַבוויים, ועל אָטאָמאָבילס, והמנהיג הוא המאָטאָרמאַן, וצוה המלך את המאָטאָרמאַן והנהיג את העם וכל אשר להם ולהביא אותם בשלום אל עירם, והמלך ישלם לו שכר טוב. ואם תעשה מהם מתים או בעלי מומין ח"ו תקבל עונש בעבורם, כי אתה עובר על צו המלך, כי המנהיג המאָטאָרמאַן ערב אם לא אביאם אליך בשלום, וחטאתי למלך כל הימים, והם עשו את הקאָנטראַקט וכתבו וחתמו על השטר.

כג

אליכם אישים אקרא, שמעו אלי רודפי צדק, מבקשי ה', דעו נא רבותי, כי ר' ישראל מנהיג את כל הבריאה, אם ישראל עובד את ה' בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך, אז ישראל מעלה את כל הבריאה על הסולם לעולם העליון, ואז הוא משיג רוח הקודש, וזה אדם הנסתר, אבל ה' נתן יכולת לכל אדם, שנאמר וכל העם רואים את הקולות ואת הלפידים ואת קול השופר ואת ההר עשן, את הדברים האלה דבר ה' אל כל קהלכם בהר מתוך האש הענן והערפל קול גדול ולא יסוף ויכתבם על שני לוחות אבנים ולא יסוף, מאַכט דער תרגום ולא פסק, עס האָט נאָך ניט אויפגעהערט די שטימע פון גאָט, דער רוח הקודש האָט קיינמאָל ניט אויפגעהערט. אין אַלע צייטען איז פאַראַן מענשען בעלי רוח הקודש, דאָס איז דער אדם הנסתר פון אַלע צייטען.

כד

התנצלות המחבר בנימין זאב ראַזאַף, מפני מה כתוב בתורה יצחק בן אברהם אברהם הוליד את יצחק, לפי שהיו לצני הדור אומרים שלא נתעברה שרה מאברהם, מה עשה הקב״ה, צר קלסתר פניו של יצחק לאברהם והעידו הכל אברהם הוליד את יצחק, משום כי אני בעל מלאכה מבן י״ג שנה והיום הזה אני עושה עניבות שקוראין נעקטייעס, ועוד כל ימי חיי אני סובל יסורים, איש חלש, סבול מכאובים, כי ה׳ גזר עלי בשעת יצירתי מבטן אמי, כמו שאמרו חז״ל (נדה דף ט״ז) שהקב״ה גוזר על האדם גבור או חלש, חכם או טיפש, עשיר או עני, אבל צדיק או רשע לא קאמר, והוא גזר עלי יסורים וצער גדול מיום שנולדתי, ואף על פי כן בסיעתא דשמיא כתבתי זה הספר היקר „השארת הנפש״, ועוד כתבתי מקודם ספר „שנים אוחזין בטלית״ אשר הם מביאים את האדם לעשר מדרגות עד רוח הקודש, אבל זה למעלה מן הטבע, כי יש אנשים שהם אינם מאמינים שבעל מלאכה במשך כל ימי חייו למד קבלה, סודות התורה וכתב ספרים, והם אומרים שזה נגד הטבע, לפיכך האָב איך גע־שטעלט אין ספר מיין פיקטשע, מיין פאָטאָגראַפיע, וזה עדות שאני כתבתי את הספרים האלו. וזה אברהם הוליד את יצחק למעלה מן הטבע, וכן עם המחבר בנימין זאב בר׳ אריה ז״ל ראַזאַף, למעלה מן הטבע.

כה

כי שבעה ברעות נפשי וחיי לשאול הגיעו, אבל חז״ל אמרו שחייב אדם לברך על הרעה כשם שמברך על הטובה, כי מאת הש״ית שהוא מקור הטוב לא תצא הרעות. גם בהרעה טמון הטובה ב״ה. אהלל באלהים אהלל, ואמר אך חשך ישופני ולילה אור בעדני ולילה כיום יאיר בחשיכה כאורה. איך האָב אָפּגעלעבט מיין לעבען אין צרות אין יסורים אין צער, אָבער פון דער פינסטער פון צער האָט מיר גאָט געהאָלפען צו שרייבען 2 געטליכע ספרים: „שנים אוחזין בטלית״ אונ דעם ספר „השארת הנפש״, איך האָף צו השם יתברך, אז

ער וועט מיר העלפען ווי ער האָט געהאָלפען יוסף הצדיק. מיינע ליבע ברידער, איך בעט אַלע לומדים, רבנים, דרשנים, מטיפים, אַז איהר זאָלט מיך דן זיין לפנים משורת הדין, דן זיין לכף זכות, וואָס איך שרייב דעם ספר בעזרת השם יתברך מיט עברי טייטש, ווייל איך וויל דאָ מגלה זיין גרויסע סודות פון די קרבנות און די סודות פון „השארת הנפש", וועלכער טייל פון דעם מענשען עס בלייבט נאָך דעם שטאַרבען, ווען ער קומט אין גן עדן. וועלכער חלק פון דעם מענשען עס בלייבט איבער, וואָס ער האָט דעם גן עדן. דערפאַר רוף איך דעם ספר „השארת הנפש". די סיבה וואָס איך שרייב איהם מיט עברי טייטש איז ווייל מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" פאַרשטיי־ען ניט אַלע אידען, נאָר די גרויסע לומדים, אָבער איך בין אַ פּראָסטער אַרבייטער, אַ שניידער פון 13 יאָהר אָן, נאָך אַלעם קינד, ווייל איך, אַז מיינע ברידער בעלי מלאכות זאָלען קענען פאַרשטיין מיין געט־ליכען ספר. און דאָס פאָלק פאַרלאַנגט דאָס, מען האָט מיר געבעטען צו שרייבען מיינע ספרים מיט עברי טייטש, מען דאַרף טאָן דעם ווילען פון דעם פאָלק, ווייל אַלע תפלות ענדיגען זיך את עמו ישראל בשלום. עמו זיינען די פּראָסטע מענשען, אָבער גאָט האָט געזאָגט צום נביא ישעיה (מ"ג) עם זו יצרתי לי תהלתי וספרו גאָט וויל אַז דער פאָלק זאָל איהם לויבען, ואל זה אני אביט אל עני ונכה רוח וחרד על דברי, גאָט האָט געזאָגט צו משה רבינו, ועתה לך נחה את העם אל אשר דברתי לך הנה מלאכי ילך לפניך. פון די אַלע פסוקים איז צו זעהן אַז גאָט פאַרלאַנגט אַז מען זאָל לער־נען דעם פאָלק ווי ער פאַרשטייט. תהי נא ידך לעזרני כי פקודיך בחרתי, שמע ה' וחנני, ה' היה עזר לי. בסיעתא דשמיא שרייב איך דעם געטליכען ספר. יהי רצון אַז דער ספר „השארת הנפש" זאָל ברייננען אַלע מענשען צו רוח הקודש, אמן.

כו

וכתבתי על האבנים את כל דברי התורה הזאת באר היטב. היטב בגימטרי' שם הויה כ"ו 26, כלומר את הספר הזה כתבתי לשם ה' ותמונת ה' יביט. יביט בגימטרי' אל 31. וזה אשר צריך

המחבר צו האַלטען אין זיין מחשבה מחשבות קדושות, זיין קאָפּ זאָל זיין אין דעם הימעל ווי יעקב אבינו והנה סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה והנה ה׳ נצב עליו, דאָס דאַרף זיין אַ מחבר פון ספרים. מיינע טייערע ברידער, אין דעם חלק רביעי איז דאַרטען פאַראַן די גרעסטע השכלה פון אַלע חיות בהמות און עופות, אַ מוסר השכל געשריבען אין עברי טייטש.

כז

איך האָב אין פערטען חלק געשריבען די אַלע סיבות פון וואַנען עס ווערען אפיקורסים, פון וואַנען זיי גייען אַראָפּ פון דעם וועג פון דער תורה, יהי רצון מן זעיר אנפין שיתנו לי יכולת ללקט צו קלייבען די פסולת פון די לוחות, וואָס עס איז איבערגעבליבען. אַלע פסולת משם נתעשר משה, וגם אני בחלומי. יהי רצון שיהיה כן ומכינס אותם לפני ה׳ וזה יהיה שכרי ונחמתי.

כח

מיינע ליבע ברידער, אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" האָב איך דאַרטען געשריבען אַז משיח וועט קומען אין אַמעריקע, איך האָב געגעבען 2 אורזאַכען: די גמרא אין עירובין (דף מ"א) זאָגט, אַז משיח דאַרף קומען צום בית דין הגדול, האָב איך בעזר השם געשריבען אַז דער בית דין הגדול איז ניו יאָרק מיט ברוקלין, ווייל אַלע רבנים קומען אין אַמעריקע. צווייטענס ווייל משיח דאַרף קומען אין דעם זכות פון צדקה און דער מקום פון צדקה איז אַמעריקע. אָבער די גמרא אין סנהדרין (דף צ"ח) זאָגט דאַרטען, אַז משיח זיצט אין די טויערען פון דער שטאָט רוים, אליהו האָט געזאָגט צו ר׳ יהושע בן לוי, אַז משיח זיצט מיט קראַנקע אָרעמע לייט אין דער שטאָט רוים. והיכא יתיב אפתחא דרומי והוא יתיב ביני עניי סובלי חלאים. יעצט איז דאָך אַ פראַגע, אליהו הנביא ווייסט געוויס וואָס ער האָט געזאָגט, אָבער איך, דער מחבר פון ספר „השארת הנפש" שרייב דעם אמת, נאָר אליהו האָט געוואָלט פאַרשטעלען די גרויסקייט

פון משיח אַז ער איז אַ געטליכער מאַן; ער האָט זיין קאָפּ אין דעם הימעל אין דער הויך, ער טראַכט אימער פון גאָטהייט, פון דער שכינה, פון רוח הקודש, פון השארת הנפש, ווייל דער וואָרט רוים איז דער טייטש הויך, אַזוי ווי מיר זאָגען אין דאַווגען אויף גאָט ברום עולם מושבך, אַז גאָט זיצט אין די הויכקייט פון דער וועלט. איך האָב געסעטעלט מיט אליהו הנביא, ער איז גערעכט און איך, דער מחבר פון דעם ספר, בין אייך גערעכט. גאָט צו דאַנקען, עס איז שלום ביי דעם מחבר מיט אליהו הנביא, זאָל ער קומען און זאָגען די גוטע בשורות טובות ישועות ונחמות, עס איז שוין צייט, אַז משיח בן דוד זאָל שוין שרייבען הייליגע ספרים פאַר דעם עם ישראל ווי צו האָבען נבואה.

כט

כתיב טוב שם טוב משמן טוב ויום המות מיום הולדו. שלמה המלך זאָגט אין קהלת (קאַפּיטעל ז׳) אַז אַ גוטער נאָמען איז בעסער פון גוטען בוימעל, און דוד המלך זאָגט אין הלל: יהי שם ה׳ מבורך מעתה ועד עולם. דאָס הייסט אַז גאָט׳ס נאָמען זאָל זיין געבענשט אויף אייביג, דאָס מיינט אַז אַ איד זאָל לערנען אַ הייליגען ספר, ווייל ספר בגימטרי׳ 340 און שם בגימטרי׳ גם כן 340. דער זעלבער ציפער 340, ליגט אויף דעם אידען אַ חיוב צו לערנען אַ ספר. און אויב מען קען שרייבען אַ הייליגען ספר איז ער דאָס מחויב צו טאָן צו לאָזען אַ שם טוב, שם איז די צאָל 340, ספר איז די צאָל 340, טוב שם טוב משמן טוב.

ל

אַ איד דאַרף זיין אַ מאמין אין גאָט, וועט ער ניט בלאָנדזשען, ווייל עס האָט אַמאָל געטראָפען מיט אַ דאָקטאָר אַ פילאָזאָף ווען ער איז געקומען אין דער קאָנטרי אין אַ האָטעל, זיינען אַלע געסט נאָך דעם עסען געגאַנגען אויף אַ שפּאַציר אָבער דער פילאָזאָף איז געווען אַ בעל גאוה, ער איז דאָך אַ דאָקטאָר פילאָזאָף, פּאַסט איהם ניט

צו גיין מיט אַלעמען, איז ער געגאַנגען אַליין שפּאַצירען, ער איז געקומען צו אַ פּרשת דרכים, עס לויפען וועגען אין אַלע זייטען. איז געשטאַנען דאָרטען אַ סלופּ מיט דעם סיין אויפגעשריבען אַלע וועגען ווי צו גיין. האָט ער זיך אויסגעלאַכט: איך בין אַ דאָקטאָר פילאָזאָף זאָל איך פאָלגען דעם שטיק האָלץ, דעם סלופּ, איך וועל מיר גיין מיין וועג, נאָך דער מאַפּ, די לאַנדקאַרטע וואָס איך האָב געלערנט. האָט ער נעבאַך פאַרבלאָנדזשעט טיף אין וואַלד, עס איז געוואָרען שפּעט אין דער נאַכט, ער האָט געמוזט שרייען נאָך הילף, ער האָט געהאַט שאַנדע אין דעם האָטעל, ווייל ער האָט ניט געוואָלט גלויבען וואָס עס איז אָנגעשריבען אויף דעם סלופּ, ער איז געגאַנגען זיין וועג, האָט ער פאַרבלאָנדזשעט. זיי וויסען, מיין פילאָזאָף, אַז דער וואָס האָט אָנגעשריבען דעם סיין אויף דעם סלופּ האָט געוואוסט די אַלע וועגען אין דעם געגענט, אַזוי איז דער מחבר פון אַ הייליגען ספר, אַז ער שרייבט וועגען רוח הקודש, וועגען גאָטהייט, געוויס ווייסט ער וואָס ער שרייבט, האָט איהם גאָט געהאָלפען אַז ער קען שרייבען צו ברייגנען דעם מענשען צום גליק, צו השארת הנפש ביז נבואה, מען דאַרף זיין אַ מאמין אין גאָט.

לא

מיינע ליבע ברידער, די אַלע סודות וואָס איך האָב בעזר השם פאַר אייך געשריבען איז דאָס אַלעס אמת. יעדער מענש קען האָבען רוח הקודש, ער זאָל נאָר אָנטלויפען פון לשון הרע, פון ליצנות, פון דברים בטלים, פון די ד׳ כתות חשמ״ל וואָס האָבען ניט קיין עולם הבא צוליב זייערע שלעכטע צינגער. דער מענש דאַרף מקיים זיין די מצוה פון פאה, בכורים, והראיון, לקט, שכחה. די ערשטע מחשבה, דער ערשטער דבור אין דעם פרימאָרגען, ווען מען כאַפּט זיך אויף פון שלאָף, דאַרף דער מענש ברייגנען צו גאָט, דאָס איז די מצוה פון בכורים. פאה בגימטרי׳ אלהים 86. לקט צו קלייבען אַלע נצוצים של קדושה פון די אַלע זאַכען, וואָס דער מענש טוט עסען. שכחה צו פאַרגעסען דעם שנאת חנם, דאָס איז די מצוה פון שכחה. מענשען, וואָס האַלטען זיך הייליג, זעהען זיי די שכינה, דאָס איז די מצוה

והראיון, דאָס מיינט צו זעהן די שכינה, דאַן קען מען וויסען אַלע סודות פון דעם הימעל. דאָס קומט על פי דרך הטבע. ווען איך בין געווען אַלט 36 יאָהר בין איך געקומען צו דער מדרגה פון השארת הנפש, מען דאַרף היילִיגען אַלע אברים, קען מען וויסען אַלע סודות השמים.

לב

די ערקלערונג פון השארת הנפש וועט איהר געפינען אין דעם דריטען טייל אין חלק הנבואה, געטליכע טעמים. איך האָב דאָ אין דעם ספר „השארת הנפש" פיעל מאָל געשריבען אַז די תורה האָט געזאָגט זה ספר תולדות אדם מיינט דאָס אַז דער לעבען פון יעדען מענטשען דאַרף זיין ווי אַ ספר, עס מיינט הייליג ווי דער ספר. יעדער טאָג פון דעם לעבען איז אַ בלאַט פון דעם ספר אָנצושרייבען תורה מצות מעשים טובים, אָבער די עלטערען דאַרפען שרייבען די הקדמה אויף דעם ספר, דאָס זיינען די קינדערשע יאָהרען. מען דאַרף פלאַנצען דעם קינד מיט אמונה, מיט יראת שמים, מיט גוטע מדות צו גאָט און צו לייטען. דאָס ווייס איך פון זיך זעלבסט, ווייל מיינע עלטערען האָבען מיך געלערענט ווי צו זיין אַ מאמין אין גאָט. מיין גאָטזעליגע מוטער מרת רייקע ע"ה בת ר' יצחק, איז געווען פון די אמהות שרה רבקה, רחל, לאה. און אַן אָרימען קראַנקען לעבען האָט מיר מיין הייליגע מוטער געגעבען, אַן עכטע אידישע ערציהונג. אויך דאָס־גלייכען מיין פאָטער ע"ה, אריה ב"ר ברוך. זיי האָבען אָנגעשריבען די הקדמה אויף מיינע קינדערשע יאָהרען. דערפאַר האָט מיר גאָט געהאָלפען צו שרייבען 2 געטליכע ספרים : דעם ספר „שנים אוחזין בטלית" און דעם ספר „השארת הנפש".

מיר וועלען פאַרשטעהן מיט אַ משל : אַ מענטש האָט אַמאָל געהערט אַז מען געהט דורך דעם גרויסען טיפען וואַלד ביז אויף יענעם זייט וואַלד, זיינען דאָרטען פאַראַן גרובען פון גאָלד און זיל־בער, אָבער עס איז אַ סכנה צו איבערגעהן דורך דעם וואַלד, האָט דער מענטש געפונען אַן עצה. ער האָט אָנגעבונדען אַ שטריק צו דעם ערשטען בוים פון דעם וואַלד ער זאָל ניט פאַרבלאָנזען אין דעם

וואַלד, ער האָט געהאַלטען פאַר דעם שטריק די גאַנצע לייִנג פון דעם וואַלד די שטריק איז געווען געגנוג לאַנג איז ער געקומען אויף דעם צווייטען זייט פון דעם וואַלד, ער האָט דאָרטען געפונען גאָלד מיט זילבער. ער איז געקומען אַהיים אַן עושר, ער האָט אָבער ניט אָפגעלאָזען דעם שטריק ער זאָל ניט פאַרבלאָנזען אין דעם וואַלד. מיינע ברידער, פאַרשטעהט איצט דעם נמשל, די תורה רופט זיך עץ חיים דער מענטש דאַרף געפינען די גאָטהייט, די שכינה. די וועלט איז אַ גרויסער טיפער וואַלד, מענטשען בלאָנזען דעם גאַנצען לעבען. געגנוג פילאָזאָפען ווייסען ניט אויב עס איז דאָ אַ גאָט אַ מנהיג אויף דער וועלט, האָט גאָט געגעבען די מצוה פון תפלין איז פאַראַן אַ קשר של יד און של ראש, זיך צובינדען צו דער תורה וואָס זי הייסט עץ חיים היא למחזיקים בה, און דאַן זוכען די גאָטהייט די שכינה, ער לאָזט זיך געפינען אַז מען איז נאָר צוגעבונדען צו דער תורה, דאַן קריגט דער מענטש דעם רייכטום פון השארת הנפש, דאָס איז בעסער פון גאָלד און זילבער וואָס עס איז אויף אַ ווײַלע ווי אַ חלום, אָבער השארת הנפש איז אויף אייביג.

אויך איז דאָ פילאָזאָפען וואָס דעם גאַנצען לעבען זוכען זיי די שטערען אין הימעל און די מענטשען דענקען אַז עס איז אַ גליק צו מעסטען די שטערען, פרעג איך אַ פראַגע : אויב די שטערען זיינען אַזאַ וויכטיגע אַזאַ חשוב'ע זאַך, טאָ פאַרוואָס האָט גאָט גע־מאַכט אַז די שטערען האָבען זיך געבוקט צו יוסף הצדיק. איך האָב אָנגעשריבען אַז משיח בן דוד האָט געזעהן אין חלום דעם הימעל מיט אַלע שטערען דאָס איז געווען אין תרס"ו נאָך סכות. איז אַ באַווייז אַז ער וועט קעניגען איבער דער גאַנצער וועלט, מאַכט גאָט אַז די שטערען בוקען זיך צו דעם צדיק איז דאָך אַ באַווייז, אַז דער צדיק איז גרעסער ווי די שטערען איז טאַקע בעסער צו זיין אַ בעל רוח הקודש, צו וויסען אַלע הימעלשע סודות פון די גאָטהייט, פון דער שכינה, פון השארת הנפש, פון דעם מחבר דער גוטער פריינד פון דער גאַנצער מענטשהייט.

זייט וויסען אַז די יסורים וואָס משיח ליידט אויף דער וועלט וועט דאָס געוויזען אַלע נאַכט אין גן עדן, די אַלע סודות קען דער מענטש וויסען אַז ער לערענט קבלה זהר הקדוש. זהר איז דער טייטש

קלאָר ליכטיג, ווי דער הימעל ווי די זון טוט שיינען אויף דער וועלט, אַט אַזוי טוען שיינען די נשמות פון די מענטשען וואָס לערנען קבלה זהר הקדוש. זייערע נשמות שיינען אין אַלע הימלען אין אַלע וועל־טען. זאָל גאָט העלפען אַז אַלע אידען זאָלען לערנען קבלה זהר הקדוש, די ליכטיגע תורה.

די גמרא זאָגט אין ירושלמי שקלים פרק ששי, אַז די לוחות האָבען געהאַלטען 6 טפחים, צוויי טפחים איז געווען אין די הענט פון משה רבינו, און צוויי טפחים איז געווען אין די הענט פון הקדוש ברוך הוא, צוויי טפחים זיינען געווען אין דער מיטען. אַלע מענטשען לערנען דעם פשט פון דער תורה, די גרויסע לומדים לערנען די צוויי טפחים, די מיטעלסטע, די צוויי טפחים וואָס גאָט האַלט זיי אין זיין האַנט, דאָס איז די סודות פון דער תורה, קבלה, רוח הקדוש, נבואה, השארת הנפש. זהר איז דער טייטש ליכטיג ווידער הימעל. עס איז ליכטיג אין די קעפּ ליכטיגע מחשבות לערנען דאַוונען אין שלאָף ווי יעקב אבינו אין חלום, ויחלם והנה סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה והנה מלאכי אלהים עולים וירדים בו והנה ה׳ נצב עליו, און די זעלבע זאַך איז מיט די מענטשען וואָס לערנען קבלה סודות התורה והנה ה׳ נצב עליו, ער איז דאָ אין אַלע דורות אין אַלע צייטע דער אדם הנסתר.

לג

צו מיינע ליבע ברידער פון אַלע קלאַסען מענטשען ! איך האָב בעזר השם אָנגעשריבען פאַר אייך טעמים אויף השארת הנפש דאָס איז אין דעם דריטען טייל אין חלק הנבואה. אין דעם צווייטען חלק האָב איך פאַר אייך אויסגעשריבען אַלע 10 מדרגות, ווי מענטשען קומען צו רוח הקודש דאָס איז געשריבען אין עברי טייטש, אַז אַלע זאָלען עס פאַרשטעהן וואָס דאָס איז גלייך ווי אַ מענטש וואָס ער שטעהט לעבען ים. נוטריקן פון ים : יראה מלכא, מורא פאַר דעם מלכות, און ער גיסט אַריין וואַסער פון ים אין אַ באַרעל, אַ פאַס וואָס זי איז פאַרמאַכט די וואַסער זאָל ניט אַרויסגעהן, אָבער די

וואסער קען ניט זעהן דעם ים וואס זי איז גענומען געווארען פון ים, דאס איז איהר פאטער אבער זי קען איהם ניט זעהן, זי איז אין א פינסטערער כלי, דערנאך האט דער מענטש אנגעגאסען וואסער פון דעם ים אין א גלעזערנעם גאלען מיט די ים וואסער, א ריינעם גאלען פון גלאז, האט די וואסער געזעהן דעם ים איהר פאטער פון וואנען מען האט איהר גענומען.

מיינע ברידער דער גוף דער קערפער אז ער איז אריינער אן שלעכטס א קדוש וטהור, א צדיק תמים דאס איז א גאלען פון גלאז, א גלעזערנע כלי, קען די נשמה זעהן די שכינה דורך דעם גוף דורך דעם קערפער, די נשמה זיצט אין א גלעזערנער כלי, ער זעהט די שכינה ער האט רוח הקודש, אבער אז די נשמה זיצט אין א בארעל אין א פאס, א פינסטערער גוף, א קערפער מיט אלע תאוות פון הבל הבלים, עס איז איהם פינסטער אין זיין קאפ.

מיין ליבער ברודער ארבייט אויס דיין גוף דיין קערפער ווי א גלאז ריין פון אלע שלעכטעס וועסטו זעהן די גאטהייט עס איז ניט קיין שווערע זאך צו טאן, נעם א ביישפיל פון אן איי, דער געלכעל און דער ווייסעל זיינען צוזאמען אין דער זעלבער שאלעכץ. כל זמן זיי ווערען ניט צומישט איינער מיט דעם צווייטען זיינען זיי פריש, אבער אז זיי ווערען צוזאמען געמישט זיינען זיי פארשטונקען, מען ווארפט זיי ארויס אין די מיסט, מען קען ניט שטעהן לעבען זיי, א שלעכטער ריח. גאט האט באשאפען דעם מענטשען מיט די כחות הנפש און מיט די כחות הגוף צוזאמען אין איין גוף. דאס איז די שאלעכץ אויף צו האלטעןביידע 70 יאהר אויף דער וועלט ניט צו מישען די נשמה מיט דעם גוף האלטען זיי סעפערט, ווען די נשמה וועט זיין אין דעם גוף ווי די וואסער פון דעם ים איז אין א גאלען פון גלאז אט אזוי זאל זיין דער חומר דער גוף א ריינער מויל פון לשון הרע, ריינע אויגען פון עריות, א ריינער קאפ פון אפיקורסות, א ריינע הארץ פון שנאת חנם, ריינע הענט פון גנבה גזלה, ריינער מאגען פון טריפה מאכלים. האב אין זינען אז די וועלט איז א האטעל אויף א ווײלע, מען געהט באלד צוריק מען לאזט אלעם איבער. אין די ווייסע קליידער איז ניטא קיין פאקעטס קיין קעשענעס צו נעמען

מיט. אָט די אַלע זאַכען ברענגט צו זעהן די שכינה די גאָטהייט דאָס איז דער תכלית פון דעם מענטשען אויף דער וועלט, פון דעם מחבר דער גוטער פריינד פון דער גאַנצער מעטשהייט.

אין דעם דריטען חלק איז פאַראַן די באַווייזע אויף השארת הנפש דאָס איז אַ נאַטירליכע זאַך ווען די טייבעלע אָדער די הינדעלע איז אין דער שאָלעכץ פון דער איי איז איהר פינסטער אָבער אַז די טייעבעלע צובריכט די שאָלעכץ פון דער איי און זי געהט אַרויס פון דער שאָלעכץ דאַן ווערט איהר ליכטיג זי זעהט פאַר זיך די גאַנצע וועלט, אַזוי איז דער מענטש ער ליגט אין דעם חומר אין גוף דאָס איז די שאָלעכץ אין לשון הקודש הייסט דאָס קליפה אין אַלע נאַרישע תאוות מיט אַלע שלעכטע מדות זיטען צו נאַרישקייט איז דעם מענטשען פינסטער ער פאַרשטעהט ניט דעם תכלית פון דעם לעבען אויף דער וועלט. די חיות בהמות לעבען נאָר צו עסען און טרינקען אָבער פאַר דעם מענטשען איז דאָס ניט דער תכלית ווייל ער איז געקומען פון הימעל די נשמה איז געקומען פון כסא הכבוד קען דער מענטש ביי זיין לעבען וויסען וואָס עס טוט זיך אין דעם עולם העליון. זאָל שוין זיין דער ווילען פון גאָט אַז אין דער גאַנצער וועלט זאָל מען שוין הערען דעם קול פון שופר של משיח אמן און אַלע מענטשען זאָלען זעהן השארת הנפש ביים לעבען. פון דעם מחבר דער פריינד פון דער גאַנצער מעטשהייט.

לד

מיינע ליבע ברידער מיר וועלען פאַרשטעהן פון דער ביזנעס וועלט, דער באַנקיר וואָס האָט אַ באַנק מיט אַפולע געלט נעמט ער אַביסעל געלט און ער לייגט דאָס אַריין אין דעם פענסטער פאַר אַ סיין אַן אַדווערטייזמענט אַז ער האָט אַפולע געלט צו מאַכען ביזנעס אָבער דעם קאַפּיטאַל האַלט ער אין דעם סייף אין דעם פענסטער איז נאָר אַ סעמפּעל. אַזוי איז אַ געטליכער מחבר וואָס ער שרייבט געט־ליכע ספרים מיט סודות התורה, ער שרייבט אַביסעל פון די סודות וואָס ער ווייסט אָבער די רייכטום פון דעם געטליכען פאַרמעגען איז

דאָס באַהאַלטען ביי דעם מחבר טיעף אין זיין האַרצען ווי דוד המלך האָט געזאָגט אין תהלים אין אשרי תמימי דרך (דף קי"ט) בלבי צפנתי אמרתך למען לא אחטא לך, אַלעס קען מען ניט אַרויס שרייבען מען דאַרף הערען אַז גאָט זאָל זאָגען דבר אל בני ישראל דאַן קען דער מחבר שרייבען אַלעס פון די גאָטהייט אָבער יעדער מענטש קען קומען צו רוח הקודש נאָך דעם קאָנטראַקט מיט אברהם אבינו כה יהיה זרעך.

אונזער תורה איז געגליכען צו אַ דעפּאַרטמענט סטאָר האָט אַלע סאָרטען וואַרע, עס איז פאַראַן אַ זאַך פאַר איין דאָלאַר, פאַר צעהן דאָלאַר, פאַר הונדערט דאָלאַר, פאַר טויזענט דאָלאַר, וויפיעל דער קאַסטימער קען באַצאָלען אַזאַ סחורה קען ער קויפען, אַזוי איז דאָ אין דער תורה צו לערנען פשט, רמז, דרוש, סוד. דאָס איז געווענט נאָך דעם פרייז וואָס דער מענטש קען באַצאָלען, דער פרייז צו לערנען סודות פון קבלה איז דער גרעסטער פרייז צו באַצאָלען, דער מענטש דאַרף מאַכען הייליג זיינע איברים זיינע חושים. 7 חושים 248 איברים זאָלען זיין הייליג דאַן קען ער קריגען רוח הקודש, ער זעהט די שכינה מיט אַלע הימעלשע זאַכען, דאָס איז דער סוד פון נבואה, אָבער די חכמים האָבען געזאָגט ועמך כלם צדיקים דאָס איז אַן אמת, מיר וועלען דאָס פאַרשטעהן פון עולם הזה, מיר זעהען אַז מענטשען שטעהען אין אַ באַנק צו דעפּאַזיטען געלט אין דער באַנק, יעדער דעפּאַזיטאָר האָט אַ באַנק בוק צו סייפען דעם רייכטום זיין קאַפּיטאַל, אַלע שטעהען אין דער ליין אָבער עס איז ניט גלייך די ביכלעך, עס איז פאַראַן אַזעלכע וואָס דעפּאַזיטען יעדען טאָג יעדער וואָך יעדען חודש יעדער יאָהר, אָבער ער האָט איין ביכעל ער איז אַ דעפּאַזיטאָר אין דער באַנק, דער פּרעזידענט פון דער באַנק איז געוויס צופרידען פון די וואָס מען זעהט זיי אָפט אין דער באַנק ניט אַמאָל אין אַ יאָהר, עס זיינען פאַראַן אָרימע דעפּאַזיטאָרס אָרימע ביכלעך. דאָס גלייכען אין דער אמונה פון די גאָטהייט, דער רבונו של עולם איז דער באַנ־קיר, די אידען זיינען די דעפּאַזיטאָרס, די תורה מיט די מצות מעשים טובים דאָס איז דער קאַפּיטאַל, דער לעבען פון דעם מענטשען איז אַ ספר יעדער טאָג איז אַ בלאַט פון דעם באַנק בוך זה ספר תולדות אדם ועמך כלם צדיקים, זאָגט די תורה ואברהם זקן בא בימים וה'

ברך את אברהם בכל, והמלך דוד זקן בא בימים גוטע דעפאזיטארם אין דער געטליכער באנק אלע טאג געדינט גאט, ומי יתן כל עם ה׳ כאברהם אבינו כדוד המלך כן יהיה על כל ישראל, מיר האפען אז עס וועט אזוי זיין שנאמר כה יהיה זרעך.

סליק סדר ההקדמה

חוק הקרבנות

מאת

בנימין זאב ב"ר אריה ז"ל ראזאף

חלק ראשון

ניו-יארק

שנת תרצ"א לפ"ק

חלק הקרבנות

פרק ראשון

כתיב, ועל דמות הכסא דמות כמראה אדם עליו מלמעלה (יחזקאל, א.) והוא רמז על האל יתברך, ואומר דמות כמראה, כלומר שאין לו דמות כלל, אבל אמרו בלשון דמות להסביר את האוזן, שראה את השכינה כמלך היושב בכסא על המרכבה. ועוד הוא ראה פני שור ופני אריה ופני נשר ודמות פניהם פני אדם ודמות החיות מראיהם כגחלי אש בוערות כמראה הלפידים. אחי ועמי זה רמז לכל אדם לעבוד את ה׳ באלו הג׳ כחות ללמוד תורה.

(משלי י״ג) ורב תבואות בכח שור, הרבה תבואות באה ע״י כח השור כי יחרש בשדה, כן המקבל עליו עול תורה כשור לעול ימצא ע״י תורה הרבה. וכן למלחמת היצר צריך להיות גבור כאריה. רץ כצבי וגבור כארי לעשות רצון אביך שבשמים (אבות). פני נשר דרך הנשר בשמים (משלי ל.) כי כל המחשבות של האדם צריך להיות בשמים בעולם העליון, כי זה התכלית, ועל אחת כמה וכמה שצריך המחבר מן הספר להיות כנשר, כלומר מחשבתו של מחבר ספרים צריך להיות תדיר בעולם העליון. וזה שאמרו בבראשית רבה גדול כחן של נביאים שהם מדמים הצורה ליוצרה, שנאמר ועל דמות הכסא דמות כמראה אדם כי אלו הצורות כולם אשר ישיגום הנביאים כלם במראה הנבואה הם צורות נבראות, הש״י בוראם. וזה הכח צריך להיות במחבר של ספרים תורה עילאה, אבל ראיתי בני עליה והם מועטים (מורה נבוכים, חלק א, פרק מ״ו).

אחי ורעי זה ידוע כי מצות קרבנות בטלו בגלות על פי הפשט כל הקרבנות בטלין אבל הקרבן שעיר-לעזאזל לא בטל מעולם זה עשו שכתב בו אדמוני כלו כאדרת שער, ונשא השעיר עליו הקב״ה נוטל כל עונותיהם של ישראל ונותנן על עשו, שנאמר ונשא השעיר, ואין שעיר אלא עשו, שנאמר הן עשו אחי איש שעיר, את כל עונותם אל ארץ גזרה (אחרי מות), כלומר כי עשו הוא הגורם לכל הצרות לכל חטאין של עם ישראל כי יעקב סבא לבו שלם עם ה׳

ועם תורתו, וחפצו ותשוקתו לקיים מצותיו אבל מה שהוא חטא אין האשמה על יעקב, כי עשו הוא הגורם להסיר מעליו צלם אלהים שניתן לו מיום הולדו הוא דוחק הזמן והפרנסה הלחץ והדחק של הגלות גורם לכל הצרות לעבור על תורת ה׳, וזה הזכות אשר אמרה התורה ונשא השעיר עליו את כל עונתם אל ארץ גזרה בשביל הגזרת הפאגראמען ה׳ ירחם. אדם כי יקריב איז דער טייטש נאָהענטז צו גאָט גענעהנטען צו גאָט אדם כי יקריב שלשים פעמים כתוב בתורה אצל הקרבנות אשה ריח ניחח לה׳ יש כאן דברים עמוקים. כתיב כל חלב שור וכשב ועז לא תאכלו וכל דם לא תאכלו אבל צריך לשרוף אותם לפני ה׳.

עברי טייטש

מיינע ברידער איך וויל בעזר ה׳ יתברך מגלה זיין די סודות פון די קרבנות, די סודות פון רוח הקדש, די סודות פון השארת הנפש. ווייל מיר זאָגען ותן חלקנו בתורתך יעדער מחבר האָט אין דער תורה איין באַזונדער חלק וואָס ער דאַרף אַרויס געבען פאַר דער וועלט. מיך האָט גאָט באַשאַפען, אַז איך זאָל שרייבען דעם ספר „שנים אוחזין בטלית" און דעם ספר „השארת הנפש". קיינער האָט דערפון ניט געשריבען ביז יעצט, ווייל צו שרייבען אַזעלכע סודות דאַרף מען האָבען אַ צובראָכענע האַרץ אַ לב נשבר. עס איז שוין איבער 60 יאָהר אַז איך לייד יסורים מיט גרויס צער פון אַלע זייטען דערפאַר האָב איך דעם זכות פאַר מיינע יסורים צו שרייבען די גרעסטע סודות פון דער הייליגער תורה די סודות הקרבנות ביז רוח הקודש ביז נבואה.

פרק שני

מיינע ברידער, איך האָב פאַר אייך מיט גאָט׳ס הילף גע־שריבען דעם ספר „השארת הנפש" צו באַווייזען, אַז יעדער מענטש קען זיין געטליך ביז רוח הקודש. גאָט האָט דעם מענטשען צוזאַמען געשטעלט פון דעם גאַנצען באַשאַף פון דער וועלט, חלקים פון אַלע חיות, בהמות און עופות. דער מענטש רופט זיך עולם קטן.

עברי טייטש

פיער מינים עופות איז פאַראַן אויף דער וועלט צו לערנען פון זיי אַ מוסר השכל. התרנגלים — די הענער, האווזים — די גענז וואָס שווימען אויף דעם וואַסער. הצפורים — די פויגלען וואָס פליען אין דער לופטען. הנשר (נשרים המלך שבעופות) דער אַדלער, דרך הנשר בשמים ער פליט אין דעם הימעל. אַלע עופות האָבען פליגלען ניט אַלע האָבען דעם תכלית פון די פליגלען, דער מענטש האָט אויך 2 פליגלען : דעם כח הדמיון מיט דעם כח השכל, ניט אַלע קומען צום תכלית. די טבע פון דער תרנגלת איז צו פיקען אין מיסט און אין שמוץ צו קלייבען ווערים, און זי היט איהרע קינדער ווי אַ געטרייע מוטער, זי גיט די קינדער די זעלבע לעהרע ווי זי טוט אַליין. דער מענטש זעהט אַלעס פרעגט ער ביי דער תרנגולת צו וואָס האָט דיר גאָט באַשאַפען פליגלען, כדי דו זאָלסט זיך אויפהויבען העכער פון דער ערד, דו זאָלסט ניט ליגען אין מיסט מיט דיינע קינדער, דו טויגסט אויף כפרות — ערב יום כפור שלאָגט מען מיט דעם האָן מיט דער הון כפרות, מען זאָגט דריי מאָל בני אדם, דאָס מיינט די וועלט ער קוקט ווי אַ האָן אין בני אדם, יושבי חושך וצלמות, די הון האָט פליגלען זי הויבט זיך ניט אויף פון דעם מיסט פון דער ערד. דער מענטש האָט פליגלען דער שכל מיט דעם כח הדמיון ער זאָל זיך אויפהויבען פון דער ערד פון דעם מיסט מיט זיין שכל, אָבער ער נעמט ניט קיין מוסר השכל פון דער תרנגולת, איז ער דער בני אדם יושבי חושך. הער מיין ברודער זיי ניט ווי די הון זי פיקט אין די מיסט און קלייבט די ווערים פאַר איהרע קינדער, גאָט האָט דעם מענטשען געגעבען 2 פליגלען דעם כח הדמיון מיט דעם כח השכל, ער זאָל זיך אויפהויבען פון דעם ערדישען לעבען, מיט זיין שכל קען ער ווערען געטליך ווי אַלע נביאים, ער דאַרף ניט לעבען אין דער פינסטער. די תורה מאַכט דעם מענטשען ליכטיג זיין נשמה ער קען אַלעס וויסען פון די הימעל זאַכען.

יעצט קומט די אוז, די גאנז, זי שווימט מיט איהרע פליגלען אויף דעם וואַסער מיט איהרע קינדער זי לערענט די קינדער שווימען אין וואַסער. אַ מוסר השכל פאַר דעם מענטשען צו לערנען תורה מצות מיט די קינדער, די תורה איז געגליכען צו וואַסער (ישעיה,

עברי טייטש

נ"ד) הוי כל צמא לכו למים — וזה התורה, ונאמר לא ימוש התורה הזה מפיך, נאך זאגט די תורה ושננתם לבניך ודברת בם, די גאנז לערענט דעם מענטשען א מוסר השכל צו לערנען תורה וואס זי איז געגליכען צו וואסער.

יעצט קומען די צפרים די פויגלען און געבען דעם מענטשען א מוסר השכל. די פויגעל מאכט איהר נעסט אויף א בוים גאנץ הויך, אז קיינער זאל איהר ניט קענען פאנגען. דאס גלייכען דער מענטש מיט דעם יצר הרע, ער וויל פאנגען דעם מענטשען אין זיין נעץ, דארף דער מענטש מאכען זיין נעסט אויף דער תורה וואס זי הייסט עץ חיים היא למחזיקים בה אנטלויפען פון דעם יצר הרע (קדושין, דף ל') הקב"ה אמר להם לישראל בני בראתי יצר הרע ובראתי לו תורה תבלין אם אתם עוסקים בתורה אתם מושלים בו שנאמר ואתה תמשל בו, ווי די פויגעל האט פליגלען אזוי האט דער מענטש 2 פליגלען, דעם כח הדמיון מיט דעם כח השכל ער זאל זיך קענען אויפהויבען פון חיים הגשמי פון מיסט פון דעם ערדישען לעבען צו א לעבען פון רוחניות מיט דער תורה.

דער גרעסטער מוסר השכל קומט פון דעם נשר פון דעם אדלער, דרך הנשר בשמים, ווען גאט האט געוויזען דעם נביא יחזקאל די מעשה מרכבה (ודמות פניהם פני אדם, פני אריה, פני שור ופני נשר לארבעתן) גאט האט געוויזען דעם נביא, אז דער מענטש האט דעם כח פון אריה, פון דעם שור, פון דעם נשר, אז דער מענטש קען פליען אין הימעל מיט זיין קראפט וואס ער באזיצט. דער כח פון דעם נשר דעם אדלער, דאס איז די מחשבה פון דעם מענטשען, ווען גאט וויל באווייזען אז דער מענטש האט אין זיין קראפט צו קומען צו נבואה. (פרשת יתרו, ביי מתן תורה) ומשה עלה אל האלהים ויקרא אליו ה' מן ההר לאמר, כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל אתם ראיתם אשר עשיתי למצרים ואשא אתכם על כנפי נשרים ואביא אתכם אלי, ווען די תורה דארף באווייזען א הויכע מדרגה שטעלט זי פאר א נשר א אדלער מיט שטארקע פליגלען. ווען מען טוט אן דעם טלית זאגט מען דיזע ווערטער : והטלית יפרוש כנפיו עליהם ויצלים כנשר יעיר קנו על גוזליו ירחף. דער גרעסטער

עברי טייטש

מענטש רופט זיך נשר הגדול, ווי דער רמב"ם ע"ה, אַלע האָבען פליגלען די הון, די גאַנז, די פויגעל דער אָדלער, אַזוי זיינען די מענטשען יעדערער האָט 2 פליגלען : דער כח הדמיון דער כח השכל, עס איז פאַראַן אַ מענטש ווי די תרנוגלת פיקט פון די מיסט אָן אמונה אָן תורה. עס איז פאַראַן אַ מענטש ווי די גאַנז אויף דעם וואַסער ער איז אין דער לייען פון דער תורה. עס איז פאַראַן אַ מענטש וואָס ער מאַכט דעם נעסט אויף דער תורה ווי די פויגלען. עס איז דאַ אַ מענטש ווי דער אָדלער פליט אין הימעל אַ בעל רוח הקודש.

שלמה המלך זאָגט כשושנה בין החוחים כן רעיתי בין הבנות. כשושנה ווי אַ רויז ווי אַ בלום בין איך צווישען די דערנער. די תורה שטעלט פאָר ווי דער צדיק האָט צו ליידען פון דעם רשע אויף דער וועלט. 2 רשעים איז פאַראַן אויף דער וועלט אויף דעם צדיק צו פלאַגען. אַנטקעגען יעקב'ן איז געווען עשו און לבן. עשו איז אָן אדמוני אַ רויטער אַ בלוטדורשטיגער הלעיטני נא מן האדם האדם הזה. ער וויל פון יעקב'ן צונעמען זיין געזונט זיין געלט, אָבער יעקב האָט שכל ווי זיך צו היטען פון עשו. אָבער לבן הארמי וויל פון יעקב צו נעמען אַלעס. זיין געלט, זיין געזונט, זיינע קינדער, ער איז פיעל ערגער פון עשו, ווייל עשו איז אַ רויטער מיט שנאה פון בלוט קען מען דערקענען די רויטקייט. אָבער לבן הארמי איז אַ ווייסער, לבן איז דער טייטש ווייס. קיין פלעק, קיין פאַרדאַכט איז ניטאָ אויף איהם, מען דאַרף זיין זעהר קלוג. צו האַנדלען מיט א לבן איז נאָך ערגער ווי צו האַנדלען מיט עשו. מיינע ברידער היט אייך פון לבן הארמי ער איז אַ קלוגער רמאי, ער טוט אַלע שווינדלען אָבער ער איז אַ ווייסער, ער האָט ניט קיין פלעקען, ער איז אימער גערעכט, אָבער אין דער אמת איז ער אַ רשע ערגער ווי עשו. יעקב ליידט פון ביידען פון די רשעים, און גאָט איז מציל דעם צדיק פון די דערנער דאָס איז אין פרט און אין כלל.

פרק שלישי

עברי טייטש

שיר השירים איז א וואונדערליכער שיר. צעהן שירים זיינען אויף דער וועלט געזאָגט געוואָרען, דעם ערשטען האָט געזאָגט אדם הראשון, אז ער איז ניט געשטאָרבען פון דעם עץ הדעת האָט ער געזאָגט מזמור שיר ליום השבת (תהלים צ"ב). דעם צווייטען שיר האָט געזאָגט משה רבינו מיט די אידען ביי דעם ים, אז ישיר משה ובני ישראל (פרשה בשלח). דעם דריטען שיר האָבען די אידען גע־זאָגט ווען גאָט האָט זיי געגעבען דעם ברונען, אז ישיר ישראל (פרשה חקת). דעם פיערטען שיר האָט משה רבינו געזאָגט פאַר זיין שטאַרבען (פרשה האזינו). דעם פינפטען שיר האָט געזאָגט יהושע בן נון ווען ער האָט אָפּגעשטעלט די זון מיט דער לבנה אויף זעקס און דרייסיג שעה, אז ידבר יהושע לה'. דעם זעקסטען שיר האָבען געזאָגט דבורה און ברק (שופטים, ה'). דעם זיבעטען שיר האָט גע־זאָגט חנה ווען גאָט האָט איהר געגעבען א זוהן שמואל הנביא. דעם אכטען שיר האָט געזאָגט דוד המלך אז גאָט האָט איהם מציל געווען פון אַלע זיינע שונאים. דער ניינטער איז שיר השירים אשר לשלמה. דעם צעהנטען שיר וועלען אַלע אידען זאָגען אַז משיח וועט קומען און מיר אַלע וועלען געהן אין ירושלים במהרה בימנו אמן.

מיינע ליבע ברידער! אין דעם חלק הנבואה האָב איך דאָרטען געשריבען דעם גרעסטען וכוח מיט דעם גרעסטען פילאָסאָף אין דער וועלט, אונזער ברודער, דער גרעסטער דיינקער, דער גרעס־טער חכם אין חכמת הטבע, אין אַסטראָנאָמיע, דער גרעסטער פי־לאָסאָף אין דער גאַנצער וועלט, דאָס איז פּראָפעסאָר אַלבערט איינ־שטיין. ער איז אָבער ווייט פון צו פאַרשטעהן די חכמה פון די גאָט־הייט, ווייל די חכמה פון דער נאַטור פאָדערט אַ פילאָסאָפישען קאָפּ מיט אַ שטאַרקען ווילען. אָבער די חכמה פון די גאָטהייט, רוח הקודש, פאַרלאַנגט אַ גוטע ברייטע האַרץ מיט גוטע מדות צו גאָט און צו מענטשען און אַלע אברים דאַרפען זיין הייליגע, ווי די תורה זאָגט (תצא) והיה מחניך קדוש זו אברים של אדם. מען דאַרף לייגען

עברי טייטש

יעדען טאָג תפלין של יד ושל ראש. של יד לעבען דער הארץ פון דעם מענטשען צו טאָן גוטעס מיט מענטשען. תפלין של ראש צו טאָן גוטעס מיט גאָט, צו זיין אַ פילאָסאָף אין די גאָטהייט, צו מאַכען אַן אָרט אין דעם הארצען, פאַר דער שכינה, דאָרט זאָל זיין איהר וואוינונג איהר הויז.

מיינע ברידער ! ווי אַ קוואַל מיט וואַסער קען זיך מעסטען און גלייכען מיט דעם ים, מיט די וואַסער פון ים, הן אין כמות והן אין איכות, אַזוי קען זיך מעסטען די פילאָזאָפיע פון דער נאַטור מיט דער פילאָזאָפיע פון דער גאָטהייט. דער מלכות האָט צו שאַפען אויף די סאָלדאַטען, וואָס פאַר אַ ווערדע האָט דער סאָלדאַט ביי דעם מלך. אָט אַזאַ ווערדע האָבען די צבא השמים ביי גאָט, וכלם עושים באימה וביראה רצון קונם. ווי דער אייזעל ווערט געטריבען פון זיין בעל הבית אָט אַזוי ווערט געטריבען די גאַנצע נאַטור פון דער וועלט פון די גאָטהייט.

(וזאת הברכה) רכב שמים בעזרך ובגאותו שחקים, גאָט רייט אויף אַלע הימלען אויף דער גאַנצער נאַטור. איך שרייב דעם וועג צו רוח הקודש, יעדער איד קען דאָס האָבען. גאָט האָט געזאָגט צו אברהם אבינו כה יהיה זרעך, בעסער צו קענען דעם מלכות ווי צו קענען דעם סאָלדאַט און נאָך מעהר אַז די סאָלדאַטען זיינען אַלע שטומע זיי קענען ניט רעדען נאָר אַלעם אויף שטום לשון. מיר זאָגען השמים מספרים כבוד אל ומעשה ידיו מגיד הרקיע, דער געטליכער פילאָזאָף קען פאַרשטעהן גאָטהייט פון די אַלע הימעלשע ברואים אַלץ אויף שטום לשון, אָבער עס איז דאָך בעסער אַז דער מענטש זאָל קומען צו רוח הקודש צו זעהן די שכינה, צו רעדען מיט דעם רבונו של עולם ווי אברהם אבינו, גאָט האָט איהם געזאָגט כה יהיה זרעך. עס איז גוט צו זיין אַ פילאָזאָף אַ געטליכער מאַן ווי דער רמב"ם, ווי די בעלי התלמוד, די נביאים זיינען געוועזען, אַלע פי־לאָזאָפען אָבער געטליכע, עס זיינען דאָ אַזעלכע מענטשען אין יעדען דור אָבער זיי זיינען באַהאַלטען פון דער וועלט. עס איז בעסער צו קענען דעם קעניג ווי דעם שטומען סאָלדאַט.

פרק רביעי

עברי טייטש

מיינע ליבע ברידער ! זייט וויסען אז נאָך דעם קאָנטראַקט ווי גאָט האָט באַשאַפען דעם מענטשען, דאַרף דער מענטש זיין נאָהענט צו גאָט. אַ פאָטער מיט אַ קינד. גאָט האָט געזאָגט נעשה אדם בצלמנו כדמותנו, אדם בגימטרי׳ 45 און דער שם הוי״ה אין פולען (יו״ד ה״א וא״ו ה״א) בגימטרי׳ גם כן אד״ם 45. דעם נאָמען אדם און דער נאָמען הויה זיינען גלייך אין צאָל 45. דאָס איז על פי הטבע, אַז די מוטער איז מזריע ווערט געבאָרען אַ זכר, אשה כי תזריע וילדה זכר, און נאָך דעם אַלף בית איז דאָס אמת : די מוטער רופט זיך אם, אלף מם, אָבער נאָך דעם אלף קומט דער בית און נאָך דעם מם קומט דער נון, הייסט דאָס ב״ן. מיר האָבען די אמהות שרה, רבקה, רחל, לאה, די לעצטע אותיות פון שרה רבקה רחל לאה (ה׳ ה׳ ל׳ ה׳) בגימטרי׳ אד״ם 45. דאָס זאָגט דער נביא אדם אתם נאָך אונזערע אמהות. נעשה אדם בצלמנו אין דעם שם המפורש איז פאַראַן 10 אותיות (יו״ד ה״א וא״ו ה״א), און דער מענטש איז צוזאַמען געשטעלט : נפש, רוח, נשמה, יש בו גם כן 10 אותיות. פון מצרים האָט גאָט געזאָגט צו משה ער באַפרייט די אידען מיט דעם נאָמען אהי׳ה אשר אהי׳ה מאַכט אַ כפל 21 מאָל 21 בגימטרי׳ אמ״ת 441. 21 פעמים אהי׳ה בגימטרי׳ אמת 441. גאָט זאָגט צו משה מיין נאָמען איז אמת, יהו״ה אלהיכם אמת. אַז דער מענטש איז אמת אַן אמת׳ר איד, אַן אמת׳ר מענטש, אָן שקר ניט קיין פאַלשער, בין איך גאָט מיט דעם מענטשען אַ מחותן. ער איז מיינער אַ גוט קינד ווי אברהם אבינו. כה יהיה רזעך. וזה אמר ה׳ אל משה אם האדם יהיה במדת האמת אני משרה את השכינה עליו, כי אני אמת והוא אמת, כל עוף למיניהו ישכן. וזה הכונה אהיה אשר אהיה.

זייט וויסען מיינע ברידער אַז ראשי תבות פון די חומשים בראשית, ואלה שמות, ויקרא, וידבר ה׳ במדבר סיני, אלה הדברים בגימטרי׳ גם כן 21, שם אהיה בגימטרי׳ 21 און די ראשי תיבות פון

עברי טייטש

די אבות אברהם, יצחק, יעקב בגימטרי׳ אהיה 21, דער נאָמען פון גאָט איז אהיה 21. דאָס זאָגט דער זהר הקדוש ישראל ואוריתא וקדושא בריך הוא חד הוא. דאָס איז דער יחוס פון דעם אידען. זיין נשמה איז אַ חלק פון דער שכינה, דערפאַר איז ניט שווער צו קריגען פאַר דעם אידען רוח הקודש דאָס איז דער קאָנטראַקט מיט אברהם אבינו. כה יהיה זרעך מיט דעם תנאי אַזוי ווי די אבות האָבען געזעהן די שכינה און האָבען געהאַט נבואה און גערעדט מיט גאָט, אָט אַזוי דאַרפען אַלע אידען זיין בעלי רוח הקודש, דאָס איז אַ קאָנטראַקט כה יהיה זרעך. דער מענטש איז אַ בעל בחירה.

זייט וויסען מיינע ברידער, אַז על פי קבלה האָט דער רבונו של עולם, עשרה שמות : כתר, חכמה, בינה, גדולה, גבורה תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות. אַלע ראשי תבות פון די נעמען בגימטרי׳ כמנין ישראל 541. די חכמים האָבען געזאָגט אין דער גמרא (ע״ז דף כ״ב), אַז דער מענטש דאַרף האָבען עשרה מדרגות ביז רוח הקודש. זהירות, זריזות, נקיות, פרישות, טהרה, קדושה, ענוה, יראת-חטא, חסידות, רוח הקודש. אַלע ראשי תבות בגימטרי׳ ישראל 541. האָט גאָט געזאָגט צו משה, דבר אל בני ישראל וזה עם ישראל, אַלע אידען דאַרפען האָבען רוח הקודש. דער קאָנטראַקט מיט אברהם אבינו איז געמאַכט, אַז אַלע אידען זאָלען האָבען נבואה, כה יהיה זרעך, אָבער מיט איין תנאי גאָט האָט געזאָגט צו אברהם התהלך לפני והיה תמים, אַ גאַנצער איד תמי״ם נוטריקון תורה, מצות, יראה, מדות. אַז אַ מענטש האָט די אַלע מעלות האָט ער רוח הקודש, שנאמר כה יהיה זרעך הלואי זאָלען אַלע אידען האָבען רוח הקודש.

עס איז ידוע צו די בעלי מקובלים צו משכילים אַז דער מענטש איז אַ מורכב צוזאַמען געשטעלט פון אַלע כחות פון די חיות, בהמות און עופות ווי די תורה זאָגט ויהי האדם לנפש חיה. בכל מקום שנאמר ויהי זה צער. דער מענטש דאַרף אַרויסטרייבען פון זיך די חיה, דעם אינסטינקט פון דער חיה, דאָס איז די מלחמה מיט דעם יצר הרע. אַז דער מענטש באַזיגט די אַלע תאוות פון די חיות וואָס ער איז צוזאַמען געשטעלט דאַן קומט צו איהם רוח הקודש.

ודע אחי ישראל כי מחשבה בגימטרי' שנה 355, שנה בגימטרי' מחשבה 355, פרעה בגימטרי' גם כן שנה 355. לפי שיש קליפה, כח הטומאה, שנקראת פרעה, דער כח הטומאה פארשקלאפט דעם מענ־טשען בחמר ובלבנים צו א לעבען פון גשמיות ער זאל זיין ווייט פון גאט פון דער תורה. וזה שצריך האדם להרהר תמיד בדברי תורה ויראת שמים. וזה יהיה חיים של טובה, חיים של ברכה. לפי שיש בהם יראת שמים, וזה יהיה חיים הנצחי שהוא חי וקים לעולם ועד. וזה שאמר שלמה המלך (משלי, י') יראת ה' תוסיף ימים ושנות רשעים תקצרנה, אם האדם מהרהר ביראת שמים אז יש לו חיים, ואם האדם מהרהר בהבל הבלים אז אין לו חיים ושנות רשעים תקצרנה. כי זה תלויה במחשבה של אדם לפי שהדבור והמעשה של האדם הולכים אחר המחשבה. וזה שאמרו חז"ל (קדושין, דף מ'), מחשבה טובה הקב"ה מצרפה למעשה, שנאמר אז נדברו יראי ה' איש אל רעהו ויקשב ה' וישמע ויכתב בספר זכרון לפניו ליראי ה' ולחשבי שמו. כי מן המחשבה בא האדם אל המעשה לעשות מצות ומעשים טובים, וזה מביא את האדם אל רוח הקודש, אל השארת הנפש בחייו. אבל אם הוא מהרהר בהבל הבלים, בכת של פרעה, קליפה של טומאה, אז אין לו חיים ושנות רשעים תקצרנה. ועשרת ימי תשובה משלם כל השנה 365 טעג. וזה יראת ה' תוסיף ימים. ולפי הטבע של האדם שכל המעשים באים על המחשבת אם טוב ואם רע, לפיכך אמרה התורה, אדם כי יקריב מכם קרבן לה' מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם, מן הבהמה זו נפש הבהמיות של האדם אם עלה קרבנו וזה ידוע שהקרבן עלה. אדם מקריב על המחשבה רעה, על הרהור חטא ועון, וקרבן עלה צריך לשרוף בלילה בחשך, לפי שההרהור של עברה נקרא לילה, חושך. וצריך לשרוף כלו לה', העולה קדש קדשים הוא, אשה ריח

עברי טייטש

דאס איז דער סוד פון די קרבנות, אדם כי יקריב מכם קרבן לה', יקריב איז דער טייטש געגעהנען, נאהענט צו גאט דארף דער מענטש מקריב זיין דעם נפש הבהמיות, די אלע חסרונות צו פאר־ברענען אויף דעם פייער פון דעם מזבח, זיין בהמה זיין אינסטינקט

ניחח לה׳, כלומר שהאדם ישרף את כל המחשבות הרעות. וזה סור מרע ועשה טוב, שהכל הולך אחר המחשבה וכיוון שבא אדם למדרגה של קדושה נאמר עליו ופשט את בגדיו זו מדות הרעות, ולבש בגדים אחרים זו מדות טובות. ועתה בנקל יכול האדם להשיג רוח הקודש, לפי שהוא שרף את חלק הרע ונשאר חלק הטוב באדם. עולה הוא, שהאדם עלה למדרגה העליונה. ריח ניחח לה׳ נחת רוח לה׳, שהאדם הוא בעצמו נקרא קרבן עלה, קדש קדשים הוא. ועתה נבין את כל הסודות של הקרבנות כלם.

פרק חמישי

ועתה אדם המעלה זה מובן מעצמו כיון שהאדם שרף את המחשבות הרעות, על אחת כמה וכמה שלא יעשה מעשים רעים על פי השכל. אם אין מחשבה אין מעשה, ובטל מן האדם החלק הרע ונשאר החלק הטוב. ועכשו הגוף טהור, החמר והנשמה עומדים בגוף טהור, קודש קדשים, לפי שהוא שרף כל התאוות. והגוף נקרא אהל מועד, והאדם עומד באהל מועד זמן קצר בעולם הזה. וזה ויקרא אל משה וידבר ה׳ אליו מאהל מועד לאמר, דבר אל בני ישראל ואמרת אלהם אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳ מן הבהמה, את נפש הבהמיות יקריב, צוגעהן נאָהענט צו גאָט, להשיג רוח הקודש, יקריב איז דער טייטש נאָהענט, כמו קרוב ה׳ לכל קוראיו, גאָט איז נאָהענט צו אַלע וואָס רופען איהם מיט אַן אמת.

ויכר יוסף את אחיו והם לא הכרהו, וכן המחבר מזה הספר, כי אני עני בעל מלאכה מבן י״ג שנה, ועוד כל ימי אני סובל יסורים, איש חלוש סובל מכאובים וצער גדול מבית ומבחוץ. היסורים רדפו אחרי מיום שנולדתי ואף על פי כן בסייעתא דשמיא כתבתי את הספר היקר הזה „השארת הנפש״ במשך של חמשה חדשים. התחלתי

עברי טייטש

פון דער חיה דעם יצר הרע צו קומען נאָהענט צו גאָט. דאָס מיינט די תורה אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳. יעצט וועלען מיר פאַרשטעהן דעם סוד פון די קרבנות.

בפרשת ואתחנן שנת תר"ץ, וסיימתי בפרשת וישלח (שנת תרצ"א). קויתי אל ה', כי זה הספר יפקח את עיני האנשים להשיג רוח הקודש, וזה יהיה שכרי ונחמתי פון מיין קראַנקען אָרעמען לעבען. פון מיינע אַלע צרות זאָל די וועלט האָבען גוטע ספרים דאָס זאָל זיין אַ רפואה צו מיינע וואונדען און צער.

וישלחו מן המחנה, ר"ל ג' מחנות הם. כתיב והיה מחניך קדוש ופי' בזוהר דקאי ארמ"ח אברי האדם בנין גופו שיהיו קדושים, כן הרמז בשלוח טמאים, ויש ג' מחנות, המחנה האחת הראש של האדם, שבו המוח שהוא שורש המחשבה ומשלח מן שם אפילו טומאה קלה, כמו שאמרו חז"ל קשה הרהורי עבירה מהעבירה. אחר כך מחנה שניה הלב, שהוא חיות הגוף, והלב הוא שני להמוח, וצריך להיותו לב טהור ולב טוב. אח"כ מחנה ג' הוא הבטן וכליו, שהוא מקום המאכל ומקום מוצאו והוא דבר מכוער מצד מה שהאדם הוא חומרי וא"א לו להתקיים בלי זה מ"מ ישלח משם טומאה חמורה דהיינו שיתקדש במאכליו כל מה שאפשר, גם בבית הכסא הזהירו שיהיה צנוע והכל כדי לשלח הטומאה החמורה.

היוצא לנו מדברינו אַז יקריב איז דער טייטש גענעהענען, זאָל מען פאַרברענען דעם נפש הבהמיות, די תאוות פון יצר הרע, אַז דער חמר, דער גוף, איז אַ קדוש וטהור דאַן הייסט ער אהל אַ גע־צעלט, מועד אויף אַ צייט. די נשמה איז אין דעם גוף אַ ביסעל צייט אויף דער וועלט, צו קומען צום תכלית. דאָס דערצעהלט די תורה ביי אברהם אבינו, וירא אליו ה' באלני ממרא והוא ישב פתח האהל כחם היום. יעדער מענטש וואָס האָט רוח הקודש פילט, אַז ער זיצט אין דעם גוף אין דעם חמר ווי אין אַ געצעלט, אויף אַ ווײלע. ווי גאָט האָט זיך באַוויזען צו אברהם אבינו האָט איהם גאָט פאַר־שפּראָכען כה יהיה זרעך. די אבות האָבען גערופען די מדרגה פון רוח הקודש בית אל, ויקרא למקום ההוא בית אל, כי שם נגלה אליו האלהים. יהי רצון שיהיה כן על כל ישראל אמן.

פרק שישי

אדם כי יקרב מכם. על האדם לעורר עצמו כמקריב א"ע ויחשוב זאת תורת העולה, זאת תורת החטאת, זאת תורת האשם, כלומר זאת שעושה בבהמה הוא התורה, שהיה ראוי להיות נעשית בהעולה על רוחו בהרהור חטא, וכן בהחטאות וכן בהאשם. וכשהוא מרגיש בעצמו שהוא דבוק בהש"ית. זאת תורת השלמים, שלום למזבח, שלום לכהנים, שלום להבעלים ואז מקוים בו, ואתם תהיו לי ממלכת כהנים וגוי קדוש, והוא שלום בין אדם למקום ובין אדם לחבירו, ואז הוא נקרא קרבן שלמים. אבל ועסוק בתורתם בשברון לב ויצטער שלא יוכל לעשות בפועל ויתודה ויהיה לבו נשבר בקרבו ויתקיים בו זבחי אלהים רוח נשברה על כל קרבנך תקריב מלח. טעם מצוה זו כמ"ש רז"ל תנאי התנה הקב"ה עם מי הים, שיעלו לקרבן והמקריב צריך להתיסר מעצמו, מה מלח ממתיק את הבשר אף יסורין של אדם כן, אז תתקיים התשובה כתקנה על כל קרבניך תקריב מלח, וזה היסורין.

אליכם אישים אקרא, שמעו אלי רודפי צדקה מבקשי ה', דעו נא רבותי כי זה אשר כתבתי הם דברי אלהים חיים, מפני שהתורה נצחית עם כל תרי"ג מצות, וכל ספר ויקרא מדבר ממצות הקרבנות, ובזמן שאנחנו בגלות ואין לנו בית המקדש ולא הקרבנות תהיה התורה חסרה מן המצות, והתורה והמצות הם נצחיים, וזה לא יהיה, כמו אם האדם שהוא מחוסר אברים הוא בעל מום, וכל מום לא יקרב, אבל תורת ה' תמימה משיבת נפש פקודי ה' ישרים מצות ה' ברה מאירת עינים, ואין לה מום אלא כמו שכתבתי בספר „שנים אוחזין בטלית" בהקדמה שלי.

וביום הקים את המשכן יכסה הענן את המשכן לאהל העדת ובערב יהיה על המשכן כמראה אש עד בקר, כן יהיה תמיד, הענן יכסנו ומראה אש לילה. ואיה המשכן ואיה התמיד אם הענן יכסנו, אם אנחנו בגלות, אלא זה היה מוסר לאדם, שנאמר ויטוש משכן שלו אהל שכן באדם, כלומר לבו של אדם זה משכן ה', והאדם שהוא משיג רוח הקודש זה משכן ה', והוא ראה על ראשו כמראה הענן

ביום ומראה אש בלילה. וזה רמז בתורה כן יהיה תמיד, ודי לחכמא ברמיזא, כלומר האדם הוא המשכן והשכינה שורה עליו, וכן זה נוהג עם כל הקרבנות, זה עם ישראל.

ועתה אחי ורעי בסיעתא דשמיא אני אודיע אתכם הסודות מן הקרבנות, כתיב והבל הביא גם הוא מבכרות צאנו ומחלבהן וישע ה' אל הבל ואל מנחתו. גם הוא, גם לרבות את עצמו, הבל מלשון התלהבות, אהבת ה', ואברהם עודנו עמד לפני ה', כלומר עם מחשבתו קרבן עלה עודנו עמד, שנאמר כה יהיה זרעך. ועוד אדם זה ישראל כמו שכתבתי כמה פעמים אדם בגימטרי' 45 ושם הוי"ה בן ד' אותיות כזה במלוי, יו"ד, ה"א, וא"ו, ה"א בגימטרי' גם כן מ"ה 45, ועוד כי יקריב את עצמו לה', כמו ופרעה הקריב, רש"י מהו הקריב עצמו ונתאמץ לקדם לפניהם, ועוד כמו ותקרבנה בנות צלפחד ויקרב משה את משפטן לפני ה', כל מקום שנאמר יקריב כמו ויגש אליו יהודה ולא קרב זה אל זה כל הלילה.

פרק שביעי

אדם כי יקריב מכם קרבן לה' ולא כולכם, וראיתי בני עליה והם מועטים בעולם, כי אמרו חז"ל : לעולם ילך אדם באמצע הדרך רק בשעת הסכנה ילך בדרך שכנגדו, כנודע המשל מהמקל עקום ואז ילך בצידי הדרכים. כי תצא למלחמה על אויביך, זו מלחמת היצר, כי תקרב אל עיר להלחם זה הגוף של אדם, נגד תאוות הגופניות. וקראת אליה לשלום ירצה שלא לסגף את עצמו להפסיד כחות גופו, ואם לא תשלים עמך וכל היום התאוה תאוה, רק אז ועשית עמה, מלחמה עד רדתה להכניע את החמר בנטיה לקצת הפרישות, וצדיק אוכל לשובע נפשו, כמו בכל דרכיך דעהו, צדיק וטוב לו צדיק גמור, כלומר הצדיק אשר מטיב לבו ואינו ומסגף את עצמו זה צדיק גמור. אדם כי יקריב מכם קרבן לה' מכם ממש שמקריב נפשו שממעט, חלבו ודמו ע"י תשובה רק לעבוד את ה', כמו שנאמר ויחזו את אלהים ויאכלו וישתו, מאכל בגימטרי' מלאך 91, אם אתה אוכל על פי התורה אתה בורא מלאכים, ואתה מעלה את כל הבריאה לעולם העליון. כי מקודם היה הירק ועשב השדה

בארץ, ואחר כך באה הבהמה ואכלה את הירק, ואחר כך בא האדם ואכל את הבהמה, והאדם עבד את ה׳, נמצא כי התורה והתפלה של האדם עם כל המצות עולים לשמים, נמצא כי האדם, הצומח, ובעל החי, והמדבר זה האדם עולים על הסלם עד לשמים.

ועתה ישראל אחי אני אתן לך רמז בתורה: ואתה קח לך מכל מאכל אשר יאכל ואספת אליך והיה לך ולהם לאכלה, ויעש נח ככל אשר צוה אתו אלהים כן עשה. נ״ח נוטריקן חכמה נסתרה, מכ״ל בגימטרי צ׳ 90, מאכ״ל בגימטרי׳ מלאך 91. ארץ ישראל גבוה מכל הארצות, וזה אכילה נוטריקן אכל יה ארציות וגשמיות אכילה ושתיה ומו״מ ודבור איש אל רעהו לשמה על פי התורה של ישראל גבוה מכל הארצות כי יש שם ה׳ בין נט״י ושם ה׳ בין המוציא, וכן בין ברכת המזון. ג׳ פעמים הו׳יה בגימטרי׳ לחם 78, וזה לחם הפנים לפני ה׳. ויחזו את האלהים ויאכלו וישתו אבל בלא תורה בלא מצות מי שאכל כבהמה מרבה בשר מרבה רמה, כי כל שלחנות מלאו קיא צואה בלי מקום.

ועתה ישראל אחי אדם המעלה דע כי בכל מקום שנאמר ויבן מזבח הוא זבח את יצר הרע, מקודם ואחר כך הוא קרבן עלה, וזה האדם הוא למוד מסכת זבחים כל ימי חייו והוא קרבן שלימם, שלום עם כלם. ויבן נח מזבח לה׳ ויקח מכל הבהמה הטהרה ומכל העוף הטהור ויעל עלת במזבח וירח ה׳ את ריח הניחח, כל מקום שנאמר ויבן לשון הבנה בינה כשרון להבין, מכל בגימטרי׳ צ׳ 90, הבהמה זו נפש הבהמיות של האדם, ויעל עלת זו מחשבה של אדם וזה נקרא קרבן עלה לה׳.

כתיב וירא ה׳ אל אברהם ויאמר לזרעך אתן את הארץ הזאת ויבן שם מזבח לה׳ הנראה אליו ויבן לשון הבנה בינה. מזבח זבח את יצר הרע. ויעתק משם ההרה, זה שאמר דוד המלך ע״ה מי יעלה בהר ה׳ ומי יקום במקום קדשו נקי כפים ובר לבב אשר לא נשא לשוא נפשי ולא נשבע למרמה, ישא ברכה מאת ה׳ זה אברהם אבינו שנאמר ואברהם זקן בא בימים וה׳ ברך את אברהם בכל (פ״ר חיי שרה). ויט האלה בית אל, מים והעי מקדם ויבן שם מזבח לה׳ ויקרא שם בשם ה׳ מקדם לבית אל, זה היכל הרצון אדם קדמון במראה הנבואה באספקלריא המאירה ומשם אין לנו רשות לכתוב,

וזה שאמר ה' אל משה הנה מקום אתי ונצבת על הצור, כלומר עד כאן.

ויהי רעב בארץ מלבד הרעב הראשון אשר היה בימי אברהם וילך יצחק אל אבימלך מלך פלשתים גררה וירא אליו ה' ויאמר אל תרד מצרימה שכן בארץ אשר אמר אליך, גור בארץ הזאת ואהיה עמך ואברכך, כי לך ולזרעך אתן את כל הארצות האל והקמתי את השבועה אשר נשבעתי לאברהם אביך (פ"ר תולדות) ויעל משם באר שבע וירא אליו ה' בלילה ההוא ויאמר אנכי אלהי אברהם אביך אל תירא כי אתך אנכי וברכתיך והרביתי את זרעך בעבור אברהם אביך עבדי ויבן שם מזבח ויקרא בשם ה' ויבן לשון הבנה בינה, נון שערי בינה השיג, מזבח בגימטרי' נ"ז 57. נ"ז נוטריקון זו נבואה.

פרק שמיני

ויבא יעקב לוזה אשר בארץ כנען הוא בית אל הוא וכל העם אשר עמו ויבן שם מזבח ויקרא למקום בית אל, כי שם נגלו אליו האלהים בברחו מפני אחיו (פ"ר וישלח). קשה להבין סודות הקרבנות, נח והאבות הקריבו קרבנות והקדוש ברוך צוה על הקרבנות. כתיב זאת התורה לעלה, למנחה, ולחטאת, ולאשם, ולמלואים, ולזבח השלמים, אשר צוה ה' את משה בהר סיני ביום צותו את בני ישראל להקריב את קרבנותיהם לה' במדבר סיני, (פ' צו). ובכמה מקומות כתוב בתורה אצל הקרבנות עלה אשה ריח ניחח לה', וירח ה' את ריח הניחח. בעין הגשמיות נראה שאין טוב לפני ה' אלא הקרבנות משום שאין מצוה בכל התורה שכתוב בה ריח הניחח לה'. ואחרי ככלות הכל בא הרמב"ם ז"ל, במורה נבוכים חלק שלישי, ונתן טעם שהוא להסיר דעות ע"ז, שנאמר ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים (פ' אחרי מות), רש"י לשעירים לשדים, כמו (ישעיה, י"ג) ושעירים ירקדו שם. ובחקתיהם לא תלכו, וכן כל הזכרת ריח ניחח, וכן הוא בלי ספק מפני שהוא להסיר לא לכפר על עון ע"ז, אלא להסיר כי מה שהיו עושים לכוכבים יהיו נעשים לשמו, בעבור שאי אפשר להעתיקם מלעבוד אותה הצורה אלא בזה האופן, לכן היה לריח ניחח

שמסיר הסותור והוא ע״ז ומביא להאמין בשם יתעלה, והבין כי הוא נפלא. ומזה תבין כי הקרבנות כלם הם להסיק מע״ז והם הקרבנות הנעשים לה׳, פירוש העולה נקראת על שם העולה על הרוח, כי פעמים יעלו בלב האדם דעות בלתי אמתיות וכשמביא קרבן עולה וישרפנו כאלו הוא יבטל אותם הדעות ויסלקם מנפשו הסתלקות גמורה וכאלו הדעת ההיא תבטל ותשרף ולא יעלה על לב לעולם. וזהו הדבר המבוקש ממנו והישר בעיני השם שיפרד האדם מכל מחשבה אין אמתות לה׳ והוא בע״ז או האמונה בעבודת הכוכבים וזהו אמרו ריח ניחח, לא שיתפעל השם מן הריח, וזהו שאמרו חז״ל מכל קרבנותיהם אני מבקש מכם אלא הריח הרצון בו יושר המעשים, ולהסיר אותם הדעות שהיו מחזיקים בהם והוא עבודת הצלמים והכוכבים והקרבנות ומפני זה התקבל כל כח אל השם בנאהב שבדברים כח המתאוה בבשר שהוא טוב לו, וכח החיונית ביין, וכח הנפשיית בנגון וכאלו הוא בכל כחות גופות אשר בהם עמידתו יתקרב בהם אל ה׳ (מורה נבוכים חלק שלישי פרק 46). דברי הרמב״ם ז״ל הם קודש קדשים לפי שהרגל נעשה טבע. מדה שדבקה באדם על ידי עשותו פעמים רבות קשה להפרד ממנה, קשה ההפרש מן הדבר. במצרים היו רגילים להקריב קרבנות לע״ז, לפי שהיו במ״ט שערי טומאה, והיה רגילים בזה, לפיכך אמר הקדוש ברוך הוא על ידי משה להקריב את הקרבנות לה׳ שלא יהיה צער להם לפרד מן הקרבנות, וזה טעם מספיק אבל יש לי טענה ותביעה ושאלה עמוקה וזה צריך להבין, מפני מה בטלו הקרבנות שהם היו לראש פנה כמו יסוד אל הבית בסים אשר הבית נשען עליו, דער פונדאַמענט פון דעם הויז, למשל האדם יש לו רמ״ח אברים ושס״ה גידים, אז הוא אדם שלם, אבל אם חסר לאדם ידים או רגלים אז הוא בעל מום, וקוראים אותו קריפּעל, קאַליקע, והוא צריך לקבל צדקה, וכן התורה יש לה רמ״ח מצות כנגד האברים של האדם, את זה לעמת זה עשה אלהים. והקרבנות, הם ממצות עשה, ודוד המלך אמר : תורת ה׳ תמימה משיבת נפש עדות ה׳ נאמנה מחכימת פתי פקודי ה׳ ישרים משמחי לב (תהלים). ושלמה אמר : כלך יפה רעיתי ומום אין בך (שיר השירים). ולמראית עין נראה שכל התורה תלוי׳ על הקרבנות, לפי שהאבות היו מקריבים קרבנות,

וכן כל ספר ויקרא מדבר על הקרבנות, ואחרי ככלות הכל בא דוד ואמר: שמעה עמי ואדברה ישראל ואעידה בך אלהים אלהיך אנכי. לא על זבחיך אוכיחך ועולתיך לנגדי תמיד, לא אקח מביתך פר ממכלאתיך עתודים. כי לי כל חיתו יער בהמות בהררי־אלף. ידעתי כל עוף הרים וזיז שדי עמדי. אם ארעב לא אמר לך כי לי תבל ומלאה. האוכל בשר אבירים ודם עתודים אשתה. זבח לאלהים תודה ושלם לעליון נדריך. פיך שלחת ברעה ולשונך תצמיד מירמה. בינו נא זאת שכחי אלוה פן אטרף ואין מציל. זבח תודה יכבדנני ושם דרך אראנו בישע אלהים. (תהלים, 50).

פרק תשיעי

הפטרת צו, (ירמיהו, ז') כה אמר ה' צבאות אלהי ישראל עלותיכם ספו על זבחיכם ואכלו בשר, כי לא דברתי את אבותיכם ולא צויתים ביום הוציא אותם בארץ מצרים על דברי עולה וזבח. כי אם את הדבר הזה צויתי אותם לאמר שמעו בקולי והייתי לכם לאלהים ואתם תהיו לי לעם והלכתם בכל הדרך אשר אצוה אתכם למען ייטב לכם. ועתה אחי ישראל ראה מה הוא אמר, כי לא צויתים ביום הוציא אותם מארץ מצרים על דברי עולה וזבח, ונראה בתורה ויקרא אל משה וידבר ה' אליו מאהל מועד לאמר דבר אל בני ישראל ואמרת אליהם: אדם כי יקריב מכם קרבן לה' מן הבהמה מן הבקר זכר תמים יקריבנו אל פתח אהל מועד יקריב אותו לרצונו לפני ה'. ויסמך ידו על ראש העלה ונרצה לו לכפר עליו. וישחט את בן הבקר לפני ה' וקרבו וכרעיו ירחץ במים. והקטיר הכהן את הכל המזבחה עלה אשה ריח ניחח לה' ואם מן הצאן קרבנו מן הכשבים או מן העזים לעלה זכר תמים יקריבנו ושחט אותו על ירך המזבח צפנה לפני ה'. וזרקו בני אהרן הכהנים את דמו על המזבח סביב והקריב הכהן את הכל והקטיר המזבחה עלה הוא אשה ריח ניחח לה'. ואם מן העוף עלה קרבנו לה' והקריב מן התרים או מן בני היונה את קרבנו. ושסע אתו בכנפיו לא יבדיל והקטיר אתו הכהן המזבחה על העצים אשר על האש עלה הוא אשה ריח ניחח לה'. ונפש כי תקריב קרבן מנחה לה' סלת יהיה קרבנו. ויצק עליה

שמן ונתן עליה לבנה והקטיר הכהן את אזכרתה המזבחה אשה ריח ניחח לה׳. והנותרת מן המנחה לאהרן ולבניו קדש קדשים מאשי ה׳. כל המנחה אשר תקריבו לה׳ לא תעשה חמץ כי כל שאר וכל דבש לא תקטירו ממנו אשה לה׳. קרבן ראשית תקריבו אתם לה׳ וכל קרבן מנחתך במלח תמלח על כל קרבנך תקריב מלח. בפרשה ויקרא כתוב בה ששה פעמים אשה ריח ניחח לה׳. זה מורה שהקרבנות הם חביבים על ה׳ יותר מכל המצות, אצל מצות שבת, ואצל מצות תפלין, ואצל מצות ציצית, ואצל מצות מזוזה, ואצל מצות סכות, בסכת תשבו שבעת ימים כל האזרח בישראל ישבו בסכת, ואצל יום הכפרים הוא מקרא קדוש הוא לכם ועניתם את נפשתיכם והקרבתם אשה לה׳. וכן אצל קרבן פסח כל עדת ישראל יעשו אתו, וכי יגור אתך גר יעשה פסח לה׳ וכל ערל לא יאכל בו. וכן בכל המצות לא נאמר בהם אשה ריח ניחח לה׳, חוץ אצל מצות הקרבנות כתוב בה אשה ריח ניחח לה׳. זה מורה שהמצוה זו יקרה בעיני ה׳ יותר מכל המצות. ואחר כך בא מיכה (סימן, ה׳) ואמר במה אקדם את ה׳ אכף לאלהי מרום האקדמנו בעולות בעגלים בני שנה הירצה ה׳ באלפי אילים ברבבות נחלי שמן האתן בכורי פשעי פרי בטני חטאת נפשי. הגיד לך אדם מה טוב ומה ה׳ דורש ממך כי אם עשות משפט ואהבת חסד והצנע לכת עם אלהיך. אין לך מצוה גדולה כמצות צדקה, שנאמר ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה (ישעיה, א׳). ואף על פי כן לא נאמר בה ריח ניחח לה׳. למה לי רב זבחיכם יאמר ה׳. שבעתי עלות אילים וחלב מריאים ודם פרים וכבשים ועתודים לא חפצתי, כי תבאו לראות פני מי בקש זאת מידכם רמס חצרי. לא תוסיפו הביא מנחת שוא קטרת תועבה היא, חדש ושבת חדשיכם ומועדיכם שנאה נפשי היו עלי לטרח נלאיתי נשא, רחצו הזכו הסירו רע מעלליכם מנגד עיני חדלו הרע למדו היטב דרשו משפט שפטו יתום ריבו אלמנה (ישעיה, א׳).

וכי יעשה הנשיא נדבה עלה או שלמים נדבה לה׳ ופתח לו את השער הפנה קדים ועשה את עלתו ואת שלמיו כאשר יעשה ביום השבת ויצא וסגר את השער אחרי צאתו. וכבש בן שנתו תמים תעשה עולה ליום לה׳ בבקר בבקר תעשה אתו. ומנחה תעשה עליו בבקר

בבקר ששית האיפה ושמן שלישית ההין לרס את הסלת מנחה לה׳ חקות עולם תמיד (יחזקאל, מ״ו).

פרק עשירי

שלשים פעמים כתוב בתורה אצל הקרבנות אשה ריח ניחח לה׳, כלומר מן מצות הקרבנות היה נחת רוח לה׳. אחי ורעי תרי״ג מצות יש בתורה ולא כתב בהם אשה ריח ניחח לה׳, חוץ אצל הקרבנות משמע שהמצות קרבנות הם חביב לה׳ יותר מכל המצות, מפני שיש נחת רוח לה׳ יותר מכל המצות. וזה קשה להבין, כל המצות צריך אדם לעשות אותם בכל מקום בכל העולם בכל זמן הן בארץ ישראל הן בחוץ לארץ, ואנו יודעים שהאבות הביאו קרבנות בחוץ לארץ, וכן היה נח כשיצא מן התבה ויבן נח מזבח לה׳ ויעל עלת במזבח וירח ה׳ את ריח הניחח וזה היה נחת רוח לה׳.

ועתה צריך להבין מפני מה נתן הקדוש ברוך הוא יקר וגדולה למצות הקרבנות כל כך, שפתח ספר ויקרא אל משה וידבר ה׳ אליו מאהל מועד לאמר. אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳ מן הבהמה מן הבקר ומן הצאן תקריבו את קרבנכם. וכל ספר ויקרא מדבר ומצוה על הקרבנות, כמו שנאמר צו את אהרן ואת בניו לאמר זאת תורת העלה על המזבח כל הלילה עד הבקר ואש המזבח תוקד בו אשר צוה כי חקת עולם לדרתם זאת התורה לעלה למנחה ולחטאת ולאשם ולמלואים ולזבח השלמים אשר צוה ה׳ את משה בהר סיני ביום צותו את בני ישראל להקריב את קרבניהם לה׳ במדבר סיני. בספר ויקרא כתוב כ״ב פעמים וידבר ה׳ אל משה לאמר, ול׳ פעמים כתוב אשה ריח ניחח לה׳, וכל הדברים וכל הצווי היה הכל מן הקרבנות ואחר כך היתה בטל ומבוטל כעפרא דארעא לבטלה היה כל הדברים אשר דבר ה׳ עם משה.

אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳, ואחר כך צו את אהרן ואת בניו לאמר זאת תורת העלה נפש כי תקריב מנחה אשר ה׳ צוה את משה בהר סיני חקת עולם לדרתם לצותו את בני ישראל להקריב את קרבניהם לה׳ במדבר סיני. אם הכהן המשיח יחטא לאשמת העם והקריב על חטאתו אשר חטא פר בן בקר תמים לה׳ לחטאת. אשר נשיא יחטא ועשה אחת מכל מצות ה׳ אלהיו אשר לא תעשינה בשגגה

ואשם והביא את קרבנו שעיר עזים זכר תמים. וכפר עליו הכהן מחטאתו ונסלח לו. ונפש כי תחטא ושמעה קול אלה והוא עד או ראה או ידע ונשא עונו. או נפש אשר תגע בכל דבר טמא בנבלת חיה טמאה בהמה טמאה או שרץ טמא או בטמאת אדם אשר יטמא בה או כי תשבע לבטא בשפתים בשבעה והוא ידע ואשם לאחת מאלה והביא את אשמו לה׳ על חטאתו מן הצאן מן העזים או מן התרים וכפר עליו הכהן ונסלח לו.

עברי טייטש

דרייסיג מאָל איז געשריבען אין דער תורה ביי די קרבנות אשה ריח ניחח לה׳ אַ נחת רוח צו גאָט. עס קוקט אויס, אַז ביי גאָט איז דער קרבן געווען טייערער פון אַלע מצות, ווייל ביי אַנדערע מצות איז ניט געשריבען אין דער תורה אשה ריח ניחח לה׳. שבת, תפלין, ציצית, צדקה, כיבוד אב ואם, גמילות־חסדים, תלמוד־תורה, אַלע די גרעסטע מצות איז ניטאָ די ווערטער אשה ריח ניחח לה׳ נאָר ביי דעם קרבן.

יעצט מיינע טייערע ברידער לאָמיר פאַרשטעהן פאַר וואָס האָט גאָט אָפּגעגעבען אַזאַ גרויסען כבוד, געמאַכט אַזאַ פאַראַד פון דער מצוה צו מקריב זיין אַ קרבן. גאָט פאַנגט אָן צו רעדען אין ספר ויקרא, אדם כי יקריב קרבן לה׳. 22 מאָל דערמאָנט ער אַליין צו משה וועגען די קרבנות. 30 מאָל שרייבט די תורה דעם נחת רוח צו גאָט אשה ריח ניחח לה׳. מען האָט געמאַכט מעהר פאַראַד מיט דער מצוה ווי מיט אַלע אַנדערע מצות, ווי: שבת, תפלין, ציצית, מילה, צדקה, פסח, שבועות, סכות, יום־כפור. ביי די גרעסטע מצות איז ניטאָ די ווערטער אשה ריח ניחח לה׳, אַ נחת רוח צו גאָט. און גאָט האָט געהייסען מען זאָל אַ קרבן ברענגען אום ראש חודש ווען די לבנה טוט זיך באַנייען, חטאת לה׳.

אַז אַ מענטש וועט ברענגען אַ קרבן צו גאָט, זאָל דאָס זיין פון אייגענע ניט קיין גזל. זאָג צו אהרן מיט זיינע קינדער דאָס זיינען די דינים פון דעם קרבן עלה, אַז אַ נפש וועט מקריב זיין אַ קרבן מנחה וואָס גאָט האָט געזאָגט צו משה בהר סיני חקת עולם אויף דורות צו פאַרזאָגען צו די בני ישראל צו מקריב זיין קרבנות צו גאָט. ווען

פרק אחד עשר

אחי ורעי! כמה גדול כח של הקרבנות שאמרו חז"ל שמיתת צדיקים מכפר על הדור כקרבנות, ונאמר אצל הקרבן אשה ריח ניחח לה', כלומר נחת רוח צו גאָט. ואמאי בטלה מצות הקרבנות? ואם תאמר שהתפלות במקום הקרבנות, כמו שנאמר ונשלמה פרים שפתנו, והא אמרו חז"ל כי תפלות אבות תקנום. אברהם תקן תפלת שחרית, יצחק תקן תפלת המנחה, יעקב תקן תפלת ערבית, והם היו מתפללים קודם שנתן הקדוש ברוך הוא מצות הקרבנות. ועוד אם נאמר שיכולים אנו לקים את המצות באמירה וזה מספיק את הצרכים? והא כבר אמרו חז"ל גדול התלמוד שמביא לידי מעשה ולא המדרש עיקר אלא המעשה, והא כבר יש ישיבה של מעלה בעולם העליון, המלאכים והנשמות לומדים שם אצל ה' על מה נקראת עולם עשיה, שצריך האדם לעשותו בפעל במעשה מצות עשה על פי חקי התורה. וזה שאמר שלמה בן דוד (קהלת) אדם לעמל יולד. כ"פ הגר"א עמל נוטריקון על מנת לעשות, שנולד האדם על מנת לעשות אלה המצות אשר יעשה אותם האדם וחי בהם.

עברי טייטש

דער כהן דער געזאַלבטער וועט טאָן אַ זינד צו די שולד פון פאָלק דאָס מיינט אַ חילול השם, ער דאַרף זיין גוט און פרום צו גאָט און צו לייטען מען זאָל זיך פון איהם אָפּלערנען צו טאָן גוטעס מיט גאָט און מיט לייטען, ווייל ער איז דער לערנער פון דעם פאָלק — דאַרף ער ברענגען אַ קרבן אַ זכר תמים ער זאָל טאָן תשובה וועט איהם פאַרגעבען ווערען.

מיינע ברידער ווי גרויס איז דער כח פון די קרבנות אַז די מיתת צדיקים איז מכפר אויף דעם דור אַזוי ווי די קרבנות. אויך ביי דעם קרבן שטעהען די ווערטער אשה ריח ניחח לה'. אַ נחת רוח צו גאָט מעהר ווי אַלע מצות. פאַר וואָס זיינען געוואָרען בטל אַלע קרבנות? זאָגען די חכמים, אַז די תפלות איז במקום קרבנות. אָבער מיר ווייסען אַז די תפלות האָבען מתקן געווען די אבות הקדושים, אברהם

עברי טייטש

— שחרית, יצחק — מנחה, יעקב — מעריב, זיי האָבען געדאַוועגט פריער פאַר דער תורה פאַר די קרבנות, און אויב מיר מיינען אַז מיר קענען מיט דעם זאָגען, מיט ווערטער, טאָן מצות מיט דעם זאָגען אַליין, האָט גאָט באַשאַפען אין הימעל אַ ישיבה פאַר די מלאכים מיט די נשמות, מען לערענט דאָרט בעסער ווי אין דעם עולם התחתון. גאָט האָט געוואָלט אַז די מענטשען זאָלען לערנען די תורה מיט אַלע דינים ווי צו טאָן די מצות בפועל במעשה, מצות עשה מיט אַלע אברים. רמ"ח מצות עשה אַזוי פיעל וויפיעל אברים עס איז פאַראַן ביי דעם מענטשען. די חכמים זאָגען אין (פרקי־אבות) ולא המדרש עיקר אלא המעשה. על פי חקי התורה, דאָס זאָגט שלמה בן דוד אין (קהלת) אדם לעמל יולד, דער מענטש איז געבוי־רען געוואָרען צו מאַטערען זיך אין דער תורה, זאָגט דער ווילנער גאון ר' אליהו ז"ל אַז דער וואָרט עמ"ל איז אַ נוטריקון על מנת לעשות, אַז די מצות דאַרף מען טאָן, מיט דעם זאָגען איז מען ניט יוצא. די תורה זאָגט אין (אחרי מות) ושמרתם את חקתי ואת משפטי אשר יעשה אתם האדם וחי בהם אני ה'. איהר זאָלט היטען מיינע געזעצע און מיינע משפטים וואָס דער מענטש וועט זיי טאָן וועט ער לעבען מיט זיי. איך גאָט פאַרלאַנג דאָס פון דעם מענטשען צו טאָן די אַלע מצות. לערנען די תורה און ניט טאָן האָב איך די ישיבה של מעלה אין הימעל מלאכים נשמות צו לערנען. איך האָב באַשאַפען די וועלט מיט די מענטשען צו לערנען און צו טאָן, עס רופט זיך די וועלט עולם המעשה אשר ברא אלהים לעשות, בלייבט אַלץ די קשיה פאַר וואָס האָט גאָט געמאַכט בטל די קרבנות די מצות עשה וואָס איז פאַר גאָט אַ נחת רוח. ביי קיין מצוה איז ניטאָ דער וואָרט נחת רוח פאַר גאָט און ביי קרבנות איז 30 מאָל געשריבען אין דער תורה אשה ריח ניחח לה', פאַר וואָס זשע איז געוואָרען בטל קרבנות ?

פרק שנים עשר

ועתה קורא משכיל, נודע כי הענין של הקרבנות היה דבר גדול בכל העולמות, מפני כי הוא מעלה את כל הבריאה, כי זה היה תקון העולם הדומים הצומח בעלי חיים ומדבר, כי הכל עולים על הסלם, כי מקודם היה הירק ועשב השדה בארץ, ואחר כך באה הבהמה ואכלה את הירק, ואחר כך בא האדם ואכל את הבהמה של קרבן, והאדם עשה תשובה והכל עולים עד לשמים. ונמצא כי זה היה תקון הבריאה. ואנו יודעים כי על המזבח ירד אש מן השמים ושרף את הקרבן, והיה נחת רוח לה', אשה ריח ניחח לה'. ויאמר משה זה הדבר אשר צוה ה' תעשו וירא אליכם כבוד ה'. ויאמר משה אל אהרן קרב אל המזבח ועשה את חטאתך ואת עלתך וכפר בעדך ובעד העם ועשה את קרבן העם וכפר בעדם כאשר צוה ה' (שמיני) וזה פלא גדול שלש עשרה פעמים כתוב בתורה אצל הקרבנות כאשר צוה ה' את משה.

אפילו בשבת היו מקריבים שני כבשים בני שנה תמימים זה קרבן שבת, ובזמן הגלות אנו מתפללים על הקרבנות, כמו שנאמר והביאנו לציון עירך ברנה ולירושלים בית מקדשך בשמחת עולם ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותינו תמידים כסדרם ומוספים כהלכתם. וביום השבת שני כבשים בני שנה תמימים עולת שבת בשבתו על עולת התמיד ונסכה זה קרבן שבת וקרבן היום כאמור. וכן בכל התפלות בראש השנה תקע בשופר גדול לחרותנו וקרב פזורינו מבין הגוים והביאנו לציון עירך ברנה ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותנו, כמצוה עלינו בתורתך על ידי משה עבדך מפי כבודך כאמור. והשב את העבודה לדביר ביתך ואשי ישראל ותפלתם באהבה תקבל ברצון. וכן בכל התפלות אנו מבקשים על הקרבנות. כל ימי חיי אני הייתי מהרהר את הטעם מפני מה היו מקריבים קרבנות בשבת, והא כתיב מחלליה מות יומת אלא כמדומה לי לפי שפקוח נפש דוחה שבת, אין לך דבר שעומד בפני פקוח נפש. בשביל פקוח נפש עוברים על מצות שבת, והקרבן היה בשביל פקוח הנשמות של עם ישראל, כן נראה לי.

ואחרי ככלות הכל, באו הנביאים ישעיה, ירמיה, דוד המלך ע"ה בטענה בשם ה' על פי ה'. כה אמר ה' צבאות אלהי ישראל עולותיכם ספו על זבחיכם ואכלו בשר כי לא דברתי את אבותיכם ולא ציויתים ביום הוציא אותם מארץ מצרים על דברי עולה וזבח והוא מדבר אל העם דברי מוסר (ירמיה, ז'). וכן דוד המלך (תהלים נ') לא על זבחיך אוכיחך ועולתיך לנגדי תמיד לא אקח מביתך פר ממכלאתיך עתודים כי לי כל חיתו יער בהמות בהררי אלף ידעתי כל עוף הרים וזיז שדי עמדי אם ארעב לא אמר לך כי לי כל תבל ומלאה האוכל בשר אבירים ודם עתודים אשתה, (ישעיה, א) למה לי רב זבחיכם יאמר ה' שבעתי עלות אילים וחלב מריאים ודם פרים וכבשים ועתודים לא חפצתי (מיכה, ו') הירצה ה' באלפי אילים ברבבות נחלי שמן האתן בכורי פשעי פרי בטני חטאת נפשי.

עב׳רי טייטש

דאָס איז באַוואוסט אז די קרבנות איז געווען אַ גוטע זאַך עס האָט געטאָן אַ תקון אין דער גאַנצער בריאה דער דומם, דער צומח, די בעלי חיים, די בהמה, דער קרבן האָט געבראַכט דעם מענטשען צו תשובה מיט זיין ווידוי אויף זיין עבירה די שאַנדע וואָס ער האָט געהאט ביי דעם קרבן דאָס איז געווען אַ תיקון פאַר דער גאַנ-צער בריאה. די גראָז איז געקומען פון דער ערד, איז געקומען די בהמה האָט געגעסען די גראָז, איז געקומען דער מענטש און האָט געגעסען די בהמה און דער מענטש לערענט די תורה און טוט די מצות אַלעם געהט אַרויף אין הימעל צו גאָט צו דעם תכלית פון דער גאַנצער בריאה. 13 מאָהל איז געשריבען אין דער תורה אשר צוה ה' את משה צו ברענגען קרבנות אַ נחת רוח פאַר גאָט אַז אַפילו שבת האָט מען געדאַרפט מקריב זיין 2 שעפסען עלת שבת בשבתו.

אין דעם לאַנגען פינסטערען גלות אין די תפלות בעטען מיר אויף ציון ירושלים ער זאָל בויען צוריק דעם בית המקדש מיט די קרבנות, אַזוי ווי ער האָט געזאָגט צו משה רבנו מיין גאַנצען לעבען האָב איך ניט געוואוסט קיין טעם פאַרוואָס מען האָט מקריב געווען די קרבנות אום שבת ווייל די תורה זאָגט מחלליה מות יומת, פאַר חלול שבת קומט מיתה זאָגט די תורה 2 מאָל מיתה, אויף דער

פרק שלשה עשר

ובזמן הגלות בא הרמב"ם ז"ל (מורה נבוכים חלק שלישי פרק מ"ו) ונתן טעם על בטול הקרבנות, כי נתן ה' מצות הקרבנות כדי להרחיק אותם מע"ז שהיו רגילים במצרים להקריב את הקרבנות לע"ז, והרגל נעשה טבע והיה קשה להפריד מזה בפע אחת, מפני שהיה מנהג בכל העולם להקריב קרבנות לע"ז, ובמצרים על אחת כמה וכמה, והרמב"ם ז"ל נתן את הטעם משום שנאמר למען אשר יביאו בני ישראל את זבחיהם אשר הם זבחים על פני השדה והביאם לה' אל פתח אהל מועד אל הכהן וזבחו זבחי שלמים לה' אותם לריח ניחח לה', ולא יזבחו עוד את זבחיהם לשעירים אשר הם זנים אחריהם חקת עולם תהיה זאת להם לדרתם (אחרי מות) לשעירים מאַכט רש"י לשדים כמו (ישעיה, י"ג) ושעירים ירקדו שם, טעם של

עברי טייטש

וועלט און אויף יענער וועלט, אַזוי גרוים איז די עבירה פון חלול שבת, פאַרוואָס האָט מען דעם קרבן מקריב געווען אום שבת ? אָבער פקוח נפש איז דוחה שבת דער קרבן איז געווען אַ פקוח נפש פאַר אַלע אידען, דאָס איז מיין מיינונג.

מיינע ליבע ברידער ! נאָך דעם ווי גאָט האָט געזאָגט צו משה די אַלע דינים פון קרבנות. 30 מאָל איז געשריבען אין דער תורה אשה ריח ניחח לה', עס איז אַ נחת רוח צו גאָט. פון די קרבנות האָט מען געמאַכט דעם גרעסטען פאַראַד, די גרעסטע מצוה אין דער תורה אַ פקוח נפש פאַר אַלע אידען. מען האָט מקריב געווען דעם קרבן אום שבת ווייל פקוח נפש איז דוחה שבת, נאָך אַלע זאַכען קומען די נביאים און שרייען צו אַלע אידען אַז גאָט וויל ניט קיין קרבנות, ער האָט קיינמאָל ניט אָנגעזאָגט אויף קרבנות, ישעיה, ירמיה, דוד, מיכה, אַלע נביאים מיט איין קול, אַז גאָט דאַרף ניט קיין קרבנות, ער וויל נאָר האָבען מען זאָל היטען די תורה מיט די מצות ער איז ניט הונגעריג ער דאַרף ניט עסען קיין פלייש, ער דאַרף ניט קיין בלוט צום טרינקען.

הרמב"ם ז"ל הוא קודש קדשים.

ועתה צריך להבין את הסוד מן הקרבנות כי לפי הנבאים ולפי הרמב"ם ז"ל נתן הקדוש ברוך הוא את הקרבנות לפי שעה כדי להרחיק אותם מע"ז שהיו רגילים במצרים אם כן למה נתן ה' כבוד למצות קרבנות יותר מכל המצות, כי בכל ספר ויקרא מדבר ה' עם משה בשביל הקרבנות ול' פעמים כתוב אצל הקרבנות אשה ריח ניחח לה', כלומר נחת רוח לה', בנוהג שבעולם אם אדם בנה בית הוא מדבר עם הבנאי עם הארכיטעקט דברים רבים, כלומר כך וכך יהיו החדרים, כך וכך יהיו עליות דיוטות, כך וכך יהיו יסודות הבנין, והם מדברים דברים רבים מפני שהאדם צריך לדירה כל ימי חייו לדירת קבע תמידית. אבל אם האדם בנה סכה, דירת ארעי, אהל לזמן קצר, הוא מדבר עם הבנאי בלשון קצרה, לפי שהסכה היא לזמן קצר. וכן זה המשל עם הקרבנות מפני מה דבר ה' אל משה זמן ארוך וכתב בהם 30 מאָל אשה ריח ניחח לה', וה' ידע כי זה יהיה לפי שעה להרחיק אותם מע"ז ? כי כל המצות אשר המה תמידים דיבר ה' עם משה בקצרה והקרבנות ה' דיבר עם משה דברים רבים כל כך וזה פלא.

עברי טייטש

מיינע ברידער אין דער צייט פון גלות איז געקומען דער רמב"ם ז"ל אין מורה נבוכים חלק שלישי פרק 46, און זאָגט אַ טעם פאַר וואָס עס זיינען בטל געוואָרען די קרבנות, ווייל אין יענע צייטען איז געווען דער מנהג אין דער גאַנצער וועלט צו מקריב זיין קרבנות צו דער ע"ז. עס איז זיך שווער צו שיידען פון אַ רגילות מיט איין מאָל, האָט גאָט דאַרום געהייסען ברענגען דעם קרבן צו איהם אין אהל מועד, אָפּצוציהען זיי פון דער ע"ז. אויף אַזאַ אופן האָבען די נביאים געהאַט רעכט וואָס זיי האָבען געזאָגט, אַז גאָט וויל ניט קיין קרבנות עס איז נאָר געווען אויף אַ ווײַלע אָפּצוטרייבען פון דער ע"ז.

לאָמיר פאַרשטעהן דעם סוד פון די קרבנות, אַלע נביאים האָבען געזאָגט אַז גאָט וויל ניט קיין קרבנות. דער רמב"ם זאָגט, אַז דאָס איז נאָר געווען אַ מיטעל צו אָפּציהען זיי פון דער ע"ז טאָ פאַרוואָס

כי לפי דברי הנביאים והטעם של רמב"ם ז"ל נראה כי הקדוש ברוך שנא את הקרבנות, אם כן למה קבעו אנשי כנסת הגדולה בכל התפלות בקשה על הקרבנות. במוסף לראש חודש אומרים: מזבח חדש בציון תכין ועולת ראש חדש נעלה עליו ושעירי עזים נעשה ברצון. בתפלת שלש רגלים במוסף אומרים: ומפני חטאינו וקרב פזורינו מבין הגוים והביאנו לציון עירך ברנה בשמחת עולם ושם נעשה לפניך את קרבנות חובותנו תמידים כסדרם ומוספים כהלכתם. בתפלת ראש השנה ויום כפור אנו מתפללים על הקרבנות. ולדברי הנביאים והרמב"ם ז"ל זה תפלת שוא, שקר כזב דבר שאין בו תועלת, ולמה כל כך לבקש מה' לחנם, כי הקדוש ברוך שנא את הקרבנות. זה פלא גדול על אנשי כנסת הגדולה שהיו מסדרי התפלות, כי הם ראו את דברי הנביאים וזה אין להבין.

ע ב ר י ט י י ט ש

האָט גאָט אָפּגעגעבען אַזוי פּיעל צייט צו רעדען מיט משה דער גאַנצער ספר ויקרא איז נאָר וועגען קרבנות. אַז מען בויט אַ הויז דאַרף מען רעדען מיט דער בילדער אַפּולע ווערטער, אָבער אַז מען בויט אַ סכה אויף אַ ווײַלע איז ניטאָ וואָס צו רעדען עס איז אויף אַ ווײַלע. אַזוי איז מיט די קרבנות נאָר אויף אַ ווײַלע וואָס זשע האָט ער געשריבען 30 מאָל אַ נחת רוח צו גאָט.

נאָך אַלע רייד פון די נביאים און פון דעם רמב"ם זעהט מען אַרוים דעם אמת, אַז גאָט האָט פיינט קרבנות נאָר ער האָט געגעבען די קרבנות אויף אַ קורצע צייט אָפּצוציהען די אידען פון דער ע"ז, איז אָבער אַ וואונדער אויף די אנשי כנסת הגדולה וואָס זיי האָבען מסדר געווען אַלע תפלות ראש חודש, שלש רגלים, ראש השנה, יום כפור, אַז מען זאָגט ומפני חטאנו מיר בעטען אַלץ אַז גאָט זאָל אונז ברענגען צוריק אין ארץ ישראל אין ירושלים און דאָרטען וועלען מיר מקריב זיין די קרבנות ווי אין די אַלע גוטע צייטען, אָבער נאָך די רייד פון די נביאים מיט דעם רמב"ם איז דאָס אַ תפלת שוא, שקר, כזב, אומזיסט בעטען מיר אויף קרבנות. יעדען שבת צו מוסף זאָגען מיר תכנת שבת רצית קרבנותיה מען ענדיגט מיט די ווערטער אז מסיני נצטוו עליה.

פרק ארבעה עשר

עבְרִי טייטש

לאָמיר פאַרשטיין פאַרוואָס איז געוואָרען בטל די קרבנות? ווי באַלד אַז מיר בעטען אין אַלע תפלות צו האָבען די מצוה פון די קרבנות איז דאָך אַ באַווייז אַז עס איז געווען אַ גוטע זאַך, איז אַ פראַגע פאַרוואָס איז י געוואָרען בטל? אַלע מצוות זיינען געבליבען, די קרבנות פעלען, און די נביאים מיט דעם רמב"ם באַווייזען, אַז גאָט האָט פיינט די קרבנות. לאָמיר פאַרשטיין מיט אַ משל. עס איז געווען אַ גוטער קעניג, האָט ער געהייסען זיין אַרכיטעקט ער זאָל בויען אַ האָספיטאַל פאַר די סאָלדאַטען, ער וועט זעצען דאָרטען אַ גוטען דאָקטאָר מיט די בעסטע מעדיצין, ווען אַ סאָלדאַט וועט ווערען קראַנק וועט ער קומען אין דעם האָספיטאַל. דער גרויסער פראָפעסאָר מיט די גוטע מעדיצין וועלען דעם סאָלדאַט היילען זיין קראַנקהייט. דער קעניג האָט גערעדט מיט דעם אַרכיטעקט 25 מאָל אַז ער זאָל בויען דעם האָספיטאַל פאַר די סאָלדאַטען. 30 מאָל האָט דער קעניג געזאָגט, אַז דאָס וועט אים ברענגען אַ נחת רוח, אַז ער וועט זען זיינע סאָלדאַטען אַלע געזונטע. דער אַרכיטעקט האָט געטאָן דעם ווילען פון דעם קעניג. אין אַ צייט שפּעטער האָט דער קעניג געשיקט זיינע אַרעסטאַנטען זיי זאָלען צעוואַרפן דעם האָספיטאַל מיט די אַלע מעדיצין. זיי האָבען אַלעם פאַרניכטעט, פאַרברענט. זיינען די סאָלדאַטען געקומען פרעגען פאַרוואָס מען האָט פאַרניכטעט דעם האָספיטאַל. די באַדינטע פון דעם קעניג האָבען זיי געענטפערט, אַז דער קעניג האָט קיינמאָל ניט געהייסען בויען אַ האָספיטאַל פאַר די סאָלדאַטען. די באַדינטע פון קעניג האָבען אָנגעלייקענט, אַז ער האָט קיינמאָל ניט געהייסען בויען דעם האָספיטאַל. ביי אַ בשר ודם קען טרעפען, אַז ער האָט חרטה, ער מאַכט אַמאָל אַ טעות, ווייל ער ווייסט ניט פריער וואָס עס קען טרעפען שפּעטער. דער אמת איז געווען, אַז די סאָלדאַטען האָבען זיך פאַרלאָזען אויפן דאָקטאָר מיט די גוטע רפואות פון דעם האָספיטאַל, האָבען די סאָלדאַטען געגעסען געטרונקען, געשיכורט, זיינען זיי געוואָרען גרויסע חולאים. זיי האָבען

עברי טייטש

זיך ניט געהיט פון קיין זאך. האט דער קעניג איינגעזען זיין טעות וואס ער האט געמאכט, האט ער געהייסען אלעם פארניכטען, זאלען די סאלדאטען זיך היטען מיט אלע זאכען, וועלען זיי זיין געזונט. מיינע ליבע ברידער, דער נמשל איז: די אידען אין מצרים זיינען געווען קראנק אויף די נשמות, האט זיי גאט געגעבען די תורה, דאס איז דער דאקטאר, דער פראפעסאר, דערנאך זאגט גאט צו משה: מאך א האספיטאל, דאס איז דער אוהל מועד. די רפואות, דאס זיינען די קרבנות. חטאתי, עויתי, פשעתי, פאר אלעם איז דער קרבן מכפר. א גוטער האספיטאל מיט גוטע מעדיצין. האבען די סאלדאטען זיך ניט געהיט פון קיין שום עבירה, עבודה זרה וגילוי עריות ושפיכת דמים האט גאט געשיקט די שלעכטע גויים, פארדארבענע מענשען, זיי האבען חרוב געמאכט דעם בית המקדש, דעם מזבח מיט אלע קרבנות, פארטריבען די אידען אין גלות. פאר דעם עון פון שנאת חנם ליידען מיר אלע צרות אין גלות. האב איך געפרעגט א פראגע א טעות קען זיין ביי א בשר ודם, אבער ביי גאט איז ניטא קיין טעות, קיין חרטה. לא איש אל ויכזב, ובן אדם ויתנחם, ההוא אמר ולא יעשה ודבר ולא יקימנה (בלק). אבער יעצט בלייבט די פראגע פארוואס האבען די נביאים געזאגט, אז גאט וויל ניט קיין קרבנות? דער אמת איז, אז גאט האט גערעדט צו משה 25 מאל, אז ער וויל האבען די קרבנות, 30 מאל איז געשריבען אין דער תורה אשה ריח ניחח לה׳, א נחת רוח פאר גאט.

די נביאים האבען געזאגט אז ער וויל ניט קיין קרבן. דער רמב״ם זאגט, אז מען האט געוואלט אפציען די אידען פון דער ע״ז, דאס איז דער טעם פון בטול הקרבנות.

אבער דער מחבר פון דעם ספר השארת הנפש פרעגט איין טיפע פראגע. די תורה האט גאט געגעבען צו די אידען בגדר אשה. די תורה רופט זיך ברתה דמלכא, בת מלך. מיט רמ״ח מצוות עשה די קרבנות זיינען אין כלל פון די רמ״ח מצוות, אבער אז עס זיינען געווארען בטל קרבנות פעלט א סך מצוות, ווערט די תורה איין בעל־מום אזוי ווי איין מענטש, אז עס פעלט אים אן אבר. חסר אברים איז מען דאך איין קריפעל. די תורה האט גאט געגעבען צו ישראל בגדר

עברי טייטש

אשה, שנאמר וארשתיך לי לעולם, וארשתיך לי בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים, וארשתיך לי באמונה וידעת את ה'. גאָט זאָגט צו ישראל, איך האָב דיך פאַרקנסט צו מיר אויף אייביג מיט צדק מיט משפט, מיט חסד מיט רחמים מיט אמונה, דו זאָלסט פאַרשטיין דיין גאָט. ווי איך האָב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" אַז די תורה האָט גאָט געגעבען צו ישראל בגדר אשה ווי איין מאַן מיט אַ ווייב. אַז דער מאַן איז דער ווייב געטריי דערציילט די ווייב דעם מאַן אַלע אירע סודות און די סודות פון איר פאָטער, דאָס איז אַלץ, אַז ישראל איז אַ גוטער מאַן. אָבער אַז ר' ישראל איז איין פאַלשער מאַן צו זיין ווייב, דאַן טרייבט זי איהם אַרויס פון איהר הויז. דאָס איז די הייליגע תורה. אויב ר' ישראל איז גוט צו דער תורה און צו די מצוות, דאָס זיינען די קינדער, וואָס ער האָט מיט דער תורה, ער איז אַ געטרייער מאַן, מיט מסירת נפש, דאַן לערענט דער מאַן ר' ישראל די סודות, דאָס זיינען ספרים פון קבלה, דער איז משיג רוח הקודש, דאָס איז דער אדם הנסתר, אָבער ער ווייסט אַלע סודות פון דער גאָטהייט. אָבער אויב ער איז אַ פאַלשער ישראל, מיט שלעכטע מידות, ער איז פון די 4 כתות חשמ"ל שאין מקבלין פני השכינה: כת חנפים, כת שקרנים, כת מלבין פני חברו ברבים, כת לצים. דאָס זיינען די 4 כתות, וואָס זעהען ניט די שכינה (סנהדרין, דף ק"ג), (סוטה דף מ"ב), דאָס איז אַלץ אין כלל פון לשון הרע, די אַלע 4 כתות פאַרדאַרבען דעם ברית הלשון ועל ידי כן פוגמין בשם של ארבע אותיות הויה, לכן אלו אינם מקבלים פני השכינה.

פרק חמשה עשר

מיינע ברידער! איך שרייב דאָס מיט עברי-טייטש אַז יעדער איר זאָל דאָס פאַרשטיין. איך האָב דאָ געשריבען, אַז עס פעלען די מצוות פון די קרבנות מיט די בכורים ווערט די תורה אַ בעל-מום, חסר אבר. ווייל עס דאַרף זיין רמ"ח 248 מצוות עשה. ווי אַזוי זאָגט דוד המלך: תורת ה' תמימה משיבת נפש, עדות ה' נאמנה מחכימת פתי, פיקודי ה' ישרים משמחי לב, מצות ה' ברה מאירת

עברי טייטש

עינים, יראת טהורה עומדת לעד, משפטי ה׳ אמת צדקו יחדו (תהלים). שלמה המלך זאָגט (אין שיר השירים) כלך יפה רעיתי ומום אין בך, דאָס מיינט, אַז די תורה איז אַ גאַנצע אָן איין פעלער, אָבער מיר זעהען דאָך אַז עס פעלען דאָך אין דער תורה אַפּולע מצוות, ווייל מיר זיינען אין גלות שוין באַלד 2 טויזענט יאָהר, עס פעלט דער תורה אַפּולע מצוות.

אָבער הערט, מיינע ברידער, איך וועל אייך בעזרת השם יתברך באַווייזן, אַז אַלעס איז ריכטיג. גאָט איז גערעכט, די נביאים זיינען גערעכט, דער רמב״ם איז גערעכט, דוד און שלמה זיינען גערעכט, דער מחבר פון דעם ספר השארת הנפש איז אויך גערעכט. מיר וועלען פאַרשטיין אַ גמרא אין יבמות דף ס״ג. זאת הפעם עצם מעצמי ובשר מבשרי (בראשית), מלמד שבא אדם על כל בהמה וחיה ולא נתקררה דעתו עד שבא על חוה. אדם הראשון איז געווען מיט בהמות, מיט חיות, מיט עופות אָבער ער איז געווען ניט צופרידען, ווען גאָט האָט אים באַשאַפען די ווייב חוה יעצט זאָגט אדם איז גוט, עס איז פלייש פון מיין פלייש,ביינער פון מיינע ביינער. זאָגט די תורה: על כן יעזוב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו והיו לבשר אחד, דערפאַר דאַרף דער מענש פאַרלאָזען זיין פאָטער און זיין מוטער און זיך באַהעפטען צו זיין ווייב זיי זאָלען זיין ווי איין לייב, ווי איין מענש. מען דאַרף פאַרשטיין פאַרוואָס איז אדם געווען ניט צופרידען פון די בהמות, פון די חיות, פון די עופות. למשל, אַ גביר, אַן עושר האָט געהאַט אַ בת יחידה, האָט ער גענומען אַ גוטען איידעם פון דער ישיבה. דער גביר זאָגט צו דעם איידעם: מיין טייערער איידעם ישראל, איך גיב דיר מיין טאָכטער פאַר אַ ווייב און איך נעם דיך אויף אַלעס פאַרטיגע, עסען, טרינקען פון דאָס בעסטע, קליידער און דירה, איך גיב דיר איבער אַלעס צו דיינע הענט, אָבער בתנאי דו זאָלסט לערנען די תורה. איך נעם דערפאַר דיך אויף אַלעס פאַרטיגע. עס איז אַוועק אַ שטיקעל צייט, פרעגט דער שווער ביי דעם איידעם: ביסטו צופרידען פון דעם, וואָס איך האָב דיך גענומען אויף אַלעס פאַרטיגען? זאָגט דער איידעם צום שווער: איך בין גאַרניט צופרידען פון אייערע קעסט. וואָס האָב איך די פעולה פון

דעם, וואס איהר האט מיך גענומען אויף אלעם פארטיגען, אז איך דארף אליין גיין מאכען עסען און טרינקען, מאכען כשר די הון, מאכען צו רעכט די פיש, קאכען באקען, מאכען א פלאץ צו שלאפען, וואשען די וועש, מאכען ברעקפעסט, דינער סאפער. איך בין שטענדיק פארנומען, איך האב קיין צייט צו לערנען. זאגט דער איידעם צום שווער, איהר האט מיך גענומען אויף אלעם פארטיגען בתנאי אז איך זאל זיצען און לערנען, אבער איך האב דאך ניט קיין צייט צו לערנען, בין איך דערפאר ניט צופרידען. זאגט דער רייכער שווער: פון יעצט אן און ווייטער זאל דיין ווייב, מיין טאכטער, דיר באדינען, געבען עסען, טרינקען, שלאפען, ווייסע וועש אויף שבת, אלעם פארטיגע ווען דו זאלסט האבען צייט צו לערנען. זאגט דער איידעם: יעצט בין איך צופרידען מיט אייערע קעסט.

מיינע ליבע ברידער, דאס איז געווען מיט אדם הראשון. גאט האט באשאפען דעם אדם אויף אלעם פארטיגעם — א וועלט מיט חיות, בהמות, עופות, מיט אלע פירות, מיט אלע משקאות. גאט האט גענומען אדם הראשון אויף קעסט אלעם פארטיגע. אבער אדם איז געווען ניט צופרידען, ווייל ער דארף אליין מאכען עסען, טרינקען, איין בגד, אלעם אליין צום פארזארגען. ער האט ניט קיין צייט צו לערנען. זאגט גאט: אעשה לו עזר כנגדו, איך וועל אים מאכען א ווייב צו הילף. דאס מיינט די גמרא (אין יבמות דף ס"ג), מלמד שבא אדם על כל בהמה וחיה ולא נתקררה דעתו עד שבא על חוה, זאת הפעם עצם מעצמי ובשר מבשרי. און אזוי ווי גאט האט געגעבען דעם מענשען איין ווייב אין גשמיות ער זאל מיט איהר לעבען געטריי און האבען קינדער, צו האבען נחת פון די קינדער און פון די אייניקלאך, אט אזוי האט גאט געגעבען דעם אדם ישראל איין ווייב אין רוחניות, דאס איז די הייליגע תורה, ער זאל לעבען מיט איהר איין געטרייען לעבען ער זאל האבען קינדער מיט דער תורה. דאס זיינען מצוות, מעשים טובים, מיט די קינדער, איז דער מענש זיכער זיי וועלען ניט צושטארבען, זיי זיינען לעבעדיגע. כתיב, על כן יעזב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו והיו לבשר אחד. כלומר האיש מחויב לפרנס את אשתו ואת בני ביתו, על כן יעזב איש את אביו ואת אמו, וכן

עברי טייטש

דרך העולם. אבל כתיב, כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך על האדמה אשר ה' אלהיך נתן לך (יתרו), וזו תרתי דסתרי, לפי הפשט נראה שהפסוקים סותרים זה את זה. כאן נאמר יעזב וכאן נאמר כבד את אביך ואת אמך למען יאריכון ימיך, צריך להבין את כונת התורה. דעו, אחי ישראל, כי התורה נתנה ללמוד על דרך הפרד"ס כלומר פשט, רמז, דרוש, סוד. על פשט נראה, שהם סותרים זה את זה, אבל על דרך הסוד הם אמת וצדק. כתבתי למעלה כי ה' נתן את התורה לאדם ישראל בגדר אשה, אשה הרוחני, וצריך האדם להוליד עם התורה בנים, זו מצוות, מעשים טובים, וזה ידוע, כי יש שלושה שותפים באדם: הקדוש ברוך הוא ואביו ואמו. הנשמה היא חלק אלהי ממעל, והגוף חלק מן האב והאם מטפה סרוחה ומדם הנדה. והילד כשהוא יוצא מבטן אמו לאור העולם הוא בא עם כל התאוות, כי זה. ירש מאבותיו, לפי שהוא נולד מן כח התאוה וזה שכתוב לפתח חטאת רבץ ואליך תשוקתו ואתה תמשול בו (בראשית). ויש לאדם מלחמת היצר כל ימי חייו וזה רמז רמז בתורה (קדושים) איש אמו ואביו תראו כי קדוש אני ה' אלהיכם. ועתה נבין את הרמז על כן יעזב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו והיו לבשר אחד, יעזב איש את החלק אשר נתנו לו אביו ואמו, כלומר כל התאוות אשר האדם ירש מאבותיו, יעזב את המידות הרעות, אבל באמת הוא צריך לכבד את אביו ואת אמו, אבל יעזב את התאוות שהוא ירש מבטן אמו. וזה רמז בתורה, איש אמו ואביו תראו, מן התאוות, מידות רעות מצד הגוף שהוא נברא מן התאוה, אבל מצד הנשמה אמר הקדוש ברוך הוא אל משה: דבר אל כל עדת בני ישראל ואמרת אליהם קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלהיכם, כי הנשמה חלק אלהי, אבל הגוף שהוא בא מן אביו ואמו תראו.

די תורה זאָגט ביי אדם מיט חוה, אַז דער מענש זאָל פאַרלאָזען זיינע עלטערן און זיך באַהעפטען צוו זיין ווייב. דאָס מיינט, אַז דער מאַן דאַרף שפּייזען זיין ווייב מיט די קינדער. ביי מתן תורה האָט גאָט געזאָגט כבד את אביך ואת אמך, דאָ שרייבט די תורה צו פאַר־לאָזען די עלטערען און דאָ הייסט די תורה אָפּגעבען כבוד די על־

פרק ששה עשר

תהי ידך לעזרני לי כי פקודיך בחרתי: ונחזור לענינו מה שכתבתי למעלה מענין הקרבנות. כי על פי הפשט בטלו קרבנות והביכורים והראיון לקט שכחה פאה לפי הפשט הם בטלו, אבל על פי פרד"ס, על פי סודות אנו מקיימים כל המצוות. ודע אחי ישראל, כי כמו שהאדם נושא בגדים ולבושים, אם האדם הוא עשיר יש לו לבושים הרבה, וכן התורה יש לה לבושים הרבה: פשט, רמז, דרוש, סוד והם פרד"ס, אם המצוה בטלה על פי פשט יש לה מקום על פי הסוד. וכן הקרבנות בטלו על פי פשט אבל חיים וקיימים על פי הסוד.

צריך להבין בריאת האדם, כי זה ידוע במעשה בראשית, כי אלהים ברא את כל העולמות והן ארבע: אצילות, בריאה, יצירה, עשיה. בעולם העשיה ברא אלהים ארבע יסודות, אש, רוח, מים, עפר.

עברי טייטש

טערען. ווי קען זיין ביידע זאַכען צוזאַמען? נאָר דאָס איז באַוואוסט, אַז דער מענש איז געבאָרען פון דריי שותפים: גאָט און דער פאָטער און די מוטער. די נשמה גיט גאָט, דער גוף קומט פון די עלטערען. דער יצר הרע מיט אַלע תאוות, שלעכטע מידות דאָס קומט פון די עלטערען, ווייל דער מענש איז געבאָרען פון תאוה, דאָס מיינט די תורה: פאַרלאָז דיינע עלטערען, דעם חלק שלעכטס פון די עלטערען, די מידות רעות זאָל דער מענש פאַרלאָזען. אָבער דער אמת איז, אַז מען דאַרף אָפּגעבען די עלטערען גרויס כבוד, מען דאַרף עלטערען ניט פאַרלאָזען, דאָס איז די גרעסטע עבירה צו פאַרלאָזען די עלטערען. די תורה הייסט פאַרלאָזען די שלעכטע מידות פון דעם גוף וואָס עס קומט פון די עלטערען. גאָט זאָגט, איהר זאָלט זיין הייליג, ווייל איך בין הייליג. מיין חלק, די נשמה, וואָס זי קומט פון כסא הכבוד, זאָל זיין הייליג, דער מענש זאָל זיך באַהעפטען צו זיין ווייב צו דער תורה. די ווייב הרוחני ער זאָל האָבען קינדער מיט דער תורה מצוות מעשים טובים.

וברא כל הצמחים ובעלי חיים על הדומם זו הארץ, והוא לבדו ברא את הכל. כיון שהוא בא לבריאת האדם אמר אלהים: נעשה אדם בצלמנו כדמותנו. ודע אחי, כי בריאת בגימטרי׳ תרי״ג, 613, כנגד תרי״ג מצוות שיש בתורה. והאדם צריך ללמוד ולשמור ולעשות ולקיים אותם, כי זה התכלית של בריאת שמים וארץ. אמר הקדוש ברוך הוא לכל הבריאה. ויקהל אלהים את כל המלאכים ואת ארבע יסודות ואת הדומם והצמחים ואת כל החיות והבהמות ועופות השמים והדגים אשר בימים ויאמר ה׳ אל כל הבריאה: שמעו נא מעשי ידי! רצוני לעשות את האדם בעולם. אמרו לו: ומי מעכב את אדך לעשות? אמר להם הקדוש ברוך הוא: רצוני שיתן כל אחד מכם את חלקו לבריאת האדם לתועלת העולם.

ויאמרו כל הבריאה כל הדברים אשר דבר ה׳ נעשה, אבל רצוננו להבין את התועלת שיהיה לארבע עולמות. אמר הקדוש ברוך הוא, אני מראה לכם את הגמרא (יבמות, דף ס״ג) אמר רבי ר׳ אלעזר בן אבינא, אין פורעניות בא לעולם אלא בשביל ישראל (ענף יוסף), הכלל בזה כי כאשר ישראל יטיבו מעשיהם אז גורמין נחת רוח למי שאמר והיה העולם, והקב״ה ברחמיו משפיע ומוריד לעולמו כל מיני ברכות וישועה ושפע החיים לעולם, וכל טוב, וזהו שאמרו חז״ל שאין טובה באה לעולם אלא בשביל ישראל, כמו שכתבתי בספרי „שנים אוחזין בטלית״, כי אדם ישראל הוא „המאַטאָרמאַן״ שהוא מנהיג את כל העולמות. וכמו „שהמאַטאָרמאַן״ מנהיג את „הטריין״ כך ר׳ ישראל מנהיג את העולם, והוא יעשה חסד עמכם משום כי מקודם היה הירק ועשב השדה בארץ ואחר כך באה הבהמה ואכלה את הירק ואחר כך בא האדם ואכל את הבהמה והאדם עבד את ה׳ והתורה והתפלה עולה בשמים, נמצא כי כל הבריאה, הדומם והצומח ובעל החי והמדבר, עולים על הסולם עד לשמים, כלומר אין טובה בא לעולם אלא בשביל ישראל. ויאמרו החיות הקדוש ברעש גדול והבהמות אדם ובהמה תושיע ה׳, זו נפש הבהמיות, זו כל העם, ויאמרו כלם אל ה׳ אין אנו משיגים את התועלת, מושב שתתן לנו משל מן העולם הגשמי, אבל בעברי-טייטש. ויאמר ה׳ אליהם, אני אשלח לכם את בני היקר בנימין זאב בר׳ אריה ז״ל ראַזאַף והוא יכתב לכם בעברי-טייטש. רץ כצבי וגיבור כארי, וקל כנשר לעשות רצון אביך שבשמים.

עברי טייטש

מיר וועלען זיך אומקערען צו דעם ענין פון די קרבנות. פאַר די אויגען פון דעם מענשען קוקט אויס אַז עס פעלען אַפּולע מצוות קרבנות, בכורים, לקט, שכחה, זיי פעלען על פי הפשט, אָבער די תורה ווערט געלערענט עפ״י פרד״ס, פשט, רמז, דרוש, סוד. די מצוה, וואָס זי פעלט אין פשט, איז זי פאַראַן אין סוד. אַ מענש דאַרף טראָגען בגדים, קליידער, אַ רייכער מאַן האָט אַפּולע קליידער צו טראָגען. די תורה האָט בגדים פשט, רמז, דרוש, סוד, אויב איין מצוה איז ניטאָ אין פשט איז די מצוה פאַראַן על פי סוד. עס זיינען פאַראַן אַלע מצוות, דער 100 פּראָצענט איד איז מקיים אַלע מצוות על פי סוד, ווי איך האָב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית״. קרבנות, בכורים, לקט, שכחה, פאה, אַלעס איז פאַראַן על פי הסוד. בעזרת השם יתברך וועלען מיר באַלד אַלע פאַרשטיין דעם אמת, אַז קיין מצוה קען ניט ווערען בטל על פי הסוד, ווייל די רייד פון גאָט קענען ניט ווערען בטל, זיי זיינען חיים וקיימים.

מען דאַרף פאַרשטיין די באַשאַפונג פון דעם מענשען אויף דער וועלט. גאָט האָט באַשאַפען 4 וועלטען באַזונדערע: פאַר נשמות פאַר מלאכים, פאַר די גלגלים, פאַר די מענשען מיט אַלע חיות, בהמות עופות, פיש, מיט אַלע שרצים. ווען עס איז געקומען צו באַשאַפען דעם אדם הראשון האָט גאָט גערופען די מלאכים, די ארבע יסודות פייער, וואַסער, ווינט און ערד, אַלע חיות, בהמות, עופות, ער האָט איינגעלאַדען אַלעמען צו אַן אסיפה, אַ קאָנפערענץ, ער זאָגט צו אַלעמען: איך וויל באַשאַפען דעם מענשען אויף דער וועלט, ווייל איך האָב אַ תורה מיט 613 מצוות, דער מענש וועט מקיים זיין די תורה. איך פאַרלאַנג פון אייך, אַז יעדער פון אייך זאָל געבען א חלק אין דעם אדם, ער וועט טאָן אַ טובה דער גאַנצער וועלט.

האָט געזאָגט די גאַנצע בריאה צו גאָט, אַלעס, וואָס דו פאַרלאַנגסט, וועלען מיר טאָן, אָבער מיר ווילען וויסען דעם בענעפיט וואָס עס וועט זיין צו אַלע וועלטען, צו אַלע באַשעפענישען, דער מענש וועט רייטען אויף דעם פערד, ער וועט עסען די פלייש פון דער בהמה, ער וועט עסען אַלע פּירות פון די בוימער, אַלע גוטע זאַכען פון דער ערד, ער וועט עסען די אייער פון די עופות, ער וועט טרינקען

עבדי טייטש

די בעסטע וויינען, די זאַחן וועט פאַר איהם שיינען, די בלומען וועלן פאַר איהם שמעקען, די בהמה וועט עסען די גראָז, די מילך וועט דער מענש טרינקען, די קעז, די פוטער, די פלייש, די פעל, די וואָל פון דער שעפּס, אַלעס איז פאַר דעם מענשען, וואָס פאַר אַ בענעפיט ווע־לען האָבען אַלע ברואים, וואָס זיי באַדינען דעם מענשען? האָט גאָט געזאָגט, עס איז דאָ אין ברוקלין אַ מחבר, ער איז אין אַמעריקע, זיין נאָמען איז בנימין זאב ראַזאָף, ער האָט געשריבען אין זיין ספר „שנים אוחזין בטלית" אין חלק הרמז פרק 16, אַז אַ מענש אדם ישראל וועט עסען, ווי די תורה האָט איהם אָנגעזאָגט, בהלכות נטילת ידים, ברכת המוציא און ברכת המזון, — איז פאַראַן דער שם הוי"ה 26 אין נטילת ידים, איז פאַראַן דער שם אין דער המוציא, איז דאָ דער שם אין ברכת המזון. 3 מאָל הוי"ה בגימטרי' לחם 78. עסען אין לשון הקודש הייסט מ א כ ל. דער וואָרט מאכל בגימטרי' מלאך 91. אַז דער מענש עסט ווי די תורה הייסט, איז פון יעדען מאָל עסען וועט באַשאַפען אַ מלאך, ווייל דער גראָז איז געקומען פון דער ערד, איז געקומען די בהמה און האָט געגעסען די גראָז, איז געקומען דער מענש און האָט געגעסען די פלייש פון דער בהמה און דער מענש האָט געלערענט די תורה, האָט געטאָן מצוות מיט דעם כח פון דעם גראָז, מיט דעם כח פון דער בהמה, מיט דעם כח פון דער הון, פון דעם פיש, מיט אַלעמענס כחות האָט דער מענש געאַרבעט אין תורה ומצוות, איז ער מתקן די גאַנצע בריאה,טוט דער מענש אַ טובה דעם גאַנצען באַשאַף פון דער וועלט. דאָס איז אַלעס גוט, אַז דער מענש איז אַ צדיק, ער עסט און טרינקט פון גאָטעס וועגען. דאָס האָבען געזאָגט די חכמים אין דער גמרא (פסחים דף מ"ט) עם הארץ אסור לאכול בשר, שנאמר זאת תורת הבהמה והעוף כל העוסק בתורה מותר לאכול בשר בהמה ועוף וכל שאינו עוסק בתורה אסור לאכול בשר בהמה ועוף.

ביי אונז אין אַמעריקע זיינען פאַראַן רייכע קאָמפּאַניס פון די קאַרס, פון די סאָבוויים, פון די טריינס, פון די שיפען, פון די עלעק־טריק, פון אָטאָמאָבילס. די אַלע קאָמפּאַניס פאַרקויפען שערס, חלקים אין זייערע ביזנעס, פאַראַן מענשען, וואָס קענען אינוועסטען זייער

פרק שבעה עשר

תהי ידך לעזרני כי פקודיך בחרתי. גל עיני ואביטה נפלאות מתורתך. ועתה קורא משכיל צריך להבין מה שכתבתי למעלה, כל מצוה שהיא בטלה בפשט יש לה מקום ברמז או בסוד, מפני כי רמ"ח מצוות נתן הקדוש ברוך הוא לישראל לקיום התורה, והתורה נתנה לישראל בגדר אשה, שנאמר וארשתיך לי לעולם, וישראל הוא הבעל, כלומר בעל תורה. וכמו רמ"ח אברים יש לכל אדם ואם האדם חסר

עברי טייטש

געלט אין די שערס, דאָס זיינען שער־האָלדערס. יעדען יאָהר קוקט מען איבער די ביכער, מען מאַכט אַ רעכענונג, אַז די קאָמפּאַניע האָט געמאַכט גוטע געשעפטען, דאַן האָבען אויך די אַלע מענשען די שער־האָלדערס, וואָס האָבען אינוועסטעט זייער קאַפּיטאַל ביי די קאָמ־פּאַניעס. האָט די קאָמפּאַניע געמאַכט גוטע ביזנעס, האָבען געמאַכט גוטע פּראָפיטען די אַלע שער־האָלדערס. אָבער אַז די קאָמפּאַניע האָט פאַרלאָרען די געלט, דאָ פאַרלירען אַלע דעפּאָזיטאָרס זייערע אינ־וועסטמענטס, זיי פאַרלירען אין גאַנצען.

מיינע ברידער, דאָס איז אַ משל מיט דעם נמשל: גאָט האָט באַשאַפען די גאַנצע וועלט, אַלעס פאַר דעם מענשען. ער האָט גע־געבען די תורה מיט תרי"ג מצוות 613, אַז דער מענש זאָל זיי מקיים זיין. ביי דעם באַשאַפען פון דעם מענשען האָט גאָט געזאָגט: נעשה אדם בצלמנו. אַלע וועלטען, אַלע יסודות, אַלע חיות, אַלע בהמות, אַלע עופות, אַלע ברואים האָבען געגעבען אַ חלק אין דעם מענשענס באַשאַף. ער איז איין מורכב, ער איז צוזאַמענגעשטעלט פון דער גאַנצער בריאה. איז דער מענש אַ צדיק, איז ער מקיים די תורה מיט די מצוות צו גאָט און צו לייט, צדיק תמים, הונדערט פּראָצענט איד, גוט צו גאָט און גוט צו לייטען, און ער איז משיג רוח הקודש, טוט דער מענש אַ טובה דער גאַנצער וועלט. אַלע ברואים האָבען אין איהם אַ חלק, דאָס זיינען שער־האָלדערס. יעצט איז די גמרא פאַרשטענד־ליך. אין טובה בא לעולם אלא בשביל ישראל. (יבמות, דף ס"ג).

אבר אז הוא בעל מום, וכן התורה, אם חסר לה מצוות הקרבנות והבכורים ולקט שכחה ופאה וכן שאר המצוות הם בטלו על פי פשט, אבל באמת אנו מקיימים אותם על פי הסוד, משום כי אמר דוד תורת ה׳ תמימה משיבת נפש.

כתבתי למעלה כי מצוות הקרבנות בטל על פי פשט אבל הם חיים וקיימים לעד עד עולם לפי שכתוב בתורה 30 פעמים אשה ריח ניחח לה׳ כלומר נחת רוח לה׳, כל הנביאים ודוד המלך והרמב״ם ז״ל אמרו בפה אחד שהקדוש ברוך הוא שונא את הקרבנות זה על פי הפשט, אבל על פי סוד הוא אוהב את הקרבן עד אין סוף, נחת לה׳ יותר מכל המצוות. אחי ורעי! בסיעתא דשמיא, ברשות מן שמיא אני מגלה לכם את הסוד מן הקרבנות, אבל צריך להבין כונת התורה: וידבר ה׳ אל משה לאמר, אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳ מן הבהמה מן הצאן מן העזים מן העוף עלה קרבנו. כל הקרבנות הם אשה ריח ניחח לה׳, נחת רוח לה׳ על פי הסוד על פי הפשט הוא שונא את הקרבנות. צריך להבין אדם כי יקריב, דאָס מיינט נאָהענט צו גאָט, כמו שנאמר ויהי כאשר הקריב לבא מצרימה ויאמר אברהם אל שרה אשתו (לך לך) מיינט דאָס, אברהם איז געקומען נאָהענט צו מצרים,

עברי טייטש

מיינע ברידער, איך האָב געשריבען אַז די קרבנות איז געוואָרען בטל נאָר אין פשט, אָבער די תורה האָט גאָט געגעבען צו לערנען אין פרד״ס: פשט, רמז, דרוש, סוד. דאָס איז אַ געטליכער כח. ווען עס ווערט בטל די מצווה אין פשט ווערט זי געטאָן אין רמז אין סוד. 30 מאָל איז געשריבען אין דער תורה אשה ריח נחח לה׳, איין נחת רוח צו גאָט פון די קרבנות מערער ווי פון אַלע מצוות. די תורה האָט רמ״ח מצוות 248, עס פעלען אַפולע מצוות אין גלות, איז דאָך די תורה געוואָרען אַ בעל מום. אָבער אין דער תורה, די געטליכע פרינ-צעסין, די בת מלכה, זאָגט שלמה המלך אין שיר השירים, כלך יפה רעיתי ומום אין בך. דוד המלך זאָגט תורת ה׳ תמימה משיבת נפש. אַז אַ מצוה איז געוואָרען בטל אין פשט איז מען די מצוה מקיים על פי סוד, האָבען די ווערטער אַן אַנדער טייטש. גאָט זאָגט צו משה: אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳, מיינט דאָס נאָהענט, אַז דער

אין מצרים, כמו ופרעה הקריב (בשלח) אמרו חכמים שהקריב את לבם של ישראל לאביהם שבשמים שעשו תשובה. רחמנא לבא בעי. הקריב מיינט נאָהענט, כמו לבני ישראל עם קרובו הללויה, מיינט דאָס, זיין נאָהענט פאָלק, דערום לויבט גאָט (תהלים). כמו ויאמר משה אל אהרן קרב אל המזבח ועשה את חטאתך ואת עלתך וכפר בעדך ובעד העם ועשה את קרבן העם וכפר בעדם כאשר צוה ה׳ (שמיני), מיינט דאָס, ער זאָל צוגיין נאָהענט צום מזבח. כמו ויקרב אליו רב החבל ויאמר לו מה לך נרדם קום קרא אל אלהיך (מפטיר יונה), מיינט דאָס, אַז דער קאַפּיטאַן פון דער שיף איז געקומען נאָהענט צו יונה. כמו ובטרם יקרב אליהם ויתנכלו אתו להמיתו (וישב), מיינט דאָס, בעפאָר יוסף האָט גענאָהענט צו זיינע ברידער. כל מקום שנאמר יקריב מיינט דאָס נאָהענט. אדם כי יקריב מכם קרבן לה׳ מיינט דאָס דער מענש זאָל צוגיין נאָהענט צו גאָט, ביז רוח הקודש, איז דאָס אַ נחת רוח לה׳. וכן מצוות לקט, שכחה, פאה בטלו על פי הפשט אבל הם חיים על פי הסוד, בשעה שאמר הקדוש ברוך הוא והיה העולם נתן את מחשבתו על כל הברואים, וזרק בהם נצוצים של קדושה. והאדם אשר הוא עובד את ה׳ הוא מוציא את הניצוץ מן המאכל ומעלה

עברי טייטש

מענש זאָל צוגיין נאָהענט צו גאָט, ווי אַ פאָטער רופט צו זיך זיינעם אַ קינד ער זאָל זיין נאָהענט צו איהם ביז רוח הקודש. דער וואָרט יקריב איז טייטש נאָהענט. ווען אברהם איז געקומען קיין מצרים שטייט דער וואָרט הקריב, ווען פרעה האָט גענאָהענט צו די אידען ביים ים שטייט דער וואָרט הקריב. מיר זאָגען אין אשרי קרוב ה׳ לכל קוראיו גאָט איז נאָהענט צו אַלע רופער, די וואָס רופען איהם מיט אַן אמת. וירם קרן לעמו לבני ישראל עם קרובו, איז גאָט נאָהענט צו זיינע פרומע פון די ישראל. אַז איין מענש האָט אַ שמחה רופט ער אַלע קרובים, אַלע נאָהענטע פריינט. דאָס מיינט די תורה, אדם כי יקריב מכם דער מענש זאָל ווערען נאָהענט צו גאָט, ער זאָל האָבען רוח הקודש, עס איז אַ באַוואוסטע זאַך, ווען גאָט האָט באַשאַפען די וועלט האָט ער געלאָזען זיין מחשבה מיט זיין דבור זאָלען לויפען איבער דער גאַנצער וועלט. זיין מחשבה איז אַריין אין אַלע ברואים

את הניצוץ לה׳, וזה נקרא לקט, שהוא לוקט את כל הניצוצים. וכן מצות שכחה, כתיב בתורה לא תשנא את אחיך בלבבך, הוכח תוכיח את עמיתך ולא תשא עליו חטא. אבל אם אדם עשה רעה לחברו בממון כסף וזהב או הוא עשה לו רעה בגופו, זה קשה לשכח, ויש בלבו שנאה כל ימי חייו הוא שונא את האדם, כי זה טבע האדם. אבל התורה אמרה לקיים מצות שכחה. לא תקם ולא תטר את בני עמך. ואהבת לרעך כמוך, אני ה׳. צריך האדם לעזב את השנאה על חברו, לפי שכל העולם הבל הבלים. רחמנא לבא בעי, משום שהלב צריך להיות משכן לשכינה. וכן מצוות פאה והבכורים. פאה בגימטר׳ אלהים 86 שאין להם שעור, כלומר השגת אלהות אין להם שעור, כי נתן ה׳ יכולת לכל אדם להשיג עד רוח הקודש ולא יותר, וזה הפאה, ראשית המחשבה וראשית הדבור. בצפרא, בבוקר, צריך האדם להביא לה׳ לקט, שכחה, פאה, בכורים, לא תלקט, לעני ולגר תעזב אותם אני ה׳ אלהיכם. כלומר, היצר טוב נקרא עני (קהלת). עיר קטנה ואנשים בה מעט, ובא אליה מלך גדול וסבב אותה ובנה עליה מצודים גדולים ומצא בה איש חכם ומלט הוא את העיר בחכמתו (מדרש קהלת). עיר קטנה זה הגוף, ואנשים בה מעט, אילו אבריו של האדם, ובא אליה מלך גדול, זה יצר הרע, ומצא בה איש מסכן וחכם, זה יצר טוב. כמו שהמלך מושל ביד חזקה, כך יצר הרע על האדם מושל ביד חזקה. אבל יצר טוב הוא עני והנשמה של אדם בהאי עלמא נקראת גר. דוד אמר גר אנכי בארץ אל תסתר ממני מצוותיך (תהלים קי״ט). אברהם אמר אל בני חת גר ותושב אנכי עמכם (חיי שרה), כלומר גר מצד הנשמה ותושב מצד הגוף, האדם בעולם הזה, לפיכך אמרה התורה שמצוות לקט, שכחה ופאה לעני ולגר תעזב אותם אני ה׳ אלהיכם, לעני זה יצר טוב, ולגר זו הנשמה.

עברי טייטש

פון דעם גאַנצען באַשאַף. די מקובלים רופען דאָס ניצוצים, פונקען פון דער שכינה איז פאַראַן אין אַלע ברואים, אַז דער צדיק עסט, טרינקט, טוט משא ומתן, האַנדלט, אָדער טוט אַ מלאכה, אַן אַרבעט, אַז ער טוט דאָס על פי התורה, נעמט ער אַרויס דעם ניצוץ, דעם פונק, וואָס גאָט האָט אַריינגעוואָרפען במעשה בראשית. דער צדיק

פרק שמונה עשר

ונחזור לעיננו בענין הקרבנות. כתבתי למעלה, כי האדם מורכב מן כל הבריאה, בשעה שאמר הקדוש ברוך הוא נעשה אדם בצלמנו נתנו כל הבריאה חלקים. החיות, הבהמות, העופות, מארבע היסודות אש מים רוח עפר, מלאכים. הכל נתנו חלק לבריאת האדם. וזה שאמרו חז"ל (יבמות, דף ס"ג), שבא אדם על כל בהמה וחיה ועוף ולא נתקררה דעתו עד שבא על אשתו, כלומר על התורה אשתו הרוחנית, שנאמר וזאת התורה אשר שם משה, לזאת יקרא אשה כי מאיש לקחה זאת (בראשית), רמז על התורה האשה הרוחנית. והאדם מצווה על מצות הקרבנות, אדם כי יקריב מכם קרבן לה'

עברי טייטש

מיט דעם דינען גאָט שיקט ער אַרויף צום הימל די אַלע הייליגע ניצוצים, פונקען פון דער שכינה, פון עסען, פון טרינקען, שלאָפען, אַרבעטען און ביזנעס. אין אַלע בעלי חיים זיינען פאַראַן ניצוצים. דאָס איז די מצוה לקט. די תורה האָט געזאָגט אַז דו זאָלסט ניט פיינט האָבען דיין ברודער אין דיין האַרצען. אָבער אַז דיין ברודער האָט דיר געטאָן אַ רעה, הן אין געלט, הן אין געזונט, הן אין כבוד, און עס איז געבליבען ביי דיר אין האַרצען אַ שנאה, זאָגט די תורה, אַז דו זאָלסט די שנאה פאַרגעסען. פאַרקערט, ואהבת לרעך כמוך אני ה'. די מצוה רופט זיך שכחה, פאה, פון די תבואה פון דעם פעלד, איין ברעג פון דעם פעלד פאַר די אָרעמע לייט. יעצט איז דאָס אין כלל פון צדקה אָבער דער וואָרט פאה בגימטרי' אלהים 86, אין להם שעור, דער מענש קען דערלאַנגען ביז רוח הקודש, אָבער ניט ווייטער. בכורים די ערשטע מחשבה, דער ערשטער דבור אין דער פריה נאָך דער נאַכט דאַרף דער מענש ברייננגען צו גאָט. די אַלע מצוות לקט, שכחה, פאה, בכורים זאָגט די תורה לעני ולגר תעזב אותם, איבערלאָזען פאַר דעם עני, דאָס איז דער יצר טוב, ער רופט זיך עני אין (קהלת). דער גר דאָס איז די נשמה, זי איז אַ גר אויף דער וועלט, דוד המלך זאָגט, ער איז אַ גר אויף דער וועלט.

כי יקריב איז דער טייטש ער זאָל צוגעהן נאָהענט צו גאָט ביז רוח הקודש. אדם זה ישראל אדם אתם ולא עכו"ם, כי שם הויה כזה במילי יו"ד ה"א וא"ו ה"א בגימטרי' מ"ה 45, אדם בגימטרי' מ"ה 45. מכם מישראל קרבן — זו נפש הבהמיות. טבע הבהמה יצר הרע, מן הבקר, מן העזים, מן הכבשים, מן העוף עלה קרבן לה'.

יש אדם שיש בו טבע מן השור שהוא בעל תאווה. די טבע פון דעם שור ער איז אַ היציגער, והוא בעל גאווה. מיט זיינע הערנער שטעכט ער דעם צווייטען, מפני שיש ארבעה דברים שהם מעכבים את רוח הקודש מן האדם והם אבות הטומאה, התאוה, והגאוה, העצבות ולשון הרע זה נפש הבהמיות שיש באדם הוא צריך להקריב לה'. לשרוף את כל פחיתות המדות זה קרבן מן הבקר מן הבהמה נפש הבהמיות מן העזים, כלומר יש אדם שהוא עבר על כל התורה בעזות מצח, עזות פנים לגהנום והוא צריך להקריב את הקרבן לה' זה קרבן מן העזים. דער יצר הרע איז שטאַרק מיט גרוים חוצפה

עברי טייטש

בכורים איז אַמאָל געווען די ערשטע פירות פון די בוימער האָט מען געבראַכט אין ירושלים, דאָס איז על פי פשט, אָבער על פי סוד איז, אַז דער מענטש כאַפט זיך אויף פון זיין שלאָפען אין פריה, דאַרף ער ברענגען זיין ערשטע מחשבה, זיין ערשטען דיבור צו רעדען דאַרף זיין צו גאָט, דאָס מיינט די אמת'ע בכורים. לקט די אַלע ניצוצים די פונקען פון דער שכינה, וואָס גאָט האָט אַריין געוואָרפען אין אַלע ברואים, דאַרף דער מענטש אָפקלייבען פאַר גאָט אין די אַלע זאַכען מעשה בראשית איז פאַראַן פונקען פון קדושה אין די עסענס טרינקען איז אַ קדושה, דאָס הייסט לקט שכחה צו פאַר־געסען די שנאה אויף אַ מענטשען וואָס האָט אייך געטאָן אַ רעה אין געלט אָדער אין כבוד, אַז מען איז איהם מוחל דאָס הייסט די מצות פון שכחה פאַרגעסען, פאה בגימטרי' אלהים 86 אין להם שעור דאָס הייסט אין השגת אלהות איז ניטאָ קיין שיעור והראיון דאָס איז צו זעהן די שכינה ווי איהר זעהט מיינע ברידער איז די אַלע מצות על פי הסוד פאַראַן אין אַלע צייטען אין יעדען דור איז פאַראַן אַזעלכע מענטשען וואָס זיינען מקיים די אַלע מצות צו ברענגען די

ער זאָל פאַרברענען אויף דעם געטליכען פייער זיין חוצפה צו טאָן תשובה. וכן יש אדם שהוא עבר על כל התורה לפי שאין בו כח למלחמת היצר שהוא בטבע רך, ער קען ניט אָנשרייען אויף דעם יצר הרע, הוא צריך להקריב קרבן לה', זה נקרא מן הכשבים, מן הצאן, וכן מן העוף. יש אדם שהוא חושב אפיקורסות, מחשבות רעות במחו, בלבו. מחשבות של אפיקורסות אצלו כל ימי חייו. הוא צריך להקריב לה' לשרוף את כל המחשבות ומעשים רעים וזה נקרא מן העוף עלה קרבנו לה'.

ועל זה הדרך יש לנו לקיים כל הקרבנות כלם הקדוש ברוך הוא שנא את הקרבנות על פי הפשט, אבל הוא אהב קרבנות על פי רמז והסוד. אם האדם מקיים ובערת הרע מקרבך (תצא), לפי כי האדם הוא מורכב מן כל הבריאה, עם כל מדות רעות. ואם האדם עושה תשובה הוא מקריב את עצמו לה', את נפש הבהמיות, והוא משיג רוח הקודש, וזה אדם הנסתר. 30 פעמים כתוב בתורה אצל הקרבנות

עברי טייטש

אַלע מצות אין ירושלים דאָס איז 2 ווערטער יראה שלום אַ גאַנצע יראה יראת הרוממות.

שלמה המלך זאָגט אין קהלת: עס איז פאַראַן אַ קליינע שטאָדט מיט אַ ביסעל מענטשען, דאָס איז דער גוף מיט די אברים. איז געקומען אַ שטאַרקער מלך האָט באַלאַגערט די שטאָדט מיט זיינע סאָלדאַטען, דאָס איז דער יצר הרע מיט זיינע נאַרישע תאוות עולם הזה. איז געווען אַ חכם אַ קינד האָט ער באַפרייט די שטאָדט פון דעם שטאַרקען מלך. דאָס איז דער יצר טוב. מיט תשובה ומעשים טובים קען דער מענטש קומען ביז רוח הקודש. דער מענטש איז באַשאַפען געוואָרען מיט דער נאַטור פון אַלע חיות, בהמות, עופות, מיט אַלע יסודות אש, רוח, מים, עפר. די נשמה איז פון הימעל העכער פון די מלאכים, דער גאַנצער באַשאַף פון דער וועלט האָבען געגעבען אַ חלק אין דעם מענטשען זיי האָבען אינוועסטעט זייער קאַפיטאַל. זיי האָבען געקויפט שערם אין דעם מענטשען. אז דער מענטש איז אַ צדיק טוט ער אַ טובה גאַנצער וועלט, ווייל די גאַנצע בריאה האָט אין דעם מענטשען אַ חלק. אז דער מענטש איז אַ צדיק

אשה ריח ניחוח לה׳, נחת רוח לה׳. כל הבריאה יש באדם והוא מעלה אותם על הסלם של יעקב אבינו ע״ה. סלם מצב ארצה וראשו מגיע השמימה והנה מלאכי אלהים עלים וירדים בו, לפי שהאדם מורכב מן כל הבריאה והוא מעלה אותם אל השמים. וזה אמרו חז״ל מלמד שבא אדם על כל בהמה וחיה, שהוא מרכב מהם. והאדם הוא מקריב את נפש הבהמיות, והוא מקיים את המצוה ובערת את הרע מקרבך, והוא משיג רוח הקודש. וזה שאמרו חז״ל שאין טובה בא לעולם אלא בשביל ישראל והוא אדם הנסתר. אדם כי יקריב איז דער טייטש ער זאָל צוגעהן נאָהענט צו גאָט מיר האָבען אַלע קרבנות 30 מאָל אין דער תורה אשה ריח ניחוח לה׳. ועתה כל דבריהם של הנביאים והרמב״ם ז״ל הם קדש קדשים אמת וצדק, כי הם אמרו כי ה׳ שנא את הקרבנות, כי לא צויתים ביום הוציא אותם מארץ מצרים על דברי עולה וזבח, כי אם את הדבר הזה צויתי אותם לאמר. שמעו בקולי והייתי לכם לאלהים ואתם תהיו לי לעם. והלכתם בכל הדרך

עברי טייטש

איז ער מעלה אַלעמען אויף יעקב אבינו׳ס לייטער, אָבער ער דאַרף ברענגען קרבנות צו גאָט מן השור, מן נפש הבהמה. דער יצר הרע איז די בהמה. דער גוף וויל אַלעס טאָן וואָס די בהמה טוט. דער חסרון פון אַן אָקס איז, ער איז אַ גרויסער בעל תאווה. ער איז זעהר היציג צו תאווה, מעהר פון אַלע חיות. דערצו איז ער נאָך אַ בעל גאווה מיט זיינע הערנער קען ער שטעכען דעם צווייטען. דער מענטש וואָס ער האָט דעם חסרון פון תאווה פון גאווה זאָל ער מקריב זיין פאַר גאָט זיינע שלעכטע מדות תאווה און גאווה. ער דאַרף מקריב זיין דעם קרבן פון דעם שור, פאַרברענען זיינע שלעכטע מדות אויף דעם מזבח, דאָס מיינט תשובה. אויך איז פאַראַן אַ מענטש, ער טוט אַלע שלעכטע זאַכען צו גאָט און צו לייטען, בעזות מצח מיט גרויס חוצפה, עזות פנים לגהנום ער דאַרף טאָן תשובה. דער קרבן רופט זיך מן העזים — עזות — פנים. ער האָט ניט קיין בושה קיין שאַנדע ער ברענגט זיין קרבן מן העזים. עס איז פאַראַן אַ מענטש וואָס ער טוט אַלע שלעכטע זאַכען אין דער שטיל. ער איז בטבע אַ שטילער מענטש, שטילערהייד איז ער אָבער עובר אויף כל התורה, ווייל ער

אשר אצוה אתכם למען ייטב לכם (ירמיה, ז׳) איצט איז די זאַך קלאָר. די נביאים, דוד המלך, דער רמב״ם און דער מחבר פון דעם ספר „השארת הנפש“ זיינען אַלע געדעכט. גאָט האָט פיינט די קרבנות על פי פשט. אָבער ער ליבט די קרבנות על פי רמז והסוד. אשה ריח ניחח לה׳. אַ נחת רוח צו גאָט אַז דער מענטש איז מקריב דעם נפש הבהמיות, דעם יצר הרע. דער מענטש האָט רוח הקודש דאָס איז דער אדם הנסתר. ער הייסט קרבן שלמים, שלום עם ה׳ ושלום עם הבריות. צו גאָט און צו לייטען. דער בעסטער מענטש אין דער גאַנצער וועלט. ותשחק ליום אחרון לפי שעולם הזה הבל הבלים. ועתה אנו יודעים שהמצות של הקרבנות, והפאה, והבכורים, ולקט, שכחה, פאה, לא בטלו מעולם חיים וקימים לעד על פי רמז והסוד.

עברי טייטש

קען ניט אָן שרייען אויף דעם יצר הרע, מען דאַרף האַלטען מלחמה מיט דעם יצר הרע, אָבער ער איז פון דער נאַטור אַ שטילער מענטש, ער קען ניט קעמפען מיט׳ן יצר הרע. ער דאַרף טאָן תשובה, פאַר־ברענען זיינע שלעכטע מעשים. דער קרבן רופט זיך מן הצאן תקריב את קרבנכם. עס איז פאַראַן אפיקורסות, ער איז פול מיט שלעכטע מחשבות וועגען גאָט און די תורה, ער זאָל תשובה טאָן פאַרברענען זיינע שלעכטע מחשבות. דאָס איז ואם מן העוף עלה קרבנו לה׳ תקריבו את קרבנכם. ווייל דער מענטש איז צוזאַמען געשטעלט פון אַלע חיות, בהמות און עופות, האָט ער אַלע חסרונות פון אַלעמען. די קרבנות זיינען ניט געוואָרען בטל. ביי די קרבנות זיינען געשרי־בען אין דער תורה 30 מאָל אשה ריח ניחח לה׳. אָבער די קרבנות פון דעם שור בהמה כשבים מן העזים תרים יונה על פי פשט איז געוואָרען בטל, די אַלע נביאים האָבען געשריבען אַז גאָט האָט פיינט די קרבנות, אָבער עס זיינען געבליבען אַלע קרבנות על פי הרמז והסוד. אדם כי יקריב מכם קרבן קרבן לה׳ איז דער טייטש ער זאָל צוגעהן נאָהענט צו גאָט מיט תשובה טאָן פאַרברענען דאָס שלעכטס. 30 מאָל זאָגט די תורה אשה ריח ניחח לה׳, דאַן קומט דער מענטש צו רוח הקודש, ער טרייבט אַרויס פון זיך די אַלע שלעכטעס פון די

עברי טייטש

חיות בהמות עופות. דאָס זאָגט די תורה ובערת הרע מקרבך (שופטים), דאַן איז דער מענטש אַ נחת רוח פאַר גאָט. דערפאַר דאַרף אַ איד דאַוונען מיט אַ העט אויף זיין קאָפּ, ווייל אַ קינד נעמט ניט אַרונטער זיין העט פון זיין קאָפּ פאַר אַ פאָטער מיר זאָגען אבינו מלכנו און גאָט רופט אונז בנים אתם לה' אלהיכם, אָבער די אומות העולם האַלטען גאָט פאַר אַ פאָריץ, פאַר אַ האַר, דערפאַר שטייען זיי ביי זייערע תפילות אָן העטס, זיי דענקען אַז גאָט איז אַ פּאָרעץ דאַרף מען שטעהן פאַר איהם אָן אַ העט, אָבער מיר האַלטען זיך פאַר קינדער. דער פאָטער מיט דעם קינד קומען צוזאַמען די נשמה איז אַ קינד פון די גאָטהייט, ער איז דער אדם הנסתר, ער איז דער בעסטער מענטש אין דער גאַנצער וועלט. ער איז אַ קרבן שלמים, גאַנץ מיט גאָט גאַנץ מיט לייטען, דער אדם הנסתר אָבער ער קען ניט צוזעהן אַלע שלעכטעס פון דער וועלט ער איז ווי אין פריזאָן געצוואונגען צו זיין אויף דער וועלט. ער קען קיין שלעכטעס ניט פאַרטראָגען. דאָס האָט געזאָגט שלמה המלך ע"ה, ותשחק ליום אחרון. ער פרעהט זיך מיט דעם לעצטען טאָג פון דעם נאַרישען לעבען פון הבל הבלים.

תם ונשלם חלק הקרבנות שבח לאל בורא עולם.

עשרה מדרגות

מ א ת

בנימין זאב ב״ר אריה ז״ל ראזאף

חלק שני

ניו-יארק
שנת תרצ״א לפ״ק

חלק עשרה מדרגות

פרק ראשון

מנהגו של עולם ונמוסי המדינה, אם אדם קונה יקנה רכוש בית, או שדה, או עבד, — בשנים קדמוניות היו קוני עבדים צריכין לכתב שטר קנין והיה כתוב וחתום שם של האדון על השטר. כן היה וכן יהיה.

בגלות מצרים שלח ה׳ את משה לדבר אל פרעה לשלח את בני ישראל מארצו, ואחר באו משה ואהרן ויאמרו אל פרעה: כה אמר ה׳ אלהי ישראל שלח את עמי ויחגו לי במדבר. ויאמר פרעה מי ה׳ אשר אשמע בקלו לשלח את ישראל, לא ידעתי את ה׳ וגם את ישראל לא אשלח. כלומר איה השטר ואיה השם של בעל הבית של האדון שהוא אומר שלח את עמי את ישראל? מפני זה אני כתבתי בספר „שנים אוחזין בטלית" את העשר ספירות, להראות את השטר כי הוא אלהינו ואנחנו עם מרעיתו וצאן ידו. והקדוש ב"ה כתב את שמו על ישראל קודם שברא העולם. וזה השטר על ישראל: כתר, חכמה, בינה, גדולה, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות. קח ראשי תבות מן כל הספירות יהיה בגימטרי׳ ישראל, סך הכל 541. וזה שמו על השטר על התורה, כי הוא אלהינו. ועתה נקח את ראשי תיבות מן עשרה מדרגות של רבי פנחס בן יאיר (ע"ז, דף כ"ב): תורה מביאה לידי זהירות, זהירות מביאה לידי זריזות, זריזות מביאה לידי נקיות, נקיות מביאה לידי פרישות, פרישות מביאה לידי טהרה, טהרה מביאה לידי קדושה, קדושה מביאה לידי ענוה, ענוה מביאה לידי יראת חטא, יראת חטא מביאה לידי חסידות, חסידות מביאה לידי רוח הקודש, רוח הקודש מביאה לידי נבואה, וזה אדם הנסתר. ראשי תיבות מן העשר מדרגות בגימטרי׳ ישראל 541 ואנחנו עם מרעיתו וצאן ידו. פרעה היה עם הארץ והוא לא ידע את השם ואמר מי ה׳ אשר אשמע בקלו לשלח את ישראל, לא ידעתי את ה׳ וגם את ישראל לא אשלח, משום כי מנהג העולם לראות את שם של האדון כתוב על השטר. אבל אנו

נלך אל התכלית אשר ברא ה' את האדם על הארץ, כי כל ימי חייו כעס ומכאובים. וואס פאר א בענעפיט האט מען פון דעם לעבען צו ליידען צרות אויף דער וועלט. אבל אחי ישראל דע כי ה' ברא את האדם להטיב לו באחריתו וזה ביד האדם הבחירה בידו. משה אמר ומי יתן כל עם ה' נביאים, כי יתן ה' את רוחו עליהם, רצונו של משה שיהיו כל ישראל נביאים, ואחר כך בא רבי פנחס בן יאיר (ע"ז, דף כ"ב) וכתב את העשר מדרגות עד רוח הקודש. ועתה שלח ה' אותי להסביר לפני עם ישראל את כל העשר מדרגות עד רוח הקודש בעברי טייטש, אז אלע אידען זאלען פארשטעהן די נעמען פון די עשר מדרגות : זהירות, זריזות, נקיות, פרישות, טהרה, קדושה, ענוה, יראת-חטא, חסידות, רוח הקודש.

עברי טייטש

מיר וועלען פארשטעהן מיט א משל : אז א מענטש דארף פארען אין א ווייטער שטאדט, 500 מייל ווייט. אויף דעם וועג איז פאראן 10 וואקזאלען. אויף יעדער 50 מייל איז דא א וואקזאל. קופט דער מענטש א טיקעט אויף דעם טריין און דער טריין בריינגט דעם מענטשען אין דער שטאדט.

מיינע ברידער, די תורה איז דער טריין די מדרגות זיינען די וואקזאלען דער טיקעט רופט זיך תמים. כמו נח איש צדיק תמים היה. גאט זאגט צו אברהם התהלך לפני והיה תמים. תמים תהיה עם ה' אלהיך. תמים נוטריקון תורה מצות יראה מצות. א גאנצער איד צו גאט און צו לייטען. אזוי ווי דער טריין בריינגט דעם מענטשען אין דער שטאדט צו זיין היים אזוי איז די תורה בריינגט דעם מענטשען צו זיין היים, צו רוח הקודש. אבער ער מוז איבער פארען 10 וואקזאלען. מיר וועלען בעזר השם פארשטעהן יעדען באזונדער. דער ערשטער אפשטעל רופט זיך זהירות.

פרק שני

זהירות איז דער טייטש אפהיטען. היטען דעם כבוד פון גאט דעם כבוד התורה. דעם כבוד פון אלע מענטשען. צושעטצען דעם

עברי טייטש

כבוד פון אַ מענטשען, ווייל ער איז באַשאַפען געוואָרען מיט דעם צלם אלהים. מען טאָר קיינעם ניט פאַרשעהמען. תמר האָט זיך געוואָלט לאָזען פאַרברענען אין פייער אום ניט צו פאַרשעהמען יהודה. מען דאַרף היטען דעם כבוד פון אַלעמען. אַלע זיינען שטערב־ליך. אַלעמען קומט דער זעלבער סוף, דער קבר מיט די ווערים פאַר אַלעמען גלייך, אָרעם און רייך. אַלע גלייך געבוירען, אויך אַלע גלייך פון טפה סרוחה צוגעהן למקום עפר רמה ותולעה, דאַרף דער מענטש האָבען די מדה פון רחמנות אויף אַלעמען, די מדה איז אַ באַווייז אַז ער איז אַן אייניקעל פון אברהם אבינו. דער איד דאַרף זיך היטען צו מאַכען אַ חלול השם דאָס איז דער ערשטער וואָקזאַל ער הייסט : זהירות.

פרק שלישי

דער צווייטער וואָקזאַל רופט זיך **זריזות**. פלייסיג צו אַ מצוה, הן צו גאָט הן צו לייטען. ער טוט די מצוה מיט אַ געטליכען פייער ניט פאַרשלאָפען. לערנען, דאַווענען, געבען צדקה, טאָן אַ מענטשען אַ טובה, אַלעס לעבעדיג, ניט מיט פוילקייט. פון יעדער מצוה ווערט באַשאַפען אַ מלאך, אַז מען טוט אַ מצוה מיט לעבען ווערט באַשאַפען אַ לעבעדיגער מלאך. דאָס זאָגט די תורה ושמרתם את חקתי ואת משפטי אשר יעשה אתם האדם וחי בהם אני ה׳ (אחרי מות) הכלל די מצוה דאַרף זיין לעבעדיג מען דאַרף טאָן מיט דער כונה, אַז גאָט האָט געהייסען טאָן אַלע מצות פון דער תורה. די מדרגה רופט זיך זריזות.

פרק רביעי

די דריטע רופט זיך **נקיות**, ריינקייט, ער האָט ריינע הענט צום עסען צו היטען די מצוה פון נטילת ידים, צוליעב 3 טעמים, דאָס ווייזט אויף השגחה, אַז דער מענטש קען ניט מאַכען זיין לעבען מיט זיינע הענט עס מוז זיין על פי השגחה מן השמים. נאָך אַ טעם איז,

עברי טייטש

ווייל די לופט, דער אויר העולם איז פול מיט באַצילען. האָט שלמה מתקן געווען נטילת ידים משום הסכנה. נאָך אַ טעם ווען מען גיט אַ שלום עליכם צו אַ מענטשען, אפשר איז יענער קראַנק, עס איז אַנשטעקענדיג די קראַנקהייט. אָדער מען גיט שלום עליכם צו אַ אשה נדה, דאָס איז אַ סכנה מען דאַרף זיך וואַשען צום עסען צוליעב השגחה. צוליעב די מיקראָבען, באַצילען אין דעם חלל העולם, אונטער די נעגעל ביי דעם מענטשען איז פול באַצילען. דער דריטער טעם אשה נדה. אין נטילת ידים איז פאַראַן דער שם ה׳, אין דער המוציא איז פאַראַן דער שם ה׳, אין ברכת המזון איז פאַראַן דער שם ה׳. 3 מאָל שם ה׳ איז 78 בגימטרי׳ לחם. דאָס מיינט די תורה לחם הפנים, נקיות. ער איז ריין פון גזל, גזלה פרעמדע געלט.

דוד המלך זאָגט אין תהלים מי יעלה בהר ה׳ ומי יקום במקום קדשו, נקי כפים ובר לבב אשר לא נשא לשוא נפשי ולא נשבע למרמה. אויף גאָט׳ס באַרג קען מען אויפגעהן, אַז מען האָט ריינע הענט פון גזלה, ער איז נהנה מיגיעו כפו. די גמרא זאָגט אין (ברכות, דף ח׳), גדול הנהנה מיגיעו כפו יותר מירא שמים. יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך. אשריך בעולם הזה וטוב לך לעולם הבא. אַז דער מענטש עסט זיין ברויט מיט דעם שוויים פון זיין פנים פאַר־דינט כשר זיין געלט דאָס איז ביי גאָט זעהר חשוב. די מדרגה רופט זיך נקיות.

פרק חמישי

די פערטע מדרגה רופט זיך **פרישות**. ער איז אָפגעשיידעט פון טומאה. ער וועט ניט האַלטען אין זיינע הענט אַ שרץ שרצים. קיין טומאה ער היט זיינע אויגען ניט צו קוקען אויף שלעכטע זאַכען. ער איז אָפגעשיידעט פון די 4 כתות חשמל, וואָס האָבען ניט קיין עולם הבא. כת חנפים, כת שקרים, כת מלבין את פני חברו ברבים, כת לצים. דאָס איז אַלעס אין כלל פון לשון הרע. די מענטשען זיינען די ערגסטע אויף דער וועלט. זיי ווערען פאַרשטויסען אין כף הקלע. זה דומה למלך שנותן לעבד לבוש מלכות וילבישנו לחמורו,

עברי טייטש

או לכלב ווי אַ מלך האָט געגעבען זיינעם אַ מלבוש צו זיין עבד, ער זאָל איהם באדינען מיט דעם מלבוש האָט דער עבד אָנגעטאָן דעם קעניג׳ם מלבוש אויף זיין הונט, איז ער חייב מיתה.

גאָט האָט געגעבען דעם מענטשען דעם צונג דעם כח הדיבור צו לערנען תורה, מצות, צו מאַכען אַ לעבען כשר, און ער טוט אַלע שלעכטע זאַכען מיט זיין צונג. ער בייסט מענטשען מיט זיין לשון הרע. האָט ער אָנגעטאָן דעם מלבוש פון גאָט אויף זיין כלב אויף זיין הונט אָבער דער וואָס האָט די מדרגה פון פרישות, ער היט זיין צונג זיין מויל זיינע אויגען זיינע הענט פון אַלע שלעכטע זאַכען, דאָס איז פרישות.

פרק שישי

די פינפטע מדרגה איז **טהרה**. דער טייטש פון טהרה איז ריינ־קייט, עס איז אַזאַ ריינקייט וואָס די שכינה מאַכט איהר משכן ביי דעם מענטשען אין האַרצען, דאָס וואָס מיר בעטען ביי גאָט אין אונזערע תפלות: וטהר לבנו לעבדך באמת, צו דינען גאָט מיט אַן אמת. ממעמקים קראתיך ה׳ מעומקא דליבא, רחמנא לבא בעי. וזה שאמר דוד המלך ע״ה (תהלים, נ״א) לב טהור ברא לי אלהים ורוח נכון חדש בקרבי אל תשליכני מלפניך ורוח קדשך אל תקח ממני השיבה לי ששון ישעך ורוח נדובה תסמכני רוח הקודש אשר בי מאז כי רוח ה׳ דבר בי אלמדה פשעים דרכיך וחטאים אליך ישובו, תרנן לשוני צדקתך. דאָס זאָגט די תורה: וינחם ה׳ כי עשה את האדם בארץ ויתעצב אל לבו, כלומר אל לבו של אדם. גאָט איז אומעטיג ווייל ער האָט ניט קיין פלאַץ ביי דעם מענטשען אין האַר־צען, רחמנא לבא בעי.

מיינע טייערע ברידער, גאָט וויל האָבען די האַרץ פון דעם מענ־טשען דאָס איז דער אמת׳ער משכן. די מדרגה רופט זיך טהרה, טהרת הלב. זאָגט די תורה לא תשנא את אחיך בלבבך, ולא תשא עליו חטא. לא תקם ולא תטר את בני עמך ואהבת לרעך כמוך אני ה׳ (קדושים). מיר דאַרפען פאַרשטעהן וואָס עס איז אַ ריינע האַרץ

עברי טייטש

אן שנאה שנאת הבריות קיין שנאה צו קיין מענטשען. אלעמען צו ליבען דאס איז א געטליכע הארץ, ווי אברהם אבינו האט געבעטען פאר סדום פאר די רשעים. אברהם אבינו האט א געטליכע הארץ פול מיט ליבע צו אלע מענטשען. אברהם אבינו איז געווען א סעמי־פעל פאר דער גאנצער מענשהייט. דאס איז די מדרגה טהרה, טהרת המח, טהרת המחשבות פון אלע תאוות, מחשבות קדושות בלי הרהור חטא ועון כלל, אין דער הארץ קומט אריין די שכינה. ווי די זון קומט אריין אין פענסטער, אט אזוי קומט אריין די שכינה אין א ריינער הארץ צו דעם מענטשען. דאס איז דער משכן ה׳ זאגט די תורה ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (תרומה).

די אלע כלים פון דעם משכן דאס זיינען דעם מענטשען׳ס אברים. דער ארון דאס איז די תורה וואס דער מענטש לערענט לשמה פון גאט׳ס וועגען, ניט פאר ביזנעס. דאן קען מען לערנען קבלה די סודות התורה. דער משכן איז געווען באדעקט מיט די פעל פון תחשים האב איך געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית״, אז די חיה תחשים איז א נוטריקון, דער מענטש איז געקומען אויף דער וועלט צוליעב דער תורה מיט די מצות, (תרי״ג מצות). דער משכן דארף זיין דעם מענטשענס הארץ. ער קומט באדעקט פון אויבען מיט דער פעל פון דער חיה תחשים וואס איז נוטריקון: תכלית חכמה, שכינה, יראה, מלכה. דאס איז די חיה. די שכינה איז א לעבעדיגע זי לעבט אייביג, מלכא קדישא. 27 מאל איז געשריבען אין דער תורה וכבשו שמלתם, כנגד כ״ז אותיות של אלף בית. דאס איז א רמז צו וואשען די מדות פון דעם מענטשען ער זאל קענען האבען רוח הקודש, דאס איז די מדרגה פון טהרה.

ועתה שמעו לי אחי ועמי אודיע דברי אתכם. דעו כי ה׳ נתן לנו את התורה והנביאים והתנאים שכתבו את כל הספרים בשביל התועלת לאדם, כלומר, מן האדם רע לעשות אדם טוב. ואם האדם טוב באמת שורה עליו השכינה וזה התכלית. וכל זמן שאין השכינה שורה עליך אין אתה שלום, אבל אתה חסר. אפילו אתה תלמיד חכם למדן גדול, אבל אם יש בך מדות רעות אין השכינה שורה עליך, כי אתה בעל מום וכל מום לא יקרב.

ע ב ר י ט יי ט ש

וזה אשר אני כתבתי בענין הקרבנות, אדם כי יקריב איז דער טייטש נעהענטער דער מענטש זאָל צוגעהן נאָהענט צו די גאָט־הייט, ער זאָל פאַרברענען זיינע שלעכטע מדות דאָס זיינען די אמת'ע קרבנות. ביי יעדען מענטשען איז פאַראַן זיין בהמה דער יצר הרע, דאַרף יעדער מענטש ברייגגען זיין קרבן צו גאָט, פאַרברענען די שלעכטע מדות און נעמען גוטע מדות, ער זאָל תשובה טאָן. כי האדם נולד במדות רעות גרוע מכל החיות, כי הזאב או הדב לא יטרף ממנו, אבל האנשים עושים מלחמות זה עם זה והורגים זה את זה הן בכלל והן בפרט. אבל באמת האדם נברא למלחמת היצר הרע, אם האדם מנצח התגברות על יצר הרע, אז השכינה שורה עליו בלי ספק.

איך האָב בעזר השם יתברך געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" דעם גאַנצען וועג צו רוח הקודש צו ווערען דער אדם העליון אדם הנסתר. ווייל מיר זעהן אַז חיות פון דעם זעלבען מין לעבען בשלום איין בהמה דער אַנדערער בהמה וועט ניט בייסען רייסען, אָבער מענטשען זיינען ערגער פון אַלע חיות דערפאַר האָט מען געגעבען די תורה מיט די מצות ער זאָל זיך אויסאַרבייטען. ווען גאָט האָט געגעבען די תורה אויף דעם באַרג סיני האָט ער זי גע־געבען מיט פייער. דאָ ליגט אַ מוסר השכל : פייער מאכט פאַרטיג דאָס עסען, דאָס טרינקען. פון האַרטע זאַכען ווערען ווייכע זאַכען. אַלע מעטאַלען ווערען ווייך אין פייער, אַזוי איז די תורה אַז מען לערענט די תורה מיט התלהבות, מאכט די תורה פון אַ האַרטען מענטשען מיט שלעכטע מדות, קען ער ווערען אַ גוטער מענטש מיט די בעסטע מדות. אשרי אדם המתקדש נפשו וגופו בעולם הזה כדי שיתדבק נפשו בעולם העליון לחזות בנועם ה' ולבקר בהיכלו. כמו שאדם הולך בביתו מן חדר אל חדר, כך המחשבות של האדם יכולים ללכת בעולם העליון מן מקום למקום, מן היכל אל היכל. אַזוי ווי אַ מענטש קען געהן ביי זיך אין הויז פון חדר צו חדר, פון רום צו רום. אַט אַזוי קען די מחשבה פון דעם מענטשען אומגעהן אין אַלע הימלען, נאָר אַז די מחשבה איז אַ ריינע, דאָס איז די מדרגה פון טהרה.

פרק שביעי

עברי טייטש

די זעקסטע מדרגה איז **קדושה**. די תורה זאָגט קדשים תהיו כי קדוש אני ה' אלהיכם. אזוי ווי דער טריין ברייגנגט דעם מענטשען פון שטאָדט צו שטאָדט, פון דעם וואָקזאַל צו אַ צווייטען וואָקזאַל, אַזוי איז די תורה ברייגנגט דעם מענטשען פון טהרה צו קדושה. רש"י זאָגט קדושים תהיו, הוו פרושים מן העריות ומן העבירה, שכל מקום שאתה מוציא גדר ערוה אתה מוציא קדושה. פתח המחבר כל מקדש שביעי כראוי לו כל שומר שבת כדת מחללו שכרו הרבה מאד על פי פעלו איש על מחנהו ואיש על דגלו. כתיב ועשית מנורת זהב טהור מקשה תעשה המנורה, ירכה וקנה גביעיה כפתריה ופרחיה ממנה יהיו, וששה קנים יוצאים מצדיה כפתר ופרח כן לששת הקנים היוצאים מן המנורה, ובמנורה ארבעה גביעים משקדים כפתריה ופרחיה.

ודע קורא משכיל כי התורה נקראת מנורה, שמאירה לכל העולם. וששת הקנים היוצאים מן המנורה זו ששה סדרים משניות : זרעים, מועד, נשים, נזיקין, קדשים, טהרות. ובמנורה ארבעה גביעים משקדים זו פרד"ם : פשט, רמז, דרוש, סוד קבלה. ועשית מנורת זהב טהור, זה הלומד תורה לשמה, זה זהב טהור. והאיר על עבר פניה, וזה שיהיה אור נרות הימין ונרות השמאל מכוון אל האמצעי, וכן ראוי שיהיה ענין האור השכלי בחלק העיוני, וג"כ אורו בחלק שכינתא כתר מלכות, כי אז יאירו כולם כמו שאמרו בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה ועשית מנורת זהב טהור. זהב בגימטרי' דוד (14) הוא טהור. כל האומר דוד חטא אינו אלא טועה, שנאמר ויהי דוד לכל דרכיו משכיל וה' עמו, אפשר חטא בא לידו שכינה עמו, זהב טהור זה דוד טהור (שבת, דף נ"ו). והאיר על עבר פניה מאי פניה אלא המנורה זו התורה, פניה זו השכינה, שנאמר אשרי העם יודעי תרועה ה' באור פניך יהלכון, כלומר באור השכינה אם האדם לומד תורה לשמה און טוט אַ ביזנעס נאָר פאַר גאָט, בטהרת הלב, בטהרת המחשבה, בטהרת הפה, בטהרת העינים, בטהרת ידים. ודע אחי

עברי טייטש

כי שפה בגימטרי' שכינה, ואל תדבר לשון הרע תראה את השכינה. וזה רמז באור פניך יהלכון, כי אתה תאיר נרי ה' אלהי יגיה חשכי (תהלים, י"ח). כי העולם הזה דומה ללילה, אבל אם השכינה שורה על האדם אז יגיה חשכי, וידע כל הסודות. וזה בהעלותך את הנרות אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, וזה כל מקדש כראוי לו (ספר „שנים אוחזין בטלית" שער הנקודות, דף כ"ב).

ועתה קורא משכיל, זה ידוע כי יש לאדם ז' חושים. חמשה חושים גשמים : חוש הראיה, חוש השמיעה, חוש הריח, חוש הטעם, חוש המשוש. ושני חושים רוחנים : חוש הדמיון וחוש השכל. ועתה קורא משכיל שמע אל דברי שמע בקולי איעצך ויהי אליהם עמך. אם האדם מקדש השבעה חושים כראוי, להקדוש ברוך הוא, כל החושים יהיו קודש לה'. כל שומר שבת כדת מחללו, כמו שאתה שומר את השבת שיהיה קודש, כך אם תשמור את הז' חושים שיהיו קודש לה', אז השכינה שורה עליך, שכרו הרבה מאד על פי פעלו, כלומר על פי של האדם הזה פעלו של הקדוש ברוך הוא, כלומר הקדוש ברוך הוא גוזר גזירה והצדיק מבטל. וזה איש על מחנהו, והיה מחניך קדוש. מחניך אלו איברים של האדם, ואין איש אלא הקדוש ברוך הוא, שנאמר ה' איש מלחמה אם האדם שומר את החושים אז השכינה שורה עליו, והוא מרכבה לשכינה. איש על מחנהו הקדוש ברוך הוא שומר את האיברים של אדם. יהי רצון שתשרה השכינה על כל ישראל אמן.

אויב דער מענטש האלט הייליג זיינע 7 חושים : דעם חוש פון די אויגען, דעם חוש פון הערען — די אויערען, דעם חוש פון ריח פון שמעקען, דעם חוש פון טעם פון עסען, דעם חוש פון טאפען מיט די הענט, דעם חוש הדמיון, וחוש השכל, אז מען האלט די 7 חושים הייליג פאר גאט, רוהט אויף דעם מענטשען די שכינה, אזוי ווי רבינו הקדוש חנינא בן דוסא אין דער גמרא ווי רבינו הקדוש האט געזאגט פאר זיין שטארבען, בשעת פטירתו של רבי זקף עשר אצבעותיו כלפי מעלה אמר : רבש"ע גלוי וידוע לפניך שיגעתי בעשר אצבעותי בתורה, ולא נהניתיאפילו באצבע קטנה, יר"מ שיהא שלום במנוחתי. יצתה בת קול ואמרה יבא שלום ינוחו על משכבותם

(ישעיה, נ"ז), ולא נהניתי בעולם הזה אפילו, כלומר לא כיון בכל עניניו להנאות עצמו כ"א הכל לכבוד התורה, כמ"ש הרמב"ם שמי שאוכל כדי שיהא גופו בריא לעבודת ה', א"כ מאכלו ג"כ נחשב למצוה, לא להנאת עצמו. זה הכלל כי הקדושה יש לה כח המושך מאגנעט, שמושך את השכינה.

אמרו ליה לרבי מאי טעמא קראו לך רבינו הקדוש, אמר להם מימי לא נסתכלתי במילה שלי, שלא הכנים ידו תחת אבטנו שלא הכנים ידו למטה, דהיינו משום הרהור עבירה, ולכך נקרא קדוש. מימי לא נסתכלתי במילה, לא להתפאר אמר כן, רק להזהיר לאחרים שיעשו כן לעצום עיניהם שלא להסתכל בערוה שלו וכ"ש באחרים (שבת, דף קי"ח).

פרק שמיני

מדרגה שביעית **ענוה**, וזה המדה גדולה מכלם, כי ענוה מביאה את האדם לרוח הקודש, וזה נחת רוח לה'. והענוה היא ראש לכל יראת שמים וזה מביא שלום בעולם, כמו שהגאוה מביאה קטטה, מריבה, שנאה, כך הענוה מביאה שלום, התחברות, התקשרות, אחדות בין אנשים הן בכלל והן בפרט. כי אין למעלה מן ענוה. כי משה רבינו היה בו כל המעלות, וה' בחר להגיד על משה מעלה של ענוה; כמו שנאמר והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה. מאד זו אותיות אדם, מכל בגימטרי' צ', 90. כלומר משה אדם צדיק לפי שהוא עניו, וזה בחר ה'. (ישעיה, נ"ז) כי כה אמר רם ונשא שכן עד וקדוש שמי מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים, ויהיו כל אלה נאם ה', ואל זה אביט אל עני ונכה רוח וחרד על דברי (ישעיה, ס"ה). כתיב ואדם אין לעבד את האדמה, ושם אדמה בגימטרי נ', 50. שיכנתא עילאה נון שערי בינה, אם האדם עומד בבחינת אין, ענוה, שאין בו גאוה, אז הוא משיג נון שערי בינה, והוא בעל רוח הקודש. וזה בחינת משה ונחנו מה, עניו מאד מכל האדם אשר על

פני האדמה. ובזה יובן מאמר הכתוב ויפול אברהם על פניו וידבר אלהים אליו, היינו שבא למדריגות נפילת אפים, ענוה, שנאמר ואנכי עפר ואפר, ואז וידבר אתו אלהים, שזכה לרוח הקודש שכינה מדברת מתוך גרונו. (ליקוטי תורה, פרשת לך לך). אבל אם אדם עומד בבחינת יש בעל גאוה כמו לבן בן נחור, שאמר יש לאל ידי לעשות עמכם רע, זה בחינת לבן אדם רשע, ודוד אמר (תהלים, כ"ב) ואנכי תועלת ולא איש חרפת אדם ובזוי עם.

אמר רב חייא בר אשי אמר רב, תלמיד חכם צריך שיהא בו אחד משמונה בשמינית) כסאסא לשבלתא. וזה מוסר השכל אם השבלים בריאות ומלאות דגן, אז הוא כפוף נכנע עד לארץ, ואם השבלים דקות שדופות ריקות ואין בו דגן, אז הם עומדים זקופים. כך תלמיד חכם אום הוא מלא תורה מצות ומעשים טובים, אז הוא עניו כפוף ונכנע, והוא יהיה בעל רוח הקודש. ואם אין בו מעשים טובים, אז הוא בעל גאוה, כמו קש ותבן שאין בהם דגן. מן בראשית עד וישלח יש ח' סדרות, מן וישלח יש ח' פסוקים עד קטנתי מכל החסדים. וזה אחד משמונה בשמינית, והתורה מרמזת, אמר ואמרת להזהיר גדולים על הקטנים, כלומר הגדול בתורה צריך שהיה עניו, ואמרו חז"ל : כל תלמיד חכם שמתגאה נבלה טובה ממנו. כל המתגאה כאלו עובד עכו"ם.

וקח מוסר השכל מן הקדוש ברוך הוא, שהוא עניו מאד, שנאמר בכל מקום שאתה מוצא גדלתו של הקדוש ברוך הוא, שם אתה מוצא ענותנתו, בתורה, בנביאים, בכתובים. כתוב בתורה : כי ה' אלהיכם הוא אלהי האלהים ואדוני האדונים, האל הגדול הגבור והנורא, אשר לא ישא פנים ולא יקח שחד. וכתיב בתריה : עשה משפט יתום ואלמנה ואהב גר לתת לו לחם ושמלה. בנביאים, דכתיב : כי כה אמר רם ונשא שכן עד וקדוש שמו, מרום וקדוש אשכון ואת דכא ושפל רוח, להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים. משלש בכתובים דכתיב : שירו לאלהים זמרו שמו, סולו לרוכב בערבות ביה שמו ועלזו לפניו. וכתיב בתריה : אבי יתומים ודין אלמנות אלהים במעון קדשו, יהי ה' אלהינו עמנו כאשר היה עם אבותינו אל יעזבנו ואל יתשנו, ואתם הדבקים בה' אלהיכם חיים כלכם היום.

עבּרי טייטש

הערט מיינע ברידער די געטליכע רייד וואָס איך האָב פאַר אייך געשריבען פון מיין טיפען האַרצען, אַז ענוה איז די בעסטע מדה, איך האָב געבּראַכט פסוקים פון אברהם, פון משה, פון דוד, פון גאָט ברוך הוא, אַז די שכינה רוהט אויף דעם מענטשען וואָס ער איז אַן עניו באמת. איך האָב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" אין „מרפא לנפש", אַז גאָט באַווייזט זיך צו דעם מענטשען וואָס ער האָט גוטע מדות. ענוה איז די בעסטע מדה, ווייל משה רבינו האָט די תורה געלויבט מיט דער מעלה.

איך האָב געשריבען אין מיין ספר „רפואת הנפש" צו קריגען רוח הקודש. די לומדים האָבען אַ טעות, זיי מיינען אַז מיט'ן לערנען אַליין קען מען קומען צום תכלית, עס איז ניט ריכטיג, דאָס לערנען איז דער וועג צו קומען צו אַלע גוטע מדות. אַזוי ווי מאַגנעט ציהט צו זיך אייזען, אָט אַזוי איז די תורה מיט מדות טובות ציהט צו דעם רוח הקודש, די שכינה. אַזוי ווי אַ פאָטער האָט זיך ליעב צו שפּילען מיט דער בייבי מיט דעם קליינעם קינד, ער קוקט ניט אויף זיין כבוד, די ליעבשאַפט פון דעם קינד מאַכט בטל דעם כבוד פון זיין פאָטער, ער לאָזט אַלעס איבער און ער שפּילט זיך מיט דעם קינד, ווייל דאָס קינד איז נאָך אומשולדיג, ער איז אָן פאַלשקייט, ער איז ערנסט אָן פניות, דערפאַר האָט דער פאָטער ליעב דאָס קינד. אַזוי איז דער פאָטער פון הימעל, האָט ליעב אַ מענטשען וואָס ער איז אַ תמים, ווייל דער וואָרט תמים איז געשריבען ביי נח, ביי אברהם, ביי דוד. דער וואָרט תמים איז אַ נוטריקון תורה, מצות, יראה, מדות. ווען אַ מענטש זאָל האָבען תורה, מצות, יראה, אָבער אַז עס פעהלט איהם גוטע מדות איז ער נאָך ווייט פון גאָט. מיר זעהען גרויסע לומדים זיי קענען אַפילו לערנען, גאַנץ ש"ס, פוסקים ער רופט זיך גאון, ער האַלט זיך פאַר דעם בעסטען אין דער וועלט, אָבער אין דער אמת איז ער ווייט פון גאָט ווי דער הימעל איז ווייט פון דער ערד, ווייל ער האָט אין זיך חסרונות, גאוה, כעס, לשון-הרע, שנאת-חנם. מען קען צו איהם גאָר ניט ריידען, ער דיינקט אַז קיי־נער איז צו איהם ניט גלייך. דער שטן האָט איהם איינגערעדט אַז ער איז גרעסער פון אַלעמען. אָבער די זאַך איז פאַרקעהרט, ער איז

פרק תשיעי

כי זה ידוע לכל עם ישראל, כי התורה נתן הקדוש ברוך הוא לישראל על דרך הפרד"ס: פשט, רמז, דרוש, סוד. כתיב וילך למסעיו מנגד ועד בית אל עד המקום אשר היה שם אהלה בתחלה בין בית אל ובן העי אל מקום המזבח אשר עשה שם בראשנה, ויקרא שם אברם בשם ה׳. כן היה על דרך הפשט, אבל על פי רמז היו כל המסעות בעשרה מדרגות: זהירות, זריזות, נקיות, פרישות, טהרה, קדושה, ענוה, יראת־חטא, חסידות, רוח־הקודש. וילך למסעיו מנגב ועד בית אל, כלומר שהלך בידיעת ה׳ עד שבא לבית אל, שבא לרוח הקודש, עד המקום שהיה שם בראשנה בגן עדן קודם שנברא. הפשט עומד על מקומו, אבל כל המסעות שהלך אברהם היה ברוחניות, בקדושה, בנבואה, כמו ויבא יעקב שלם עיר שכם, הפשט עומד על

עברי טייטש

ערגער פון אַלעמען מיט זיין גאוה. גאָט האָט ליעב אַן עניו, דער עניו קען אַלעמען ליבען שעצען, ער האַלט יענעם גרעסער פון זיך. צו אַזאַ מענטשען קען קומען די שכינה. פון גאוה, פון כעס, פון לשון הרע, פון קנאה, פון שנאה, אַנלויפט די שכינה. ווי אסתר האָט געזאָגט צו מרדכי: כי אין לבוא אל שער המלך בלבוש שק. המלך סתם — זה הקדוש ברוך הוא, שק נוטריקון שנאה קנאה. דאָס איז אַ רמז אין דער מגלת אסתר, אַז מען קען ניט אַריינקומען צו גאָט אין רוח הקודש, אז מען האָט שנאה קנאה, דאָס הייסט שלעכטע מדות. וואָס האָט דער למדן פון זיין לערנען, אַז ער איז געבליבען ביי זיין חסרון, ער וועט נאָך דאַרפען אָפּגעבען דין וחשבון אויף זיינע שלעכטע מדות, ווייל ער האָט געבראַכט אַ חילול השם. גאָט האָט איהם באַשאַפען אַז ער זאָל זיין אַ סעמפּעל פאַר אַלעמען, מען זאָל זיך פון איהם אָפּלערנען צו טאָן גוטעס, לא תשנא את אחיך בלבבך, דו זאָלסט ניט פיינט האָבען דיין ברודער אין דיין האַרצען, פאַרקעהרט ווי דער יצר הרע זאָגט דיר. די תורה זאָגט: והאבת לרעך כמוך אני ה׳ (קדושים).

מקומו, אבל על פי הרמז והסוד: שכם נוטריקון שכינה כתר מלכות, ויצב שם מזבח, כלומר יעקב אבינו נסה כל העשר מדרגות שהם נקראים עשר ספירות: כתר, חכמה, בינה, גדולה, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות. זה שמות של הקדוש ברוך הוא, וזה רמז בתורה ויבא יעקב שלם עיר שכם, שהשכינה מלא כל הארץ כבודו, מן כתר ועד מלכות יש שם עשר מסעות, והם נקראים עיר שכם, שכינה כתר מלכות.

וכן יש הספור בתורה מן קין והבל שני אחים, ויקם קין על הבל אחיו ויהרגהו, זה על פי פשט. אבל על פי רמז וסוד, נתן הקדוש ברוך הוא לכל אדם שני כחות: הגוף והנשמה, הגוף צועק בקול שהוא צריך קנינים: קנה כסף וזהב וכל רכוש, כי זה התכלית. זאת היא הטענה של הגוף, והנשמה צועקת בקול גדול: שהקנינים מן העולם הזה הכל הבל הבלים. אבל הכח והטענה של הגוף שהוא נקרא קין, לשון קנין הורג את אחיו את הבל, כח של הנשמה, עם כל הטענות. זה כח הרמז של התורה. והכל אמת, הפשט והרמז והדרוש והסוד, מפני שכל הדברים של התורה באו מן השמים מפי ה׳ אלהים, דאָס איז אַ געטליכער כח.

עברי טייטש

מיינע ברידער, די תורה האָט געמאַכט אַ גאַנצען פּאַראַד, אַ גאַנצע פּרשה, וירא אליו ה׳ באלני ממרא והוא יושב פּתח האהל כחם היום. דאָ ליגט אַ מוסר השכל אַז די גאַנצע וועלט איז נאָר אַן אהל, אַ געצעלט. אברהם זיצט אין טיר פון געצעלט. דער צדיק דאַרף וויסען, אַז די וועלט אין אַ געצעלט, ער דאַרף זיצען אין דער טיר פון געצעלט. דער מענטש איז דאָ אַ גאַסט אויף אַ ווײַלע. צו וואָס האָט די תורה אָנגעשריבען אַ גאַנצע פּרשה פון אברהם מיט די מלאכים וואָס ער איז געלאָפען, צו מקבל פּנים די אורחים, זיי האָבען זיך פאַרשטעלט פאַר גוים, אברהם האָט זיי געגעבען עסען, טרינקען, שלאָפען, אַלעס פון די בעסטע מיט דער פולער האַנד. ער האָט צו זיי גערעדט מיט ליעבשאַפט, צו ווייזען דער וועלט אַ סימ־באָל אַ סעמפּעל, ווי מען דאַרף צונעמען אורחים. ער האָט געליעבט אַלע מענטשען אין כלל. ער האָט תפילה געטאָן צו גאָט פאַר די

ג ב ר י ט ײ ט ש

אנשי סדם, פאַר די רשעים האָט ער מתפלל געווען, אַלץ צו ווייזען דער וועלט אַ לעסאָן, אַז מען טאָר ניט זיין אַ שלעכטער ווי אַ חיה, דען גאָט האָט געזאָגט נעשה אדם בצלמנו. דאַרף דער מענטש זיין אַן עניו מיט גוטע מדות. אַלע, די גרעסטע גאונים פון פאַרצייטען פלעגן אָפּריכטען גלות אין פרעמדע לענדער, פאַרוואָס האָבען זיי אָפּגעריכט גלות ? כדי צו קריגען ענוה, ווייל צו האָבען רוח הקודש דאַרף מען האָבען גרויסע עניוות, אָבער ווען מענטשען געבען דעם גאון גרויס כבוד, דאָס איז פאַר דעם גאון אַ חסרון צו רוח הקודש, דאָס איז די סיבה פאַרוואָס דער גאון איז אוועק אין גלות אום צו האָבען עניוות די 7טע מדרגה ביז רוח הקודש.

מיינע ברידער איך האָב דאָ באַוויזען, אַז די תורה איז געגעבען געוואָרען פון הימעל. יעדער וואָרט איז אַרויס פון גאָט׳ס מויל, און אין יעדען וואָרט איז פאַראַן גרויסע סודות, אַז אברהם אבינו האָט געררייזט אין דער וועלט איבער שטעדט, דאָ ליגט דער סוד, אַז ער האָט געררייזט אין געטליכקייט, אין רוח הקודש, אין נבואה, ווי איך האָב געשריבען אין דעם ספר אַז עס איז פאַראַן 10 מדרגות צו קומען צו רוח הקודש. דאָס זיינען 10 וואָקזאַלען, 10 סטאָפּס. די תורה איז ווי אַ טריין, זי ברייננגט דעם מענטשען אין דער שטאָדט צו זיין היים. אַזוי איז די תורה זי ברייננגט דעם מענטשען ביז רוח הקודש, צו זיין שטאָדט שכם. יעקב אבינו איז געקומען בשלום אין דער שטאָדט שכם. דער נוטריקון פון דעם וואָרט שכם איז שכינה, כתר, מלכות. ער האָט דורכגערייזט אַלע 10 וואָקזאַלען, די 10 מדרגות ביז רוח הקודש, ביז נבואה. אַזוי איז געווען מיט אַלע אבות. זיי האָבען געררייזט אין שטעדט. דאָס איז אין פּשט, אָבער אין דער אמת האָבען זיי געררייזט אין געטליכקייט, אין רוחניות, אין קדושה.

איך האָב געשריבען פריער, אַז אין דער מעשה פון קין מיט הבל איז פאַראַן דער סוד פון דעם גוף מיט דער נשמה : דער גוף שרייט אַז ער וויל אַלעס קויפען פאַרמעגענס, און די נשמה שרייט : אַז אַלעס איז הבל הבלים, דער מענטש איז דאָ אַ גאַסט אויף דער וועלט, מען דאַרף ניט צופיעל. ווי יעקב אבינו האָט גע-

פרק עשירי

ועתה צריך להבין מדרגה שמינית. כי ענוה מביאה את האדם לידי **יראת חטא**, וזה מדרגה שמינית. כי זה ידוע שיש שני מינים יראה: יראת העונש, ויראת הרוממות. יראת העונש זו מדה קטנה, ויראת הרוממות זו מדה גדולה. והיראה זו היא העיקר, שורש ויסוד

עברי טייטש

בעטען לחם לאכל ובגד ללבוש, דער כח פון דעם גוף רופט זיך קין פון דעם לשון קנין, קויפען, אָבער דער כח פון דער נשמה שרייט, אַז עס איז הבל הבלים, מען שטאַרבט, מען לאָזט אַלעס איבער פאַר פרעמדע, פאַר שונאים. די גמרא זאָגט אַז די גרעסטע שונאים זיינען דעם מענטשענ'ס פאַמיליע, מען וואַרט אויף זיין טויט. דיביידע כחות זיינען 2 ברידער: קין מיט הבל, צום ענדע שטעהט אויף קין און הרג'עט זיין ברודער הבל. מען טרייעט צו לאָזען מעהר ירושה פאַר די קינדער פון דעם גוף, פאַר דער נשמה זאָרגט מען זיך גאַנץ ווינציג. ווייל פאַר דעם גוף זעהט דער מענטש מיט די אויגען, פאַר דער נשמה דאַרף ער האָבען אמונה, גלויבען.

זאָג איך דער מחבר פון דעם ספר „השארת הנפש", אַז יעדער מענטש קען זיך איבערצייגען, ער קען קומען צו רוח הקודש ווען ער זעהן דעם אמת. פאַר דעם שרייב איך בעזר השם יתברך דעם וועג צו רוח הקודש. יעדער איד קען זיין ווי אברהם אבינו. די אבות זיינען די סעמפעלס פון דער וועלט, דער מאַנופעקטשורער מאַכט סעמפעלס, דערנאָך קומען די אָרדערס. אַזוי איז גאָט, ער האָט באַשאַפען די אבות, דאָס זיינען סעמפעלס אַז מען קען קומען צו רוח הקודש, דער עם ישראל זיינען די אָרדערס, דער סטאָק. עס זיינען דאָ אַפּולע אַזעלכע ווי די אבות, נאָר זיי זיינען באַהאַלטען אין גלות, דאָס איז דער אדם הנסתר. איך האָף צו גאָט, אַז אין גיכען וועלען זיך אַלע אַרויס ציינען פאַר דער וועלט. אָבער מיינע ברידער איך שרייב פאַר אייך דעם וועג צו קומען צו שכם, דער נוטריקון פון דער שטאָדט שכם איז: שכינה, כתר, מלכות, צו רוח הקודש.

האמונה, כמו שאמרו חז"ל: אם אין יראה אין כלום, אם אין יראה אין חכמה. כמו יסוד של הבית מחזיק את כל הבנין, כך היראה מחזיקה את האדם אל התורה והמצות. וזה שאמר משה לישראל (פרשה עקב): ועתה ישראל מה ה' אלהיך שאל מעמך כי אם ליראה את ה' אלהיך ללכת בכל דרכיו ולאהבה אתו ולעבד את ה' אלהיך בכל לבבך ובכל נפשך. ורבותינו דרשו מכאן שהכל בידי שמים חוץ מיראת שמים. לשמור את מצות ה' ואף היא לא לחנם אלא לטוב לך, שתקבלו שכר כמו שכתבתי למעלה את המשל עם הטריין, שהוא מביא את האדם אל מקומו שהוא צריך, כך התורה מביאה את האדם לעשר מדרגות עד רוח הקודש, אל עיר שכם, כלומר, שכינה, כתר, מלכות, אבל היראה הגדולה זה יראת הרוממות, יראת הכבוד. כמן שהבן שהוא ירא לעשות צער לאביו. יראת הכבוד ויראת הרוממות יש באדם שהוא בא אל עיר שכם. נוטריקון של שכם: שכינה, כתר, מלכות.

ועתה נבין את אשר אמר יעקב אל יוסף לפני מותו אחר הברכות של אפרים ומנשה (ויחי), ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך אשר לקחתי מיד האמרי בחרבי ובקשתי. (פרשה וישב) וישראל אהב את יוסף מכל בניו כי בן זקנים הוא לו ויעש לו כתנת פסים, ואונקלוס תרגם בר חכים הוא ליה, כל מה שלמד משם ועבר מסר ליוסף. וזה שאמר יעקב אל יוסף ואני נתתי לך שכם אחד על אחיך, כלומר שהוא למד ליוסף את עשר מדרגות עד רוח הקודש. נתתי לך שכם נוטריקון של שכם: שכינה, כתר, מלכות, וזה נבואה. דעם סיפור המעשה שרייב איך אין עברי טייטש.

פרק אחד עשר

ועתה צריך להבין את מדרגה של ח ס י ד ו ת, כי החסידות מביאה את האדם לידי רוח הקודש, כמו שאמר דוד המלך עליו השלום (תהלים פ"ט), אדברת בחזון לחסידך ותאמר שויתי עזר על גבור הרימותי בחור מעם. ועוד אמר דוד (תהלים פ"ו), שמרה נפשי כי חסיד אני הושע עבדך אתה אלהי הבוטח אליך. דוד זאגט: איך הער דאס מען שאנדעט מיך אין איך האב יכולת צו נוקם זיין אין די

רשעים און איך שווייג אויף מיין שאַנדע צוליב דעם כבוד פון גאָט. אַ חסיד דאַרף זיין אַ מעביר על מדותיו שאסור להיות קפדן, במדה שאדם מודד, בה מודדים לו (בבא מציעא, דף פ"ג). רבה בר בר חנא תברו ליה הנהו שקולאי חביתא דחמרא שקל לגלימייהו אתו אמרו לרב, א"ל הב להו גלימייהו, אתו אמרו ליה עניי אנן וטרחינן כולא יומי וכפינן ולית לן מידי, א"ל זיל הב להו אגרייהו, אייל דינא הכי, אמר ליה אין. וארחות צדיקים תשמור כי זה המדה למעלה מן הצדיק, כי מדת חסידות טוב והישר לפנים משורת הדין, וזה שאמר וארחות צדיקים תשמור, שהוא אורח חסידים למען תלך בדרך טובים המטיבים עם הבריות.

ודע אחי, כי מדת חסידות יותר טוב אלף פעמים מן הצדיק, משום שנאמר ועמך כלם צדיקים לעולם יירשו ארץ, אבל גדול ההפרש בין הצדיק ובין החסיד, כי הצדיק עושה על פי דין תורה והוא אינו מוותר את שלו, והצדיק אומר שלי שלי ושלך שלך, זו מדה בינונית. ועל זה הדרך כולם צדיקים, אבל האומר שלי שלך ושלך שלך חסיד, לפי שהוא מוותר את שלו, כי הוא איש נדיב נדבות, והוא מוותר משלו הן בממון, הן בכבוד הן בגוף. והוא אין צריך לילך עם שום אדם אצל הרב לתביעה על פי הדין את הממון, לפי שהוא עושה לפנים משורת הדין. וזה נקרא חסידות, שהוא מבטל את שלו.

וראיתי בני עליה והם מועטים, וזה המדה מן שלש עשרה מדות של הקדוש ברוך הוא. וזה מביא את האדם לידי רוח הקודש והם מועטים בעולם, אבל הצדיקים נאמר עליהם ועמך כלם צדיקים החסיד צריך להיות וותרן, קשה להשיג את המדה הזאת לפי שהיא מדה תשיעית המביאה אל רוח הקודש, פאַרוואָס שטייט ניט נח איש חסיד היה, ואם תאמר למה נאמר בתורה: נח איש צדיק תמים היה, לפי שמדות חסידות למעלה מן הטבע, שצריך לילך אל כל המדרגות: זהירות, זריזות, נקיות, פרישות, טהרה, קדושה, ענוה, יראת-חטא, חסידות, רוח-הקודש. די לעצטע מדרגה ביז רוח הקודש. ועוד אני כתבתי בספר „שנים אוחזין מטלית", כי כתוב בתורה איש צדיק תמים, ותמים נוטריקין תורה, מצוות, יראה, מדות, כי תמים כולל כל המעלות, וכן בכלל מאתים יש מנה, אם האדם צדיק תמים באמת, צדיק קשוט, הוא רואה את השכינה, ויש בו כל המעלות.

יהי רצון שתשרה השכינה על כל ישראל.

והא אוקמוה באדרא קדישא עילאה (תהלים ק"ג) וחסד ה' מעולם ועד עולם על יראיו, על יראיו דכל מאן דאיהו דחיל חטאה אקרי אדם אימתי אמר רבי אלעזר דאית ביה יראה ענוה חסידות כללא דכלא (זהר פ' נשא, דף קמ"ה) מי שיצא מן היראה ונתלבש בענוה ענוה עדיף ונכלל בכלהו, הה"ד (משלי כ"ב) עקב ענוה יראת ה', כל מי שיש בו ענוה זוכה לחסידות, וכל מי שיש בו יראת שמים זוכה לכלם. כל אדם שיש בו חסידות נקרא מלאך ה' צבאות, הה"ד (מלאכי ב'). כי שפתי כהן ישמרו דעת ותורה יבקשו מפיהו, כי מלאך ה' צבאות הוא, וזה חסידך יברכוכה, וכתיב (דברים ל"ג) תמיך ואוריך לאיש חסידך. תמיך זה לשון תמיב, ואוריך לשון אור, כלומר איש צדיק תמים, ואוריך אור של השכינה, שהשכינה שרוי' עליו. (ראש השנה, דף י"ז) אמר רבא כל המעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו, שנאמר נושא עון ועובר על פשע, למי נושא עון למי שעובר על פשע. (יומא דף פ"ז) אמר ר' יוסי בר חנינא, כל המבקש מחילה מחברו אל יבקש ממנו יותר משלש פעמים, שנאמר כה תאמרו ליוסף, אנא חשיב—חד, ושא נא—הוא ב', ועתה שא נא הוא פעם ג'. שלש פעמים כנגד נפש רוח נשמה, שהקניט אותם. כי החסיד נוטה אל החסידות לפנים משורת הדין, איש כזה ודאי יוכל להקרא שהוא כמוך. וכן הובא כמה מעשיות בזהר הקדוש מן החסידים, כי הוה סליק לפורייהו על משכבו בלילה אמרו שרי אני לכל מאן דצער לי לא סליקנא לערסי עד דמחילנא ליה ולכל אינון דמצערין לי (זהר, מקץ, דף ר"א). זייט וויסען, אלע חסידים פון דער גאנצען וועלט, אז דאס וואס איהר פארט צום רבי'ן איז דאס נאר צו נעמען לעסאנם ביי דעם רבי'ן צו האבען גוטע מדות פון חסידות, כי חסידות מביא את האדם לידי רוח הקודש, והכל לפנים משורת הדין.

ע ב ר י ט י י ט ש

די מדה פון חסידות וועל איך אי"ה ערקלערען פאר דעם המון אין עברי טייטש. די בעדייטונג פון חסידות איז פרומקייט און גוטסקייט, צו גאט און צו לייט. אלעס איבערלאזען אין געלט, אין כבוד, אין געזונט, אלעס דארף ווערען געטאן מיט רחמנות. אלעס מוחל

עברי טייטש

צו זיין, פאר א רעה אפטאן א טובה, אזוי ווי יוסף האט געהאנדעלט מיט זיינע ברידער, ווי דוד האט געהאנדעלט מיט שאול המלך, ווי איך האב געשריבען אין דעם ספר אז מען דארף מקיים זיין די מצוה פון שכחה, צו פארגעסען, ניט צו האבען א שנאה אויף א מענשען, וואס ער האט מיר אמאל געטאן א רעה. א צדיק האנדעלט מיט זיינע מיט-מענשען ווי דער דין איז, אבער חסידות האנדעלט לפנים משורת הדין. ווען א מענש האט ביי איך געליען געלט און ער האט ניט אפצוגעבען, האט ער דאך אן עבירה, דאס איז דאך גזילה. דער צדיק מאנט על פי דין, אבער דער חסיד שיינקט איהם די געלט במתנה, ער איז איהם מוחל זיין געלט, האט יענער ניט קיין עבירה, דאס איז לפנים משורת הדין.

אין זהר הקדוש זיינען פאראן מעשיות פון חסידים, ווען זיי פלעגען גיין שלאפען אויף זייער געלעגער פלעגען זיי זאגען: רבונו של עולם, איך בין מוחל צו אלעמען וואס האבען מיר אנגעטאן צער דעם גאנצען טאג. אלע נאכט פון זייער לעבען האבען זיי אלעמען מוחל געווען, דאס הייסט חסידות. דאס גלייכען איז אז א מענש האט אמאל געטאן א שלעכטע זאך, טאר מען ניט דערמאנען, אז יענער זאל ווערען פארשעמט, ווי תמר האט געהאנדעלט מיט יהודה. דאס איז אלץ דער מנהג פון חסידות, יעדען מענשען דן צו זיין לכף זכות. איהר זאלט ניט פארגעסען אז עס איז פאראן 10 מדרגות ביז רוח הקודש פון דער גמרא (ע"ז דף כ"ב) זהירות, זריזות, נקיות ,פרישות, טהרה, קדושה, ענוה, יראת-חטא, חסידות, רוח הקודש. פון חסידות קען מען קומען צו רוח הקודש. דוד המלך זאגט אין (תהלים פ"ט) אז דברת בחזון לחסידך, אז גאט רעדט צו זיינע חסידים, צו די פרומע אידען, אבער דאס מיינט 100 פראצענט איד, צו גאט און צו לייטען, גוט און פרום, ער לאזט איבער זיינס, הן אין געלט, הן אין כבוד, הן אין געזונט. דאס קען נאר טאן א צדיק תמים, דאס הייסט חסידות. דער ווארט תמים איז נוטריקין תורה, מצוות, יראה, מדות. דאס ווי מענשען זאגען: ער איז א מענש אן א גאל, ער דארף צו אלעמעןריידען גוטע רייד, מיט א ווייכען צונג, היטען אלעמענס כבוד, ניט האבען אויף קיינעם קיין שנאה, צו היטען דעם מויל פון לשון

ע ב ר י ט י י ט ש

הרע, צו היטען די הארץ פון שנאת חינם, פון תאוה, צו היטען דעם קאפ פון שלעכטע מחשבות, צו היטען די הענט פון גזלה, פון פרעמדע געלט, ניט עסען קיין מאכלות אסורות, צו היטען די אויגען פון עריות, צו היטען אלע אברים זאלען זיין הייליגע, דער גאנצער גוף דארף זיין הייליג, ווייל דאס איז דער משכן פאר דער שכינה. צו ליבען אלע מענ־שען, ווייל די גמרא זאגט, אז די חסידי אומות העולם האבען עולם הבא אין גן עדן התחתון. אין דעם יאהר תרס"ח, חודש חשון, האב איך געזעהן אין חלום אייבערעהעם לינקאלן, ער האט מיך געפרעגט א פסוק אין דער תורה, און ער איז גן עדן, האב איך פארשטאנען די ווערטער פון דער גמרא, אז עס איז קודש קדשים די רייד פון די חכמים אז די ערליכע גויים וואס טוען מיט אידען גוטעס האבען זיי עולם הבא, האב איך גענומען קלערען: פון וואנען האבען די חכמים געוואוסט צו זאגען אז די חסידי אומות העולם זיינען אין גן עדן התחתון, און די אידען זיינען אין גן עדן העליון. האב איך בעזר השם געפונען א פסוק אין דער תורה וואס עס איז דייטליך צו זעהן. משה רבנו זאגט צו די אידען: אף חבב עמים כל קדשיו בידך והם תכו לרגלך ישא מדברתיך תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב (וזאת הברכה). משה הט ערקלערט דעם עם ישראל להסביר את האזן, אז גאט האט ליב די גוטע גויים וואס זיי טוען גוטעס מיט זיינע קינדער עם ישראל, האבען זיי גן עדן התחתון.

כל קדשיו בידך והם תכו לרגליך, א מענש האט די הענט מיט די פיס. די הענט זיינען העכער פון אלע אברים, די הענט קען דער מענש אויפהויבען איבער דעם קאפ. וואס דאס איז די העכסטע זאך ביי דעם מענשען, אבער די פיס זיינען נידעריגער פון אלע אברים, גאר פון אונטען. גאט האט באשאפען דעם גן עדן העליון אין גן עדן התחתון. פאר די מענשען, וואס זיינען מקיים די תורה, מצוות איז דער גן עדן העליון, מדה כנגד מדה, ווייל די תורה קומט אויך פון דעם עולם העליון, איז מען דערפאר אין גן עדן העליון, אבער די מענשען וואס טוען גוטעס אן דער תורה, נאר מיט דעם שכל, קומט דערפאר גן עדן התחתון. כל קדשיו בידך, די אידען האט גאט געזאגט קדשים תהיו כי קדוש אני ה' אלהיכם, מיינט דאס, ווי די הענט זיינען העכער

פרק שנים עשר

כתיב ואהבת את ה׳ אלהיך, שיהא שם שמים מתאהב על ידך, שיהא אדם קורא ושונה ומשמש ת״ח ודבורו בנחת עם הבריות, ונושא ונותן באמונה בשוק, מה הבריות אומרים עליו: אשרי פלוני שלמד תורה, אשרי אביו שלמדו תורה, אשרי רבו שלמדו תורה. אבל בזמן שאין דבורו בנחת עם הבריות ואינו נושא ונותן באמונה בשוק, מה הבריות אומרים עליו: אוי לו לפלוני שלמד תורה שלא לשמה, כמה מכוערים מעשיו, וזה מביא חלול השם. ועתה, אחי ישראל, דע שאמר הקדוש ברוך הוא לישראל (קדושין דף ל׳) בני בראתי יצר הרע ובראתי תורה תבלין, ואם אתם עוסקים בתורה אין אתם נמסרים בידו, שנאמר לפתח חטאת רובץ ואליך תשוקתו, אבל ואתה תמשול בו, אם אתה עוסק בתורה שזה תבלין. ודע שברא הקדוש ברוך הוא לאדם רמ״ח אברים ושס״ה גידים כנגד האברים נתן רמ״ח מצוות עשה, מצוות המעשה, שעל האדם לעשות על פי חוקי התורה. וכנגד שס״ה גידים נתן שס״ה מצוות לא תעשה, שאסור לעשות אותם על פי חוקי התורה, והם תרי״ג מצוות לטובת האדם. ודע אחי כי ה׳ נקרא בכל התפלות רופא חולים ומתיר אסורים, וזה שאומרים והעלה רפואה שלמה לכל מכותינו כי אל מלך רופא נאמן ורחמן אתה, רופא חולי עמו ישראל. וצריך להבין על פי משל אין אידיש, בעברי טייטש.

עברי טייטש

פון אלע אברים ביי דעם מענשען, אזוי איז דער גן עדן העליון, וואס ער איז העכער איבער דעם הימעל, והם תכו לרגלך, די פים זיינען אין דער נידער. איז דער גן עדן התחתון פאר די אומות העולם, אבער דאס איז צו זעהן, אז פאר טאן גוטעס באצאהלט גאט מיט גן עדן, ווייל מיר האט געזאגט אייבראם לינקאלן אז ער איז אין גן עדן, הלואי אלע נאציאנען זאלען טאן גוטעס מיט די אידען און זאלען זיי אויך האבען גן עדן. איך דער מחבר פון דעם ספר בין געווים צופרידען צו ברייננען שלום אויף דער וועלט, אז אלע מענשען זאלען לעבען גליקליך ס׳זאל זיין גרויס שלום אויף דער וועלט, ווי ישעיה הנביא האט געזאגט: וגר זאב עם כבש.

ע ב ר י ט יי ט ש

די ערגסטע קראנקהייט ביים מענשען איז די מאגען-קראנקהייט. די מענשען וואס ליידען אויף דעם מאגען זיינען פטור פון גיהנום, ווייל מען פיהלט דעם טעם פון גיהנום אויף דער וועלט. איך זעלבסט לייד מיין גאנצען לעבען אויף מאגען-קראנקהייט, דאס איז ערגער ווי דער טויט, דאס איז באגראבען לעבעדיגערהייט. דער וואס ליידעט אויף מאגען קראנקהייט, אז ער קומט צום דאקטאר, צום פראפעסאר, גיט ער דעם קראנקען א דייעט, ער פארשרייבט איהם וואס ער זאל עסען, וואס ער זאל ניט עסען, געוויס וויל דער דאקטאר אז דער קראנקער זאל ווערען אויסגעהיילט פון זיין קראנקהייט.

מיינע ליבע ברידער, זייט וויסען, אז גאט איז דער דאקטאר, דער פראפעסאר, דער רופא חולים, און דערצו איז ער דאך אונזער פאטער, אבינו שבשמים. און דער מענש ווערט געבארען מיט דעם יצר הרע, דאס איז די גרעסטע קראנקהייט אויף דער נשמה, האט גאט געגעבען די תורה מיט אלע מצוות, דאס זיינען די רפואות פאר דער נשמה, רפואות הנפש. די גאנצע תורה איז א דייעט פאר דעם קראנקען. הער, מיין ברודער, וואס איך זאג דיר, איך בין אויסען דיין טובה, דער מענש וואס האט זיין נשמה אויסגעהיילט, א געזונטע נשמה, רוהט אויף דעם מענשען די שכינה. ער איז א בעל רוח הקודש. נאר ער איז באהאלטען פון דער וועלט, ווייל מען וועט איהם האלטען פאר א משוגענעם, מען זאגט אז ער איז משוגע, ווייל ער מיידעט אויס אלע שלעכטע כתות. עס זיינען דא אויף דער וועלט 4 כתות, די גמרא האט זיי אפגע'פסק'נע פון עולם הבא, דאס זיינען די 4 כתות חשמ"ל. (סוטה דף מ"ב) אמר רב חסדא אמר ר' ירמיה בר אבא ארבעה כתות אין מקבלות פני השכינה, כת חנפים, כת שקרים, כת מלבין פני חברו ברבים, כת לצים, והכל בכלל לשון הרע, ווייל די מענשען זיינען פוגמין אין דעם שם של ארבע אותיות הויה, דערפאר האבען זיי ניט קיין עולם הבא, דאס איז גלייך ווי דער מלך האט געגעבען זיינעם א מלבוש צו זיין משרת א מתנה ער זאל דאס טראגען, ווען ער וועט קומען דעם מלך צו באדינען איהם, איז דער משרת געקומען צו דעם מלך אנגעטאן אין שמאטעס, אין ארימע קליידער, זאגט דער מלך צו דעם משרת: וואו זיינען מיינע מלבושים וואס איך האב דיר

עברי טייטש

געגעבען אַ מתנה אַז דו זאָלסט אין די גוטע קליידער קומען פאַר מיר? האָט דער משרת געוויזען דעם מלך, אַז דער כלב טראָגט זיין מתנה, דעם מלבוש טראָגט דער הונט. האָט איהם דער מלך פאַר׳משפט צום טויט, ער איז מורד במלכות, חייב מיתה.

מיינע ליבע ברידער, גאָט האָט געגעבען דעם מענשען אַ מתנה דעם כח הדבור צו לערנען תורה, מצוות, צו דינען גאָט מיט דעם לשון, ווי מען זאָגט אין דאַווענען: אדני שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך, אָבער אַז דער מענש טוט רעדען לשון הרע, האָט ער אָנגעטאָן דעם טייערען מלבוש אויף זיין כלב, זיין הונט, איז ער חייב מיתה. זייט וויסען, מיינע ברידער, אַז די גאַנצע תורה איז אַ דייעט, פול מיט מעדיצין צו היילען די נשמה, אַ געזונטע נשמה זעהט די שכינה.

לאָמיר פאַרשטיין דעם תכלית פון דעם מענשענס לעבען אויף דער וועלט. צו וואָס האָט איהם גאָט באַשאַפען אויף דער וועלט? וואָס איז דער בענעפיט פון דעם געבען צו ליידען אַזעלכע צרות מוז דאָך זיין אַ בענעפיט פון דעם לעבען אין דעם גוף וואָס ער איז באַשאַפען פון דער טפה סרוחה און די ענדע מוז ער גיין אין קבר. אַ פלאַץ פול מיט ווערים. גאָט איז דאָך אַ גוטער, אַ חכם, צו וואָס האָט ער באַשאַפען די גאַנצע וועלט מיט דעם מענשען צו ליידען די אַלע צרות מיט די אַלע יסורים. געוויס איז פאַראַן אַ גוטער תכלית. מיר ווען פאַרשטיין מיט אַ משל וואָס מיר זעהען אין אונזער לעבען טאָג טעגליך.

פרק שלשה עשר

איך האָב אייך באַוויזען אַז די תורה מיט אַלע מצוות איז אַ דייעט מיט מעדיצין פאַר דער נשמה, פאַרשריבען פון דעם גרעסטען דאָקטאָר פון גאָט אליין. דער שרייבער איז געווען משה רבנו, ער איז געווען דער סעקרעטאַר פון גאָט, פאַרשריבען רפואות הנפש. מיר וועלען פאַרשטיין מיט אַ משל, אַ זאַך וואָס עס קען טרעפען יעדען טאָג אין ניו יאָרק און אין דער גאַנצער וועלט. אַ גרויסער דאָקטאָר, אַ פּראָפעסאָר, אַ גביר פון מיליאָנען, האָט געהאַט אַ שוואַך קינד.

ע ב ר י ט ײ ט ש

דאָס קינד איז געװען זײער מאָגער, אָפּגעצערט, הױט מיט ביינער. זאָגט דער פאָטער צו דעם קינד: הער צו, מײן ליבער זאָהן, דו ביסט זײער שװאַך, מאָגער, אױסגעדאַרט, דאָ אין שטאָט קענסטו זיך ניט פּיקסען, איך װעל דיך שיקען אין אַ האָטעל, אין דער קאָנטרי, דאָרטען איז גוטע פרישע לופט פון די פעלדער, װעלדער, מיט אַ גוטען ריח פון די בלומען, דאָרטען אין האָטעל מיט די גוטע לופט װעסטו צונעמען װאָג, עס װעט דיר צוקומען פלײש מיט געזונטע בלוטען. דער בעסטער פּלאַן פאַר דײן שװאַכען געזונט מיט דײן מאָגערען קערפּער איז צו זײן עטליכע יאָהר אין דעם האָטעל, אין דער קאָנטרי, איך װעל פאַר דיר אױסשרײבען אַ דײעט מיט די אַלע זאַכען װאָס עס איז גוט פאַר דעם מאָגען צו עסען און די מאכלים װאָס עס איז פאַר דיר ניט געזונט צו עסען. פאָר, מײן קינד, מיט גליק, למען השם טרײ דאָרטען אין דער קאָנטרי אין האָטעל זיך צו פּיקסען. אָבער זײ װיסען, מײן קינד, אַז אין דעם האָטעל זײנען פאַראַן באַדינער, די װײטערס, די קעכינס, די מוזיקער, די װאָס רײניגען די צימערען, די אַלע באַדינער קוקען אױף די הענט, מען דאַרף זײ געבען טיפּס גאַנץ אָפט, אַז מען גיט זײ טיפּס קען מען אַלעס קריגען װאָס מען פאַרלאַנגט פון זײ צום עסען און טרינקען. דער גאַסט װאָס ער איז געקומען אין דעם האָטעל צו ערהאַלען זײן שװאַכען געזונט דאַרף האָבען שכל און געבען טיפּס, װעט ער אַלעס קריגען װאָס ער װעט נאָר קענען עסען און טרינקען, פאַר אַ פאָר דאָלער טיפּס קען ער קריגען געזונט מיט געזונטע בלוטען.

הער, מײן קינד, אַז דו װעסט היטען דײן פאָטער'ס דײעט מיטן עסען, טרינקען, שלאָפען, שפּאַצירען, אַלעס נאָך דעם דײעט װי אױך צו געבען טיפּס צו די באַדינער פון האָטעל „תבל“ און װעסט זיך היטען פון די דערנער, פון די פױזען אײװױ, די קראָפּיװע, װי אױך פון די שלאַנגען, איבערהױפּט װעסטו עסען און טרינקען נאָך דײן פאָטער'ס דײעט, װי איך האָב פאַר דיר פאַרשריבען, — װעסטו קומען צוריק צו דײן פאָטער אַ געזונטער, אַ שטאַרקער, װי עס פּאַסט פאַר מײנעם אַ קינד.

פרק ארבעה עשר

עברי טייטש

יעצט וועלען מיר גיין צו דעם נמשל. דער דאָקטאָר, דער מיליאָנער, איז דער רבונו של עולם, ער הייסט דאָקטאָר, סומך נופלים ורופא חולים, ומתיר אסורים, ער איז אַ מיליאָנער, שנאמר לי הכסף ולי הזהב נאם ה׳ צבאות. דער שוואַכער קינד דאָס איז די נשמה, זי איז אין גן עדן אַ שוואַכע, אַ מאָגערע, אַ פאַרדאַרטע, זי האָט אויף זיך גאָרנישט, זי עסט קעסט ביי דעם פאָטער ווי אַן עני ואביון. זאָגט דער רבונו של עולם, דער פאָטער פון דער נשמה, דער אב הרחמים: מיין ליבעם קינד, איך וועל דיך שיקען אין דער קאָנטרי, אין דעם האָטעל „תבל״, די וועלט הייסט תבל, שנאמר ישפט תבל בצדק, די משרתים פון דעם האָטעל תבל. דאָס זיינען די אלמנה ויתום לא תענון, ופרט כרמך לא תלקט, לעני ולגר תעזוב אותם אני ה׳ אלהיכם, וכי ימוך אחיך ומטה ידו עמך והחזקת בו, גר ותושב וחי עמך, אל תקח מאתו נשך ותרבית, ויראת מאלהיך, וחי אחיך עמך. דער פאָטער האָט אָנגעשריבען פאַר דעם קינד, פאַר ישראל, דעם גרויסען דייעט ווי צו עסען, צו טרינקען, צו שלאָפען, צו מאַכען ביזנעס, צו אַרבייטען, אַלעס איז פאַרשריבען אין דייעט, דאָס איז די תורה הקדושה מיט די תרי״ג מצוות פאַר דער שוואַכער נשמה צו ווערען געזונט, ווייל אַ געזונטע נשמה האָט רוח הקודש. ישראל, מיין ליבעם קינד, האַלט דעם דייעט, עסען טרינקען, טו ביזנעס אשר ברא אלהים לעשות, מען דאַרף אַרבייטען כשר. צו מאַכען אַ לעבען ווי עס איז פאַרשריבען אין דעם דייעט אין דער תורה מיט אַלע דינים, צו היטען דעם שבת מיט אַלע מצוות, צו געבען טיפּס די באַדינער פון האָטעל תבל, דאָס זיינען די עניים ואביונים, צו שטיצען די ישיבות, תלמוד תורה׳ס, הכנסת אורחים, בקור חולים, הלוית המת, מלביש ערומים, כבוד אב ואם, גמילות חסדים, צו שטיצען די אָרימע פריינד אין אייראָפּע, צו שטיצען אַלע אינסטיטושאָנס, דאָס זיינען די טיפּס, וואָס גאָט האָט געהייסען געבען אין דעם האָטעל תבל ויושבי בה, ניט צו פאַרגעסען צו אויסמיידען די דערנער די פויזען אייוווי, זיך צו היטען פאַר די שלאַנגען

עברי טייטש

דאָס זיינען די 4 כתות חשמ"ל, וואָס זיי ברענגען צום טויט דעם צדיק, כת חנפים, כת שקרים, כת מלבין פני חברו ברבים, כת לצים, דאָס איז אַלעם אין כלל פון לשון הרע. די חכמים האָבען זיי אָפּגעזאָגט פון עולם הבא. דוד המלך האָט געוואָרענט יעדען אידען זיך צו היטען פון די רשעים. אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב. ער הייסט זיך היטען פון די דערנער, שלאַנגען מיט גיפט, רחוק מרשעים ישועה, דאָס הייסט, אַז מען האַלט זיך ווייט פון די רשעים דאָס איז די בעסטע ישועה. אַז די תורה מיט די מצוות איז אַ דייעט פאַר דער נשמה, האָט דוד המלך גוט פאַרשטאַנען, ער זאָגט אין (תהלים ט"ז) אברך את ה' אשר יעצני אף לילות יסרוני כליותי, שויתי ה' לנגדי תמיד, לכן שמח לבי ויגל כבודי אף בשרי ישכן לבטח.

גם אני אברך את ה' אשר יעצני לבחור בחיים וללכת בדרכיו אף לילות יסרוני כליותי ליראה אותו ולאהבו עד מסירת נפש. גאָט איז דער דאָקטאָר, די תורה מיט די מצוות איז דער דייעט מיט די מעדיצין. די נשמה איז דער זוהן פון דעם דאָקטאָר, ער איז דאָ אַ גאַסט אין דעם האָטעל „תבל". די וועלט איז דער האָטעל, די טיפּס צו די באַדינער דאָס איז צו געבען צדקה צו אָרימע לייט, פאַרגעס ניט, ישראל, אַז דיין פאָטער האָט דיך געשיקט דאָ אין האָטעל, אין דער קאָנטרי, צו פיקסען דיין געזונט צו דיין נשמה, וואָרום אַז די נשמה איז געזונט דאַן האָט ישראל רוח הקודש, אַלע נביאים, אַלע חכמים פון דער תורה האָבען באַהאַלטען דאָס פון דעם המון העם, אָבער מיך האָט גאָט באַשאַפען צו שרייבען דעם אמת אין מיינע ספרים, ווייל איך האָב אַ סיעתא דשמיא, עס איז יעצט די צייט פון עקבותא דמשיחא, קען מען יעצט שרייבען די סודות התורה אין עברי טייטש אַז אַלע אידען זאָלען פאַרשטיין.

פרק חמשה עשר

אמר רבא אמר רב הונא ואיתימא רב חסדא אם רואה אדם שיסורין באין עליו יפשפש במעשיו, שנאמר נחפשה דרכינו ונחקורה.

עברי טייטש

פשפש במעשיו ומצא יעשה תשובה, פשפש ולא מצא יתלה בבטול תורה, שנאמר אשרי הגבר אשר תיסרנו יה ומתורתך תלמדנו ואם תלה ולא מצא בידוע שיסורין של אהבה הן, שנאמר כי את אשר יאהב ה' יוכיח (ברכות דף ה'). מיינע ברידער. די חכמים מאַכען אַ גאַנצען פאַראַד פון יסורים של אהבה, מיר וועלען פאַרשטיין אַ טעם צוליב וואָס האָט גאָט באַשאַפען אויף דער וועלט די יסורים, ער האָט געשיקט זיין קינד ישראל אין דעם האָטעל תבל, אין דער קאָנטרי מיט די תורה ומצוות, דאָס איז אַ דייעט ווי צו לעבען, די נשמה זאָל ווערען געזונט און שטאַרק, ער מוז אָבער האַלטען פון דעם דייעט וואָס דער דאָקטאָר האָט איהם פאַרשריבען. דער דאָקטאָר איז גאָט, ער האָט צוזאַמענגעפּאָרט דעם גוף מיט דער נשמה, גשם מיט רוח, פייער מיט וואַסער, שני הפכים בנושא אחד (ישעיה כ"ו) הקיצו ורננו שוכני עפר כי טל אורת טלך, כל זה יאמר להם הקדוש ברוך הוא. הקיצו ורננו, לשון צווי הוא זה, שכני עפר לא נאמר אלא שכני לשון שכן, שכנות, כי צריך להיות הגוף עם הנשמה, הרכבה שכנית ולא מזיגה שכנית, כמו הביצה, החלמון והחורה הם שכנים ביחד, כל זמן שאינם מתערבים הביצה טובה, ואם מתערבים אז יש ריח רע. וכך האדם הגוף עם הנשמה צריך להיות שכנים ביחד, אבל לא במזיגה, אז הם טובים לפני ה'. וזה שאמר הקיצו ורננו שכני עפר.

דער געטליכער, הייליגער נביא ישעיה אין קאַפּיטעל כ"ו זאָגט, אַז דער וואָס איז געוועזען אַ שכן אין דעם חומר, אין דעם גוף, ווען ער האָט געלעבט אויף דער וועלט, וועט ער אויפשטיין און זינ־גען שירה פאַר גאָט ביי תחית המתים. דאָ ליגט די גרעסטע פילאָזאָ־פיע, יש הרכבה שכנית, ויש הרכבה של מזיגה, למשל ווען מען מישט צוזאַמען אין איין בעסקעט ברויט. עפּעל, אייער, ציבעלעס, אַלע זאַכען וואָס עס איז צום עסען, מען האַלט זיי צוזאַמען אין בעסקעט אָדער אין איין באַרעל, הייסט עס אַז זיי זיינען שכנים, אין לשון קודש הייסט עס הרכבה שכנית, ווייל מען קען זיי צונעמען יעדען באַזונ־דער, סעפּרעט, די ברויט, די עפּעל, די אייער, די ציבעלע, שכנים זיינען זיי, אָבער זיי ווערען ניט פאַרמישט. אָבער אַז מען גיסט אַריין אין איין גאַלאָן וויין מיט בראַנפען מיט מילך מיט וואַסער, אַלעס צו־

ע ב ר י ט י י ט ש

מישט אין דעם גאַלאָן, הייסט דאָס אין לשון קודש: הרכבה של מזיגה, זיי ווערען שכנים צוזאַמענגעמישט. אַז מען וויל זיי צונעמען באַזונדער איז אַ שווערע זאַך, מען דאַרף האָבען צו דעם אַ כעמיקער מיט כעמישע שטאָפען, און ער דאַרף זיי ברענגען צו אָפּזונדערען איינעם פון דעם צווייטען. די ווייז מיט די בראָנפען מיט די מילך מיט די וואַסער האָבען זיך אַלע צוזאַמענגעמישט, האָט דער כעמיקער אַ שווערע אַרבייט, ער וועט דאַרפען לייטערען מיט פייער, מיט שטאַרקע שטאָפען ביז ער וועט צונעמען באַזונדער.

דאָס איז דער משל מיט דעם מענשען. גאָט האָט צוזאַמענגע־שטעלט די נשמה מיט דעם גוף, האָט ער געגעבען כחות פאַר דער נשמה, די בת מלכה, זי וויל נאָר דינען גאָט, אָבער זי מוז האָבען צו הילף דעם גוף, דאָס איז דער משרת צו דער נשמה. דער רבי איז אימער הייליגער פון דעם משרת, האָט גאָט געזאָגט צו דער נשמה ואתה תמשל בו, די נשמה זאָל געוועלטיגען איוף דעם גוף, דער גוף דאַרף זיין דער משרת, די כחות פון דער נשמה טאָרען זיך ניט צומישען מיטן קערפער. די כחות פון דער נשמה מיט די כחות פון דעם גוף דאַרפען זיין שכנים צוזאַמען 70 יאָהר איוף דער וועלט, ווי די עפּעל, מיט די ציבעלע, מיט די ברויט, מיט די אייער, אַלע צוזאַמען אין דעם בעסקעט, שכנים אָבער ניט צוזאַמענגעמישט, אַלע צוזאַמען און אַלע באַזונדער, סעפּרעט, אַט אַזוי דאַרף זן די נשמה מיט איהרע כחות אין דעם גוף ווי אין דעם בעסקעט, אַלע צוזאַמען און אַלע באַזונדער. דאַן קען דער מענש זיין אַן איש האלהים, אַ צדיק תמים, ער קען מיט דער תורה איבערפאָרען אַלע 10 מדרגות ביז רוח הקודש, זייענדיג אין דעם גוף איז ער משיג די שכינה, מיט די מלאכים פון מחנה שכינה, ווי אַלע נביאים. דאָס איז אַלץ גוט אַז די נשמה מיט איהרע כחות זייגען אין דעם גוף הרכבה שכנית, אָבער אַז די נשמה איז אין דעם גוף אַ הרכבה של מזיגה, ווי די ווייז מיט די בראָנפען, מיט די מילך, מיט די וואַסער צומישט, אַז מען דאַרף זיי צונעמען באַזונדער מוז מען האָבען אַ כעמיקער מיט שטאַרקע ברע־נענדיגע שטאָפען, מען דאַרף זיי לייטערען מיט פייער ביז מען צונעמט זיי באַזונדער, איז די נשמה אַז זי ווערט צוזאַמענגעמישט

עברי טייטש

מיט דעם חומר, מיט דעם גוף, מיט אַלע תאוות, מיט אַלע הבל הבלים פון דער נאַרישער וועלט, אַ הרכבה של מזיגה, ווי די וויין מיט די בראַנ־פען מיט די מילך מיט די וואַסער, דאַן אַז מען דאַרף זיי צונעמען די כחות פון דער נשמה, אַרויסנעמען פון דעם גוף, דאַרף מען האָבען אַ כעמיקער, דאָס הייסט חבוט הקבר, מיט פייער, מיט ברענענדיגע שטאָפען, דערפאַר האָט גאָט באַשאַפען די יסורים אויף דער וועלט צו לייטערען די נשמה אין דעם גוף. איין מאָל איז דאָס יסורים של עונש און איינמאָל איז דאָס יסורים של אהבה.

דאָס זאָגען די חכמים אין דער גמרא (ברכות דף ה') שהצדיקים היו מקבלים עליהם היסורים באהבה שהם ממרקין עונותיו של אדם. (משלי ג') כי את אשר יאהב ה' יוכיח, (תהלים צ"ד) אשרי הגבר אשר תיסרנו יה ומתורתך תלמדנו, כלומר מתורתך תלמדנו קל וחומר משן ועין, מה שן ועין שהוא אחד מאבריו של אדם עבד יוצא בהם לחירות, יסורין שממרקין כל גופו של אדם לא כל שכן שיוצא בהם לחירות. אבל פעמים הצדיק סבל יסורים בעון הדור, שאמרו חז"ל: בעון הדר הצדיק נתפס. וזה אשר אני כתבתי מוסר השכל מן הביצה החלמון והחוורה, הם ביחד שכנים, כל זמן שאינם מתערבים הביצה טובה לאכילה, אבל אם הביצה, דער געלכעל מיט דעם ווייסעל ווע־רען צוזאַמענגעמישט אין דער איי, דאַן איז די איי פאַרדאָרבען מיט אַ שלעכטען ריח. דאָס גלייכען איז דער מענש, אַז די נשמה ווערט פאַרמישט מיט דעם גוף. דערנאָך דאַרף מען האָבען אַ כעמי־קער צו פאַנאַנדערטיילען באַזונדער, דאָס איז חבוט הקבר, אָדער יסורים ביים לעבען, אַז די נשמה זאָל ניט ווערען פאַרמישט מיטן חומר מיטן קערפער.

אויך קען דער מענש נעמען אַ מוסר השכל פון אַ לאָנדרי. מען גיט אָפּ די שוואַרצע וועש אין דער לאָנדרי, עס ווערט אין דער לאָנדרי געוואַשען, געריבען, געפּרעסט, ביז וואַנען עס ווערט די וועש ריין, פיין, אַזוי האָט גאָט באַשאַפען אַלע יסורים, צער פון אַלע זייטען צו וואַשען די נשמות זיי זאָלען ווערען וויים, קלאָר, ווי דער הימעל. והמשכילים יזהירו כזהר הרקיע (דניאל י"ב).

פרק ששה עשר

ע ב ר י ט י ט ש

יעצט מיינע ליעבע ברידער, וועלען מיר פארשטעהן דעם גע־שפרעך פון גאט צו משה רבינו ביי דעם סנה אין דער מדבר (שמות). וירא ה' כי סר לראות ויקרא אליו אלהים מתוך הסנה ויאמר משה משה, ויאמר הנני, ויאמר אל תקרב הלם של נעליך מעל רגליך כי המקום אשר אתה עומד עליו אדמת קודש הוא. גאט האט געזעהן אז משה וויל זעהן די מראה פון דער שכינה זאגט גאט צו משה ווארף אראפ פון זיך דיינע שיך, די מדרגה וואס דו האסט צו זעהן די מראה השכינה, דאס איז רוח הקודש, דארף מען אויסטאן די שיך, דעם גוף, דעם קערפער, ווי איך האב פאר אייך געשריבען דעם געדאנק פון דעם נביא (ישעיה, כ"ו) הקיצו ורננו שכני עפר. די נשמה וואס זי איז אין דעם גוף ער הייסט עפר. כאפ זיך אויף דו מענטש, דו נשמה וואס דו ביזט א שכן אין דעם גוף עפר, און זינג צו גאט ווי די אלע זאכען וואס ליגען אין דעם באסקעט, די עפעל, די צי־בעלעס, די ברויט, די אייער, אלעס אין בעסקעט צוזאמען אבער זיי זיינען אלע באזונדער, ווען דער מענטש דאוועגט ער טוט ריידען צו גאט, דארף ער ארויסגעהן פון זיין בעסקעט, פון דעם גוף. גאט האט געזאגט צו משה ווארף אראפ דיינע שיך, ער רופט דעם חומר דעם גוף א שוך, ווארום ווי דער שיך איז אויף דעם פוס אנגעטאן, קען דער מענטש ווען ער וויל אויסטאן די שיך, אזוי דארף דער מענטש קענען אויסטאן זיין חומר זיין גוף. ער איז נאר ווי א שיידעל צו די שפאקולען, צו די ברילען, ווי איך האב געשריבען אין ספר „שנים אוחזין בטלית", אז דער מענטש קען שיקען זיין מחשבה אין הימעל. מיין מחשבה קען וואנדערען אין די הימלען. איז א פראגע ווארום האט גאט געזאגט צו מרים און אהרן אז ער טוט רעדען מיט די נביאים אין חלום, האב איך בעה"ית געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" אין „שער הנקודות", דף 4 דעם הפרש פון א נביא ביז משה רבינו, דער נביא ווען ער זעהט די שכינה דארף ער צומאכען זיינע אויגען, ער מוז זיך מאכען ווי ער דרימעלט,

עברי טייטש

ער קריכט ארויס פון זיין גוף, פון זיין קערפער, ער דארף פאר־געסען די גאנצע וועלט דאן קען ער ריידען מיט גאט. אבער משה רבינו רעדט מיט גאט ווי א מענטש צו זיין חבר, ווי די תורה גיט איבער צו אלע מענטשען פון דער וועלט. (בהעלותך), ויקרא ה' אל אהרן ומרים ויאמר: שמעו נא דברי אם יהיה נביאכם ה' במראה אליו אתודע בחלום אדבר בו, לא כן עבדי משה בכל ביתי נאמן הוא, פה אל פה אדבר בו ומראה ולא בחידות, ותמנת ה' יביט. ומדוע לא יראתם לדבר בעבדי במשה. גאט זאגט איך טו ריידען צו משה ווי א מענטש רעדט צו זיין חבר, האב איך דאס געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" אין „שער הנקודות" דף 4, מיט א משל אז א מענטש פארט אויף א פערד רייטענדיג מוז ער זיך האלטען פאר די לייצעס ער זאל ניט ארונטער פאלען פון דעם פערד, ער זאל ניט ווערען געמזיקט, ווייל דער פערד לויפט, ער ווארפט דעם רייטער, ער מוז גאנץ שטארק זיך האלטען אן די לייצעס ער זאל ניט ארונטער פאלען, דאן איז דער רייטער פארנומען מיט אלע איברים, איז דאס פארשטענדליך אז ער וויל שרייבען א לעטער צו זיינעם א פריינד מוז ער אראפ געהן פון דעם פערד צובונדען דעם פערד און זיך זעצען אויף א שטול ביי דעם טיש בארוהיגען זיינע געדאנקען גאנץ רוהיג, יעצט קען ער שרייבען א גוטען לעטער.

מיינע ברידער, דער חמר דער גוף איז דער פערדעל וואס ער לויפט אין דער וועלט נאך פרנסה, צו מאכען געלט, צו שפייזען די פרוי מיט די קינדער, ער האט גענוג טראבעל פון דעם גוף צער מיט יסורים צו ערציען די קינדער, זוכען פרנסה. דער גוף גיט דעם מענטשען גענוג צרות דעם גאנצען לעבען, ווי שלמה המלך זאגט אין (קהלת), כי כל ימיו כעס ומכאבים. דער גוף איז דער פערדעל וואס ער ווארפט דעם רייטער, די נשמה איז דער רייטער פון דעם פערדעל, ער דארף האלטען שטארק פאר די לייצעס ניט לאזען דעם דעם פערדעל לויפען וואו ער וויל, ער קען איהם מזיקען. ווי מיר זעהען אין טעגליכען לעבען אז מענטשען וואס האבען געלאזען לוי־פען זייער פערדעל אליין האט דער פערדעל געפירט צום עלעקטריק טשער, ווייל ער האט ניט געהאלטען פאר די לייצעס, און ווי די

עברי טייטש

חכמים זאָגען אין דער גמרא (סנהדרין, דף ק"ג) און אין (סוטה, דף מ"ב), ארבעה כתות אין מקבלות שכינה, כת חנפים, כת שקרים, כת מלבין פני חברו ברבים, כת לצים. אַלעס אין כלל פון לשון הרע, ער פאַרלירט זיין עולם הבא, ווייל ער האָט ניט געהאַלטען פאַר די לייצעס, זיין פערדעל איז געלאָפען אַליין, האָט ער איהם געפירט צום גיהנום. האָב שכל מיין ברודער טו תשובה בעפאָר עס וועט זיין צו שפעט.

דער ראשית חכמה זאָגט, אַז דער מענטש וואָס ער האָט אין זיין האַרצען קנאה, שנאה, כעס, תחרות, איז דאָס דער צלם אין דעם היכל קדש קדשים, מוז די שכינה אָפּטרעטען, אָבער אַז דער מענטש האלט שטאַרק די לייצעס פון זיין פערדעל, ער לאָזט איהם ניט לויפען אַליין, די נשמה איז דער רייטער, דער באָס איבער דעם חומר דער גוף, ער פאָרט איבער די 10 וואָקזאַלען ביז רוח הקודש, ביז ער קומט אין דער שטאָדט שכם. נוטריקון של שכם שכינה, כתר, מלכות. דאָס איז רוח הקודש, די 10 מדרגות, ער זעהט די שכינה מיט אַלע לבושים, מלך בעשרה לבושים התאזר בקדשים עוטה כשלמה אורה, וזה בשעה שהשכינה מדברת עם האדם, וזה היה תמיד בכל דור ודור, שנאמר ותמונת ה' יביט, כי היה צריך לכתוב ותמונת ה' הביט, אבל כתוב יביט, רמז מכאן על העתיד. אין יעדען דור איז פאַראַן מענטשען וואָס האָבען רוח הקודש.

האָב איך פאַר אייך פריהער ערקלערט אַז דער נביא דאַרף צו מאַכען זיינע אויגען ווען ער זעהט די שכינה, ער מוז אַרויס פון זיין גוף, דאָס איז התפשטות הגשמיות, ער איז אַרויס פון זיין קערפּער, אָבער משה רבינו איז געשטאַנען אויף זיינע פיס מיט אָפענע אויגען, ער רעדט מיט גאָט אָבער ער פילט ניט זיין גוף, ווייל ער איז דער איש האלהים. פה אל פה אדבר בו, ומראה ולא בחידת ותמנת ה' יביט, ומדוע לא יראתם לדבר בעבדי במשה. יהי רצון שתהיה זאת המדרגה על משיח בן דוד שיתגלה באַמעריקע לפי שהגואל יבוא לבית דין הגדול, דער בית דין הגדול איז ניו יאָרק עם ברוקלין ועוד (סנהדרין, דף צ"ח) אמר עולא אין ירושלים נפדית אלא בצדקה, שנאמר ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה. מיינע ברידער אַמעריקע

עברי טייטש

איז די בעסטע לאַנד אין דער גאַנצער וועלט, מיט אָפענע הענד צו געבען צדקה פאַר דער גאַנצער וועלט.

פרק שבעה עשר

יעצט קומט די צעהנטע מדרגה פון רוח הקודש, מדרגה עשירית. ועתה קורא משכיל תדע, כל מקום שאני כתבתי : כתר, חכמה בינה, גדולה, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד, מלכות, הם לבושים של הקדוש ברוך. כשם שהעשיר עושה לו עשרה בגדים שונים זה מזה והוא מחליף אותם בכל יום ויום, כך השכינה מתלבשת במראה הנבואה, מלך בעשרה לבושים התאזר בקדושים, התאזר בגימטרי׳ תרי״ג, 613 מצות. וכמו שהטריין מביא את האדם אל העיר אשר הוא צריך שמה, כך התורה מביאה את האדם לידי רוח הקודש. ואין הפרש בין עני או עשיר, כמו שאני כתבתי בספרי „שנים אוחזין בטלית" מן אבא אומנא הוה אתי ליה שלמא כל ימא ממתובתא דרקיע ולאביי ממעלי שבתא למעלי שבתא ולרבא ממעלי יומא דכפורי למעלי יומא דכפורי (תענית, דף כ״א). עס איז קיין דיפערענץ אַן עני או עשיר. גאָט האָט באַשאַפען סעמפּעלם צו רוח הקודש. כמו חנינא בו דוסא שהיה עני והיה בעל רוח הקודש, ער האָט גע־געסען באָקסער געהונגערט ורבינו הקדוש שהיה עשיר, אַ מיליאָנער דער רייכסטער אין דער גאַנצער וועלט.

די תורה מיט די מצות, מיט די יראה, מיט די גוטע מדות איז פאַר אַלעמען גלייך. די תורה איז אַ טריין דער טיקעט אויף דעם טריין הייסט תמים. נח איש צדיק תמים, אברהם תמים, תמים תהיה עם ה׳ אלהיך. מען קען זיין אַ גביר, אַ צדיק, מען קען זיין אַן עני, אַ רשע, דאָס גלייכען דער אַרבייטער מיט דעם באָס, דער מאַנו־פעקטשורער, ער דאַרף האַנדלען ווי די תורה האָט איהם אָנ געשריבען. יעדער מענטש דאַרף זיין אַ תמים. דוד המלך זאָגט אין (תהלים, ק״א) אשכילה בדרך תמים מתי תבוא אלי אתהלך בתם לבבי בקרב ביתי. גאָט זאָגט לבב עקש יסור ממני, רע לא אדע מלשני בסתר רעהו אתו אצמית, גבה עינים ורחב לבב אותו לא אוכל עיני בנאמני

עבריטייטש

ארץ לשבת עמדי הלך בדרך תמים הוא ישרתני לא ישב קרב ביתי עשה רמיה דבר שקרים לא יכון לנגד עיני לבקרים אצמית כל רשעי ארץ להכרית מעיר ה׳ כל פעלי און. דער וואָרט תמים איז ביי יעדען צדיק, תמים איז אַ נוטריקון תורה, מצות, יראה, מדות. דער מענטש וואָס איז אַ תמים איז ער גאַנץ מיט גאָט ער האָט רוח הקודש.

זייט וויסען מיינע ברידער, אַז גאָט האָט באַשאַפען די וועלט פאַר דעם מענטשען צו טאָן גוטעס מיט גאָט און מיט לייטען. האָט ער באַשאַפען דריי סאָרטען אותיות: גרויסע, מיטעלע און קליינע אותיות. דער מענטש איז אַ בעל בחירה, ער קען ריידען גוטע רייד, הייליגע ווערטער, ער קען ריידען מיטעלע ווערטער, פּראָסטע רייד, ער קען רעדען קליינער ווערטער. פינסטערע אותיות אַלע איז פאַראַן אין דעם כח הדבור. אותיות עילאין, אותיות אמצעאין אותיות תתאין די אותיות עילאין ברייגנען דעם מענטשען צו עולם הבא צום גן עדן, די אותיות אמצעין בריינגען דעם מענטשען צו עולם הזה צו מאַכען אַ לעבען, די אותיות תתאין זיי בריינגען דעם מענטשען אין דער פינסטער צום גרוב צום גהנום צום כף הקלע, די ווערטער פון תורה מצות מעשים טובים בריינגען דעם מענטשען צום גליק, צו רוח הקודש, צו עולם הבא, צום גן עדן. ער קען דאָס זעהן ביי זיין לעבען. ווען ער זעהט די שכינה איז דער מענטש אַ נצחי ווי שלמה המלך זאָגט אין משלי, באור פני מלך חיים. די אותיות אמצעין די מיטעלע אותיות, די מיטעלע ווערטער, בריינגען דעם מענטשען צו עולם הזה צו מאַכען אַ לעבען, ער זאָל האָבען עסען, טרינקען שלאָפען, אַ דירה, אַ בגד, צו מאַכען אַ לעבען כשר בשלום. לחם לאכל ובגד ללבש, אָבער די קליינע אותיות, די בריינגען דעם מענ־טשען צום טייפעל צום גהנום, דאָס איז לשון הרע. די 4 כתות אין מקבלות פני השכינה: כת חנפים, כת שקרים, כת מלבין פני חברו ברבים, כת לצים. דאָס איז אין כלל פון לשון הרע. די מענטשען געהען אין גהנום, ווי דוד המלך זאָגט (תהלים, י״ב), שוא ידברו איש את רעהו שפת חלקות בלב ולב ידברו יכרת ה׳ כל שפתי חלקות לשון מדברת גדלות. די מענטשען זיינען אָפּגעשניטען פון עולם הבא. יעצט לאָמיר זעהען וואָס די תורה זאָגט צו דעם אדם צו דעם מענ־

עברי טייטש

טשען : על כן יעזב איש את אביו ואת אמו ודבק באשתו והיו לבשר אחד. דער מענטש זאָל פאַרלאָזען זיינע עלטערען, זיך באַהעפטען צו זיין ווייב און ווערען איין מענטש, דאָס פאַרלאַנגט גאָט. די גרעסטע מצוה איז צו מאַכען שלום בין איש לאשתו, קומט די שוויגער און מאַכט אָן קריג ביי דעם זוהן מיט דער שנור, זי קען די שנור ניט ליידען. דו שוויגער ! דו אַליין ביזט געוועזען אַ שנור, האָסטו דאָך געליטען פון דיין שוויגער, ווען זי האָט געזאָגט צו דיין מאַן אַז ער זאָל ניט פאָלגען זיין ווייב און דער שלום בית איז געוואָרען צושטערט פאַר מאַכען קריג ביי מאַן און פרוי. די אותיות בריינגען אין גהנום. האָט גאָט געגעבען די תורה די עשרת הדברות זאָגט די תורה : כבד את אביך ואת אמך למען יארכון ימיך על האדמה אשר ה׳ אלהיך נתן לך. אין דער תורה איז פאַראַן דער וואָרט את איז דאָס לרבות אַז די תורה זאָגט כבד את אביך ואת אמך, דאָס מיינט דעם שווער מיט דער שוויגער אָפּצוגעבען כבוד. ליגט אָבער דאָ דער סוד, הער מיך צו שוויגער, דו נעם צו דיין שנור פאַר דיין קינד מיט דיין גאַנצען האַרצען, וועסטו זעהן ווי די שנור וועט דיך ליעב האָבען ווען וועסטו מאַכען שלום ביי דיינע קינדער, זיי וויסען אַז אדם און חוה זיינען איין מענטש, ווי גאָט האָט געזאָגט צו אדם הראשון והיו לבשר אחד, אין שמע ישראל ה׳ אלהינו ה׳ אחד, אָט אַזוי ווי דער אחד פון קריאת שמע איז הייליג אָט אַזוי איז הייליג דער אחד פון מאַן און ווייב. גאָט האָט געזאָגט צו אברהם אבינו כל אשר תאמר אליך שרה שמע בקלה, גאָט האָט געמאַכט שלום ביי אברהם מיט שרה. אם יש שלום בין איש ואשתו השכינה שורה עליהם.

ליעבע עלטערען פון דער גאַנצער וועלט ! די מצוה פון כבוד אב ואם איז די גרעסטע, אָבער זי איז די שווערסטע. זאָלט איהר האָבען רחמנות אויף אייערע קינדער און שטעלען אַ קליינעם פרייז פון כבוד אב, אַ קליינעם פרייז קען מען נאָכקומען, און דו שוויגער באַטראַכט דיין שנור ווי דיין טאָכטער, וועסטו זעהן אַז דיין שנור וועט דיך ליעבען ווי אַ מוטער. אַ האַרץ פון אַ מענטשען איז ווי אַ שפּיגעל, ווען די שוויגער וועט זאָגען צום זוהן : הער מיין קינד

ע ב ר י ט י י ט ש

זאָלסט פאָלגען דיין ווייב, זי איז די מוטער פון דיינע קינדער, דאָס איז דיין היים, זי איז דיין חבר, דאָס איז דיין זיווג פון גאָט, לעבט בשלום, וועט די שנור באַטראַכטען די שוויגער פאַר אַ מוטער, עס וועט זיין שלום אויף דער וועלט, דאָס זיינען די אותיות עילאין. די אותיות זיינען הייליגע, זיי ברייננגען דעם מענטשען צום גן עדן, ביידע וועלטען די שנור וועט גלייכען די שוויגער, עס וועט זיין שלום בית בין איש לאשתו, דאָס זיינען די גרויסע אותיות פון דער הייליגער תורה, וואָס ברייננגען צום גן עדן. אַז די הייליגע אותיות פליען צום הימעל קען מען דאָך יעצט פאַרשטעהן פון דער ראַדיאָ. ראַדיאָ ווערט געהערט פאַר טויזענטער מיילען אין דער גאַנצער וועלט, דאָס האָט דאָך איינגעפיקסט אַ בשר ודם, קען דאָך גאָט געוויס מאַכען אַז די אותיות זאָלען געהן אין דער הויך צום הימעל. דערפאַר טאָר דער מענטש ניט רעדען קיין לשון הרע, דערפאַר דאַרף די שנור און דער איידעם און אַלע קינדער רעדען צו די אַלטע לייט צום שווער צו דער שוויגער צו די עלטערען, באַדאַרף מען צו זיי ריידען גוטע ווערטער, ווייל דער אַלטער מאַן די אַלטע פרוי איז אַ צובראָכענער שאַרבען, אָפּגעלעבט אַ לעבען אין צער, מיט יסורים פון קינדער, פון געזונט, פון פרנסה, דאַרף די שנור, דער איידעם, האָבען רחמנות אויף די אַלטע לייט, זיי זיינען עלענד אן שלאָף פון צרות.

הערט מיך צו וואָס איך זאָג אייך, די תורה זאָגט (כי תצא) לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו. מען טאָר ניט אַקערען מיט אַן אָקס און מיט אַן אייזעל צוזאַמען, ווייל דער אָקס איז מעלה גרה, אַז דער אייזעל וועט זעהן אַז דער אָקס עסט און איהם גיט מען ניט עסען, וועט ער האָבען צער, איז דאָך אַ צער בעלי חיים. זאָגט גאָט אין דער תורה: לא תחרוש בשור ובחמור יחדיו. יעצט קענען מענשען נעמען אַ מוסר השכל אַז מען טאָר ניט אָנמאַכען קיין צער אַ חיה, אַ בהמה, היינט אַז מען מאַכט אַן צער צו אַ מענשען וועט מען דאַרפען אָפּגעבען דין וחשבון. דערפאַר זאָגט די תורה (קדושים) מפני שיבה תקום ואדרת פני זקן ויראת מאלהיך אני ה׳. אַז מען טוט אַן צער אַן אַלטען מאַן, אָדער אַן אַלטער פרוי איז דיין זינד שרעקליך גרויס.

צריך ליזהר מאוד בכבוד אביו ואמו, שנאמר איש אמו ואביו תיראו, וכתיב את ה׳ אלהיך תירא שהשוה אותן הכתוב לכבודו של הקדוש ברוך הוא, לפי שהם שלשה שותפין באדם: הקדוש ברוך הוא ואביו ואמו, איש מזריע לובן שבו, אשה מזריעת אודם שבה, והקב״ה נופח בו נשמה, מראה עין, ושמיעת האוזן, ודיבור, בזמן שהאדם מכבד את אביו ואת אמו אמר הקדוש ברוך הוא מעלה אני עליהם כאילו דרתי ביניהם. חייב אדם לעמוד בפני אביו ובפני אמו. עס זיינען פאראַן זייער פיל דינים פון כבוד אב אין שלחן ערוך, חייב אדם בכבוד חמיו וחמותו כדמצינו בדוד המלך ע״ה שחלק כבוד לשאול המלך שהיה חותנו, וקראו אבי, שאמר לו: אבי ראה גם ראה. די בעסטע עצה אַז מען זאָל שטעלען אַ קליינעם פרייז פון כבוד אב ואם.

אסור לאדם להכביד עולו על בניו ולדקדק בכבודו עמהם, שלא יביאם לידי מכשול, אלא ימחול ויעלם עיניו מהם, שהאב שמחל על כבודו כבודו מחול. מי שיש לו שם כינוי לגנאי והוא מתבייש אסור לקרותו בכינוי זה, משום אונאת דברים אסור לגנוב דעת הבריות אפילו דעת של עכו״ם. ולכן אסור למכור לו בשר נבלה בחזקת שחיטה. וצריך ליזהר ביותר מאונאת אשתו שלא לצערה בדברים, לפי שהאשה רכה בטבע ועל צער מעט היא בוכה, והש״י מקפיד על הדמעות,

עברי טייטש

דערפאַר דאַרף דער פאָטער, די מוטער שטעלען דעם פרייז פון כיבוד אב ואם זייער קליין, ווייל עס איז ניטאָ קיין שיעור, קיין מאָס צו כיבוד אב ואם.

מיר געפינען אַז יצחק האָט זיך געלאָזען פון פאָטער אברהם בינדען די הענט און די פיס, כדי ער זאָל זיך ניט קענען וואַרפען ווען ער וועט איהם שעכטען פאַר אַ קרבן. דאָס איז כיבוד אב. אָבער מיר געפינען נאָך אַ בילד פון כיבוד אב (תהלים ג׳) מזמור לדוד בברחו מפני אבשלום בנו, אַ געזאַנג איז געווען צו דוד אין זיין אַנט-לויפען פון אבשלום זיין זון, ווייל אבשלום וויל טויטען זיין פאָטער דוד, אָבער ווען אבשלום איז אַריינגעפאַלען אין גיהנום האָט דוד געשריען צו גאָט ער זאָל איהם אַרויסנעמען פון גיהנום, דער דין אין שלחן ערוך איז שרעקליך:

ושערי דמעות לא ננעלו, ואסור לאדם לעשות צער לכל אדם. די גרויסע אותיות ברייַנגען דעם מענשען אין גן עדן און די קליינע אותיות פון לשון הרע פון די 4 כתות חשמ"ל ברייַנגען דעם מענשען אין גיהנום.

פרק שמונה עשר

ג' מיני אותיות יש בעולם, אותיות עליאין, אותיות אמצעין, אותיות תתאין, אותיות עילאין זו תורה, מצוות ומעשים טובים, זו רוחים של הנשמה להשיג רוח הקודש, אותיות אמצעין רוחים של הגוף, הצטרכות של הגוף, כלומר פרנסה, לחם לאכול ובגד ללבוש. אותיות תתאין רוחים של השטן של היצר הרע הארבע כתות חשמ"ל אשר אין להם חלק לעולם הבא, ואלו הן: כת חנפים, כת שקרים, כת מלבין, כת לצים, וכולם בכל לשון הרע. ועתה אחי ישראל, הוה זהיר מן ד' כתות האלה, אל תשמע להם כי הוא הרג שלשה אנשים, וזה דומה למשל של ספינה על הים אשר אספר בעברי טייטש בכדי שהכל יבין.

ע ב ר י ט יי ט ש

עס זיינען געפאָרען מענשען אין אַ שיף אויף דעם ים, איז גע־וועז אין דער שיף אַ מאַן מיטן נאָמען נבל. ער האָט באַצאָהלט אַ גרוי־סען פרייז צו דער קאָמפּאַני פון דער שיף. פאָרענדיג אויף דעם ים האָט נבל גענומען אַן עקבער און האָט אָנגעהויבען בויערען אַ לאָך אין דער וואַנט פון דער שיף. האָבען דאָס דערזעהן די מענשען וואָס זיינען געפאָרען מיט איהם אין דער שיף, האָבען אַלע פון דער שיף אָנגעפאַנגען צו שרייען: נבל, וואָס טוסטו? עס וועט אַריין וואַ־סער אין דער שיף וועלען מיר ווערען אַלע דערטרונקען אין ים. זאָגט נבל: איך מאַך אַ לאָך אין דער וואַנט ביי מיר אין קאַיוטע, אין מיין קאַיוטע האָב איך די פרייהייט צו טאָן וואָס איך וויל. זאָגען צו איהם אַלע מענשען פון דער שיף: דו ביסט גערעכט, אָבער מיר זיינען ניט מחויב צו ווערען דערטרונקען אין דער שיף צוליב דיר. דו קענסט טאָן ביי דיר אין דער היים וואָס דו ווילסט, אָבער ניט

עברי טייטש

אויף דער שיף וואו עס פאַרען מענשען. מיר וועלען דיר ניט לאָזען מאַכען אַ לאָך ביי דיר אין קאַיוטע, אונזער לעבען איז ביי אונז טייער. ניט אומזיסט הייסטו נבל, דאָס איז די אותיות פון לבן, ער האָט געוואָלט אומברייננגען יעקב אבינו מיט אַלע קינדער. נבל איז אַ שלעכטער מענש — די אותיות לבן.

מיינע ליבע ברידער, די שיף איז די הייליגע תורה, די מענשען דאָס זיינען אַלע הייליגע אידען, דער ים איז די גאַנצע וועלט, די אַלע צרות מיט אַלע יסורים וואָס ער ליידעט אויף דער וועלט, דאָס איז די וואַסער מיט די גרויסע כוואַליעס, וואָס עס וואַרפט יעדען מענשען דעם גאַנצען לעבען. אָבער אַזוי ווי די שיף ברייננגט די מענשען אין זייער היים, אין זייער שטאָט, אָט אַזוי ברייננגט די תורה דעם מענשען צו זיין היים, צו זיין שטאָט, דאָס איז רוח הקודש, ווי אַלע אבות, אברהם, יצחק, יעקב, און אַזוי דאַרפען זיין אַלע קינדער וואָס קומען אַרויס פון די אבות הקדושים. איז אָבער די צרה וואָס עס איז פאַראַן אין דער שיף נבל, דאָס זיינען מנוולים פון די 4 כתות חשמ"ל. נבל בוירט אַ לאָך אין דער שיף, אין דער תורה, לשון הרע הרג'עט די מענשהייט. יעדער מענש ווען ער האָט אַ ריינעם מויל מיט אַ ריינע האַרץ ער זאָל נאָר ריידען אין די הייליגע אותיות פון דער תורה, וועט ער האָבען רוח הקודש, די מענשען פון דער שיף האָבען ניט געלאָזען דעם נבל צו בויערען אַ לאָך אין דער וואַנט פון דער שיף, עס וועט אַריין וואַסער אין דער שיף, אַלע מענשען ווערען דערטרונקען אין ים.

מיינע ברידער, עס ווערען דערטרונקען אין דעם עון פון לשון הרע פיל לייט. דערפאַר האָט די תורה אָנגערופען די מענשען מיט דעם נאָמען מצורעים, אַ גאַנצע סדרה פרשת מצורע. לפי שהנגעים באים על לשון הרע. אויך קומען נגעים אויף דעם חטא פון גאוה. האָט די תורה געזאָגט אַז מ'לאָזט דעם מצורע מחוץ למחנה, ער זאָל זיין אַליין אָן מענשען ער זאָל ניט האָבען מיט וועמען צו ריידען מחוץ למחנה, ער זאָל תשובה טאָן אויף די לשון הרע, אויף זיין גאוה וואָס ער בייסט מענשען מיט זיין שלעכטען צונג, ער איז מבזה די מתנה פון גאָט, דעם כח הדבור. דען דער מענש רופט זיך אין לשון קודש דער

ע ב ר י ט יי ט ש

מדבר, האָט גאָט געגעבען די הייליגע תורה אין דער מדבר, דאָס זייי נען די זעלבע אותיות מדבר, דער כח הדיבור, ער זאָל ריידען אין דער תורה, ווי מיר זאָגען אין קריאת שמע ודברת בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך. מען זאָל ריידען אין דער תורה ווי מיר זאָגען אין שמונה עשרה אין אָנפאַנג אדני שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך, און צו ענדע זאָגען מיר אלהי נצור לשוני מרע ושפתי מדבר מרמה, דערנאָך זאָגען מיר יהיו לרצון אמרי פי והגיון לבי לפניך ה׳ צורי וגואלי, עושה שלום במרומיו הוא יעשה שלום עלינו ועל כל ישראל אמן.

די בעלי לשון הרע האָט די תורה גערופען מצורע, דאָס זיינען 2 ווערטער: מוציא רע, ער ציט אַרויס פון זיין מויל שלעכטע רייד, מיט דעם איז ער מטמא זיין נפש, זיינע אברים זיינען טמא, דערפאַר זאָגט די גמרא אין (מגילה דף כ״ח) מימי לא נסתכלתי בצלם דמות אדם רשע, עס איז ניטאָ קיין גרעסערער רשע אין דער וועלט ווי דער בעל לשון הרע, מיט דעם שלעכטען צונג האָט דער נחש גערעדט צו חוה, צו אדם הראשון ביי דעם עץ הדעת, מיט לשון הרע האָט ער געבראַכט דעם טויט אויף דער וועלט, בלישנא בישא, כתיב (תהלים נ״ז) ולשונם חרב חדה, זייער צונג איז אַ שאַרפער שווערד. די תורה רופט זיי מצורעים, משה רבנו האָט זיי גערופען נחשים, ווען זיי האָבען גערעדט לשון הרע אויף גאָט און אויף משה רבנו, וידבר העם באלהים ובמשה למה העליתנו ממצרים למות במדבר כי אין לחם ואין מים ונפשנו קצה בלחם הקלקל. וישלח ה׳ בעם את הנחשים השרפים וינשכו את העם וימת עם רב מישראל (חקת). ויבא העם אל משה ויאמרו חטאנו כי דברנו בה׳ ובך. התפלל אל ה׳ ויסר מעלינו את הנחש. ויתפלל משה בעד העם, האָט גאָט געהייסען משה רבנו ער זאָל מאַכען אַ שלאַנג, אַ שרף, האָט משה געמאַכט אַ שלאַנג פון קוי פער, נחש הנחושת, וראה אתו וחי, איך האָב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית״ (מרפה לנפש דף כ״ח) דעם טעם פאַרוואָס משה האָט געמאַכט אַ שלאַנג פון קופער, ווייל דער ראַדיאָ וואָס ער שפילט און ער זינגט, און ער רעדט, דאָס איז דער סוד וואָס איז אין דעם ראַדיאָ פאַראַן — קופערנע ווייערס, אין די קופער איז פאַראַן אַ

מאַגנעט וואָס ער ציהט דעם קול מיט די אַלע ווערטער, דאָס איז דער סוד פון דעם ראַדיאָ. משה רבנו האָט געוואוסט פון דער חכמה האָט ער געמאַכט אַ שלאַנג פון קופער, ער האָט איהם אָנגעהאַנגען אין דער לופטען און אַז יעמאַנד האָט גערעדט לשון הרע האָט דער שלאַנג נאָכגערעדט, האָבען זיך אַלע דערשראָקען פאַר דעם קופער־נעם שלאַנג, האָבען זיי פאַרשטאַנען אַז ווערטער וואָס מען רעדט פליהען אין דער הויך איו הימעל, האָבען זיי געטאָן תשובה אויף די לשון הרע. מיינע ברידער, זעהט די חכמה פון משה רבנו, ער האָט געוואוסט אַלע סודות פון דער נאַטור.

הכלל, די תורה רופט די בעלי לשון הרע מצורעים. משה האָט זיי גערופען נחשים, דוד האָט זיי גערופען אין (תהלים כ״ב) כי סבבוני כלבים עדת מרעים הקיפוני הצילה מחרב נפשי מיד כלב יחידתי. דערפאַר טאָר מען ניט הערען קיין לשון הרע, ווען דער גנב וועט ניט האָבען וואו צו פאַרקויפען זיינע גנבות וועט ער ניט גנב'ענען. דער בעל לשון הרע האָט קאָסטימערס צו הערען לשון הרע, איז ער ביזי מיט זיינע שלעכטע רייד על ה' ועל משיחו, אָבער אַז די מענשען וועלען איהם ניט לאָזן ריידען וועט ער געווים סטאָפּען פון זיינע זינד, ער וועט תשובה טאָן. די חכמים האָבען געזאָגט אַז די 4 כתות חשמ״ל האָבען ניט קיין עולם הבא, נאָר אפשר מיט גרויס תשובה קען מען זיך אפשר העלפען.

אויף אַלע עבירות קען העלפען תשובה, חוץ לשון הרע. די גמרא (סנהדרין דף ק״ו) האָט אָפּגעזאָגט פון עולם הבא דואג און אחיתופל, זייערע זינד זיינען געווען לשון הרע אויף דוד המלך, זייערע נשמות זיינען געוואָרען פאַרברענט אין פייער און די אַשעס האָט מען צוואוואָרפען, צושפּרייט אין אַלע בתי־מדרשים, אין אַלע שוה־לען איז פאַראַן די אַשעס פון דואג און אחיתופל. אַ מוסר השכל פאַר אַלע מענשען ניט צו רעדען לשון הרע, די טריפה אותיות וואָס זיי פיהרען דעם מענשען אין גיהנום. מיינע ברידער, אַנטלויפט פון לשון הרע, זי באַגראָבט די מענשהייט, דואג און אחיתופל זיי־נען געוועזען פון די גרעסטע לומדים, זיי האָבען פאַרלאָרען עולם הבא צוליב דעם שלעכטען צונג ודי לחכימא ברמיזא, זייערע אַשעס אין צושפּרייט אין אַלע שוהלען פאַר אַ מוסר השכל.

פרק תשעה עשר

אבל זה ידוע כי יש שני מינים יסורים בעולם, יסורים של עונש על החטאים ועל העונות, ויש יסורים של אהבה על עון הדור. אבל מהיכן ידע האדם אם היסורים שהוא סובל שהם יסורים של אהבה, אבל האמת יוכה דרכו, למשל אם מלך בשר ודם שהוא נותן לעבדו מתנות גדולות והמלך נושק את העבד בודאי שהעבד מצא חן בעיני המלך, וזה הנמשל אל האדם, אשר הוא משיג רוח הקודש וה׳ משרה עליו השכינה, זה מתנה גדולה, אין לשער, כי הוא יודע כל הסודות ויש לו גלוי אליהו, והוא רואה מלאכים פעמים הוא עולה בשמים והוא נקרא אדם העליון, אדם הנסתר, ואם זה האדם סובל יסורים בודאי שהם יסורים של אהבה. וזה אשר אני כתבתי בספר „שנים אוחזין בטלית" על משיח בן דוד בארץ אמעריקע, והגביהו למעלה על השמים, ולקח את השישי, יום ראשון פרשת וירא, היה דבר ה׳ במראה הנבואה על משיח בן דוד בארץ אמעריקא, והגביהו למעלה ל השמים, ולקח את משיח בן דוד בחדר מיוחד והיו שם שני כסאות אצל השלחן, ועל השלחן היה עומד בקבוק גדול מלא יין, ועוד עמדו שם כלים של כסף, וזה מלאים ענבים לבנות, יפות, טובים למאכל. והקדוש ברוך הוא אמר אל משיח בן דוד: בני, אכול ושתה מהם, והם דברו בתורה. וזאת התמונה נקראת על פי קבלה זעיר אנפין בפרצוף אדם, ופתאום ירד הקדוש ברוך הוא את משיח בן דוד על הארץ לסבול את היסורים על עון הדור ואז הוא הבין מה שהראו לו את היין, אלו סודות התורה, והענבים זה עם ישראל, שנאמר מצאתי את ישראל כענבים במדבר, וזה אשר הראה לו לסבול יסורים בעבור עם ישראל, אבל התמונה הזאת חוקקה במחשבתו ותמיד בלי הפסק, כמו ותמונת ה׳ יביט. יביט בגמטרי׳ אל 31, ובזמן שהיה בעולם העליון לא הרגיש את גופו, במשך השנים האלה מן תרס"ו פרשת וירא עד היום הזה הוא היה בשמים ששה פעמים.

הוא היה פעם בהיכל אהבה ונשיקה זה עם זה, ופעם בהיכל היראה, היכל הגבורה, כבחור כגבור מלחמה, ונשיקה זה את זה, ומשם נתנה התורה לישראל, וזה בדמות שנראה לישראל על הים כגבור

מלחמה ובמתן תורה כזקן מלא רחמים, ופעם בהיכל התפארת, שהוא ממוצע בין חסד ודין. וזה קן הירוק מדרגה של יעקב אבינו, ופעם בהיכל הכתר וכתר חכמה, בינה הם ביחד כמו הסגל. ופעם בהיכל הרצון, והוא נקרא אדם קדמון, היכל הרצון, ומשם אסור לכתוב כי את האלהים אני ירא, ובכל פעם שעלה למרום לא הרגיש את הגוף אבל מחשבתו עומדת בשמים תדיר, כמו ואברהם עודנו עומד לפני ה'. וכן משיח בן דוד על זה הדרך על זה הכונה, והוא סבל יסורים תדיר מיום שיצא מבטן אמו אבל עד שנת תרס"ו הוא היה בספק אם הוא משיח בן דוד, ואז הוא הבין את האמת והוא בא עם הענן, כלומר יסורים ענוים קשים, צער צרות ומצוקות, אנשים מבזים אותו על כל פסיעה והוא טעון ביסורים משום עון הדור, והוא רואה את השכינה והוא יתגלה בארעא דגליל זה אַמעריקע בעבור מצוות הצדקה (סנמדרין צ"ח) אמר עולא אין ירושלים נפדת אלא בצדקה, שנאמר ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה, ואַמעריקא נותן צדקה לכל העולם. וזה אשר אמר שלמה: יוסיף דעת יוסיף מכאוב על משיח בן דוד, שהוא טעון ביסורים. ואני נותן לכם טעם על זה בעברי טייטש.

עברי טייטש

זייט וויסען, הייליגע אידען, אַז דער וואָרט שפה איז בגימטרי' שכינה 385. אַז מען האַלט ריין די ליפּען פון לשון הרע, אַז מען רעדט נאָר דברי תורה רוהט די שכינה אויף דעם מענשען. דער נאָמען גאָט איז בגימטרי 13, שלש עשרה מדות אין סליחות ה' ה' אל רחום וחנון ארך אפים ורב חסד ואמת נוצר חסד לאלפים נשא עון ופשע וחטאה ונקה וסלחת לעווננו ולחטאתנו ונחלתנו, סלח לנו אבינו כי חטאנו, מחל לנו מלכנו כי פשענו כי אתה אדני טוב וסלח ורב חסד לכל קוראיך. דער מענש דאַרף זיך לערנען פון גאָט, 13 מדות האָט גאָט געלערענט צו אַלע אידען אַז די שכינה זאָל אויף זיי רוהען, אַ ריינע מויל פון לשון הרע, אַ ריינע האַרץ פון שנאת חינם, פון גאוה, פון תאוה, אַ ריינע קאָפּ פון שלעכטע מחשבות, ריינע הענט פון גזל, ריינע אויגען פון עריות, צו עסען, צו טרינקען, צו שלאָפען, צו אַרביי־טען, צו מאַכען ביזנעס, אַלעס נאָך דעם דייעט וואָס איז פאַרשריבען

עברי טייטש

פון דעם גוטען דאָקטאָר. דער דייעט דאָס איז די תורה הקדושה, דער דאָקטאָר איז גאָט, כי אל מלך רופא נאמן רופא חולי עמו ישראל. זיי וויסען, דו ביסט געקומען אין האָטעל, אין דער קאָנטרי זיך צו פיקסען דעם געזונט, דאָס איז דעם מענשנ'ס נשמה, זי איז געקומען אין דער וועלט תבל זיך צו פיקסן אין געזונט מיט תורה און מצוות מעשים טובים. אַז דו וועסט זיין פאָלקאָם געזונט וועסטו זעהן די שכינה, היט דיין צונג פון די קליינע טריפע אותיות 4 כתות חשמ"ל.

באמת פאַרוואָס זאָל משיח ליידען אַזוי פיל ליידען, אַזוי פיל יסורים פאַר דעם עון הדור, דאָס הייסט חבלי משיח מכאובים וצרות וצער אַלץ פאַר די זינד פון דעם דור. עס זיינען פאַראַן אין דער וועלט אַפולע קראַנקע אָרימע מיט יסורים, אָבער ער ליידט מער פון אַלעמען, מיר וועלען דאָס פאַרשטיין. די גמרא זאָגט (ברכות דף ל"ג) גדולה דעה שנתנה בין שתי אותיות, שנאמר כי אל דעות ה' וכל מי שאין בו דעה אסור לרחם עליו, שנאמר (ישעיה כ"ז) כי לא עם בינות הוא על כן לא ירחמנהו עושהו, ועוד כתיב וארשתיך לי באמונה וידעת את ה'. טוב לאדם להיות מאמין באמונה שלמה באמת, כמו שכתוב וצדיק באמונתו יחיה. ואף על פי כן טוב יותר אלף פעמים אם האדם שהוא משיג ידיעת ה' כי זה רוח הקודש, אשר אין למעלה הימנו מן ידיעת ה' ואחרי ככלות הכל בא שלמה המלך ואמר (קהלת) כי ברב חכמה רב כעס ויוסיף דעת יוסיף מכאוב. צריך להבין את הדברים האלה.

מיינע ברידער, איך האָב געשריבען אין מיין ספר "שנים אוחזין בטלית" אַז משיח האָט ניט געוואוסט אויף זיכער, אַז ער איז דער אמת'ער גואל פאַר דעם אָרימען געפלאָגטען פאָלק ישראל און אויך פאַר דער גאַנצער וועלט, נאָר ער איז געווען אין ספק, אָבער אין דעם יאָהר תרס"ו פרשת וירא איז געקומען צו איהם אַ נבואה פון גאָט, ער איז אין אַמעריקע, די שכינה האָט איהם גענומען אין הימעל צו דעם פאָטער פון די נשמות, ער פאַרשטעלט זיך אין דעם געשטאַלט פון אַ מענשען, ער איז געזעסען מיט איהם אין אַ פרעכטיגען חדר, אויף אַ טיש איז געשטאַנען אַ פלאַש מיט וויין און

עברי טייטש

מיט שיינע טרויבען, און גאָט האָט געזאָגט צו איהם: מיין קינד, עס און טרינק פון די אַלע זאַכען, די כלים זיינען געווען פון גאָלד און זילבער, ער האָט מיט איהם גערעדט פון תורה. פלוצלונג האָט איהם גאָט אַרונטערגעלאָזען אויף דער וועלט, האָט ער פאַרשטאַ-נען אַז די וויין מיינט דאָס די סודות התורה און די גרייפּס דאָס זיינען אַלע אידען, זיי הייסען ענבים, און די סודות פון דער תורה הייסט יין, דאָס הייסט ער זאָל לערנען קבלה און ער זאָל ליידען יסורים פאַר די אידען, ער זאָל פאַרדינען זיין כסא המלוכה. די תמונה פון דער נבואה טרעט ניט אָפּ פון זיין געדאַנק שטענדיג, דורך דער צייט איז ער געווען 6 מאָל אויפן הימעל, די אַלע היכלות האָב איך פאַרשריבען אין לשון הקודש.

מיר זעהען עס טרעפט, אַז אַ פאָטער האָט עטליכע קינדער, און איין קינד ווערט שרעקליך קראַנק און די דאָקטוירים גיבען ניט קיין האָפענונג אויף דעם קראַנקען קינד, סיידען אַז מען זאָל איהם אַריינגעבען געזונטע בלוט פון אַ געזונטען מענשען, וועט דער קינד בלייבען לעבען. נעמט דער פאָטער זיין בעסטען קינד, דעם שטאַרקען דעם געזינטסטען קינד פון אַלע קינדער און זאָגט צו איהם: מיין ליבער זוהן, מיין ליבעס קינד, דו זעהסט ווי דיין ברודער איז קראַנק, ער קען נאָר ווערען געזונט אַז דו וועסט איהם אַריינגבען דיינע געזונ-טע בלוטען, דאַן וועט ער בלייבען לעבען, מיט דיינע בלוט קען מען היילען דיין ברודער, דו וועסט טאָן אַ טובה דיין פאָטער און דיין ברודער, דער געזונטער ברודער האָט געגעבען זיין בלוט צו היילען זיין קראַנקען ברודער, ווייל דער פאָטער האָט געבעטען.

מיינע הייליגע ברידער, דאָס גלייכען איז משיח בן דוד, ער ליידט יסורים פאַרן׳ דור, מיט זיין בלוט היילט גאָט דעם דור, ווי דער נביא זאָגט (ישעיה נ״ג) אכן חלינו הוא נשא ומכאובינו סבלם והוא מחלל מפשעינו מדכא מעונותינו מור שלומנו עליו ובחברתו נרפא לנו כלנו כצאן תעינו איש לדרכו פנינו וה׳ הפגיע בו את עון כלנו והוא חטא רבים נשא ולפשעים יפגיע. מיט די יסורים פון משיח בן דוד מיט זיין בלוט היילט גאָט די גאַנצע וועלט. אָבער איך דער מחבר פון דעם ספר זאָג, אַז זאָל שוין זיין גענוג צו ליידען די צרות, ווי דוד המלך זאָגט

עברי טייטש

גענוג האָבען געליטען אַלע אידען צרות אין דער גאַנצער וועלט, און גענוג האָט געליטען משיח יסורים פון אַלע זייטען, ה׳ ירחם. זאָל שוין זיין אַן ענדע צו דעם גלות, זאָל שוין זיין דער תקע בשופר גדול לחרותנו וקבצנו יחד מארבע כנפות הארץ ותוליכנו קוממיות לארצנו אמן ואמן.

זיינע יסורים איז גלייך ווי דער פרינץ, דער זוהן פון דעם מלך זיצט אין פריזאָן און ער ווערט אין דעם פריזאָן געפייניגט מיט שרעקליכע שמערצען, דער מלך גייט פאַרביי יעדען טאָג פאַרביי די גראַטעס פון דעם פריזאָן, דער פרינץ זעהט דעם מלך ווי ער גייט פאַרביי יעדען טאָג, ער פאַנגט אָן צו שרייען: פאָטער, פאָטער! דו גוטער קעניג, נעם אַרויס דיין קינד פון דעם שרעקליכען פריזאָן, וואָס ער ליידעט פאַר פרעמדע זינד, האָב רחמנות אויף דיין בעסטען קינד. באַפריי איהם פון דעם שרעקליכען קבר וואָס איך בין באַגראָבען לעבעדיגערהייט. דער מלך ווייזט איהם זיין פּנים מיט אַ פריינדליכקייט אָבער קיין ענטפער ניט אויף זיינע קולות וואָס ער שרייט און וויינט טאָג און נאַכט. אידען, הייליגע אידען, דאָס זיינען די חבלי משיח, ער שרייט און וויינט זיין גאַנצען לעבען אויף זיינע שמערצען וואָס ער ליידעט, זיין גאַנצען לעבען בעט ער אויף זיך דעם טויט פון זיינע ווייטאָגען, ער זעהט גאַנץ אָפט די שכינה מיט מלאכים און אליהו הנביא, און משה רבנו, דוד, שלמה, יעקב אבינו, יוסף הצדיק, ישעיה הנביא, זיי קומען צו משיח צו בעזוך, אָבער קיינער קען איהם ניט העלפען אַז גאָט וויל ניט. מיט זיין בלוט, מיט זיינע צרות וועט גאָט היילען די גאַנצע וועלט, עס צורייסט די האַרץ אַז מען קוקט איהם אָן, ער איז דער עני ורוכב על החמור (סנהדרין צ״ח) אמר רב כלו כל הקצין ואין הדבר תלוי אלא בתשובה ומעשים טובים (ירמיה ג׳) כי אנכי בעלתי בכם ולקחתי אתכם אחד מעיר ושנים ממשפחה והבאתי אתכם לציון, בשובה ונחת תושעון, אחד מעיר זה אליהו הנביא, אליהו הגלעדי, שהוא בא מן גלעד, ושנים ממשפחה זו משיח ואשתו שהם ממשפחה, יהי רצון שתישרה השכינה על כל ישראל אמן.

פרק עשרים

כתיב זה ספר תולדת אדם. אחר הבריאה אמר הקדוש ברוך הוא לאדם הראשון, זה ספר תורה יהיה התולדות של האדם. כלומר המצוות ומעשים טובים של האדם, הם יהיו התולדות של אדם בהאי עלמא על דרך האמת. לפי שהם נצחי וקים לעולם לעד. אבל התולדות הגשמיים הם מתים, אלא לפי שהם באים אויף אַ קורצער צייט אויף דער וועלט, אבל התולדות הרוחניים המה לעולמים עם האדם בגן עדן לפי זה צריך האדם להשתדל להוליד בנים רוחניים, מצוות ומעשים טובים. ודע כי בריאת בגימטרי׳ תרי״ג 613 מצוות, כי בריאת העולם בעבור האדם ובריאת האדם בעבור התורה, ויש לה תרי״ג מצוות. וזה השלשלת, התורה והעולם והאדם חד הוא.

אבל אחר הבריאה אמר הקדוש ברוך הוא: ויכל השמים וסים כי בו שבת מכל מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות, ומהוא לעשות, לתקן את כל הבריאה, כלומר תקון הגוף, תקון הנשמה, תקון העולם, תקון הדת, כי כל החיות והבהמות יש להן כל צרכיהם בלא תקון, אבל האדם צריך לתקון הבית, המאכל והבגדים והכלים עם כל צרכי האדם, לפי זה נתן ה׳ את התורה לאדם לעשות על פי חקי הדת, וצריך לקדש את מלאכתו אשר עשה, הן בגוף, הן בנפש. ועתה, קורא חביב, דע כי מן קבלת התורה פרשת יתרו עד פרשת קדושים תהיו כתוב כ״ז 27 פעמים וכבס בגדיו כנגד כ״ז אותיות של אלף בית, המדות נקראים בגדים. כתיב ופשט את בגדיו זה מדות הרעות, ולבש בגדים אחרים זה מדות טובות, וזה תקון הנפש, אמרו, בראשית רבה, גדול כחן של נביאים שהם מדמים הצורה ליוצרה, שנאמר ועל דמות הכסא דמות כמראה אדם, ודע כי אדם בגימטרי׳ מ״ה 45, ושם ה׳ במילוי אותיות יוד הא ואו הא בגימטרי׳ גם כן מ״ה 45, וזה שאמר (יחזקאל הנביא, ל״ד) אדם אתם ולא אומות העולם, קרואים אדם, לפי שהבן הולך אחר האם, שהרי אחר האל״ף בא הב׳ ואחר המ״ם בא הנון והוא בן, רמז על מה שאמרו חכמים ז״ל, אשה כי תזריע וילדה זכר, ואמותנו שרה, רבקה, רחל, לאה, סופי תיבות בגימטרי׳ אדם 45, וזה אתם. ועוד אברהם, יצחק, יעקב הם שלש עשרה אותיות כמנין אהבה, וכן

שרה, רבקה, רחל, לאה הם שלש עשרה אותיות והם עולים כמנין כ"ו 26, שם של הויה, וזהו וזכור לנו ברית שלש עשרה ועוד אחד נוטריקין אחדות, חברות, דבקות לה', בזאת יבא אהרן אל הקודש, יבא בגימטרי' י"ג 13, י"ג מדות, שלש עשרה מדות מעביר על מדותיו, בזאת יבא האדם אל הקודש עם התורה, שנאמר וזאת התורה אשר שם משה לפני בני ישראל, כלומר עם התורה ועם המדות טובות יבוא האדם אל רוח הקודש, כי זה הכלל, כל אדם אשר הוא נמשך אחר הנאות הגוף על הגשמיות, לא יבין לעולם המושכלות, וזה מאמר השם אל משה: ואתה פה עמוד עמדי, ר"ל היה קיים בעיון המושכלות, עמוד עמדי, התדבקות השכל אל השכינה, וזה תכלית האדם והצלחתו, ועל זה נאמר נעשה אדם בצלמנו, עד שיהיה השכל מתדבק אל ה', וזה בצלמנו כדמותנו. וזה כונת התורה אשר ברא אלהים לעשות לתקן, כלומר תקון העולם, תקון הגוף, תקון הנשמה, תקון הדת. ועל זה הדרך צריך האדם לאהוב את כל בעלי מלאכות, משום כי הבעל מלאכה מתקן כל העולם. את כל צרכי הגוף, אפילו משה רבנו היה צריך אל החיט תופר בגדים, וכן לסנדלר, תופר נעלים, וכן לנגר, עושה כלי בית מעץ, וכן עובדי האדמה לזריעה ועם כל בעלי מלאכות, משום כי הוא מתקן את כל הבריאה, צרכי הגוף אם כן לאהב את כל האנשים. כונת התורה אשר ברא אלהים לעשות לתקן צרכי הגוף. וכן צריך לאהב את הרבנים ואת הדרשנים, כי הרב נברא לתקן את נשמותיהם של ישראל, ועל אחת כמה וכמה שצריך לאהב את המחברים מן הספרים, אשר ברא אלהים לעשות תקון הנפש לכל אדם מישראל לתקן את המצוות, כי אדם אשר הוא תמים נוטריקון של תמים: תורה, מצוות, יראה, מדות טובות, הוא משיג רוח הקודש, כמו שנאמר תמים תהיה עם ה' אלהיך (שופטים), כמו שהקדוש ברוך הוא עשה קידוש אחר בריאת העולם, כך צריך כל אדם מישראל לעשות קידוש, כלומר לקדש את מלאכתו אשר ברא אלהים לעשות, שצריך כל אדם מישראל להיות קודש, כמו שנאמר קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלהיכם, והם הסעמפעלם בעולם, שנאמר עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו (ישעיה מ"ג).

ודע אחי כי החיט (אַ שניידער) הראשון היה הקדוש ברוך הוא שנאמר ויעש ה' אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבשם (בראשית)

וכן מצאנו כמה בעלי מלאכות שהיו מן התנאים, וכן המחבר מזה הספר הוא בעל מלאכה מבן י״ג שנה, והיום הזה אני עושה עניבות שקוראים נעקטיים, ועוד כל ימי חיי אני סובל יסורים, איש חלש סבול מכאובים, כי ה׳ גזר עלי כן בשעת יצירתי מבטן אמי, כמו שאמרו חז״ל (נדה דף ט״ז) שהקב״ה גוזר על האדם גבור או חלש, חכם או טפש, עשיר או עני, אבל רשע או צדיק לא קאמר, כי הבחירה נתן לאדם, וכן אני כתבתי בספר „שנים אוחזין בטלית“ (מרפה לנפש דף ג׳) כמו שהיה רבינו הקדוש מכבד את העשירים, כך אני מכבד את העניים, ומשיח בן דוד גם כן נקרא עני, שנאמר עני ורוכב על החמור (זכריה דף ט׳) והוא יהיה גם כן בעל מלאכה, שנאמר מעמל נפשו יראה ישבע והוא חטא הרבים נשא ועונתם הוא יסבל. כל הדברים אשר אני כתבתי בעזר השם יתברך מראה שצריך לאהב את הבעל מלאכה. וכן אני ראיתי בעלי מלאכה שהם בעלי רוח הקודש, וזה רמז בתורה (יתרו) וכל העם רואים את הקולות ואת הלפידים, ראו לא נאמר אלא רואים תדיר, שנאמר (ואתחנן) קול גדול ולא יסף, מאַכט דער תרגם ולא פסק, די שטימע פון גאָט האָט נאָך ניט געסטאָפּט, דאָס איז דער רוח הקודש. איך בעט אייך, מיינע ברידער, אַז איהר זאָלט לעזען מיינע עברי טייטש.

פרק עשרים ואחד

עברי טייטש

כתיב זה ספר תולדת אדם, דאָס מיינט אַז דער מענש זאָל האָבען קינדער מיט דער תורה, דאָס זיינען די מצוות ומעשים טובים, צו טאָן גוטעס מיט גאָט און מיט לייטען, די מצוות הייסען קינדער, וואָס דער מענש האָט זיי באַשאַפען. מיינע ברידער, אין די ווערטער ספר תולדת אדם ליגט אַ מוסר השכל. עס זיינען פאַראַן פאַרשידענע ביכער, עס איז פאַראַן אַ בוך, וואָס מען רופט איהם אַ טשעק בוך, טשעקס צו מאַכען ביזנעס, אָבער עס איז דאָ אַ בוך וואָס ער רופט זיך אַ קאַלענדאַר, עס איז פאַראַן אַ בוך וואָס ער רופט זיך ספר, אַ חבור צו לערנען חכמה פון גאָטהייט, פון מענשהייט. דעם דיפערענץ אין די ביכער קען מען זעהן אין דעם אָנפאַנג. דער קאַלענדאַר יעדען

עברי טייטש

טאָג רייסט מען פון אים אַרונטער אַ בלעטעל, דאָס הייסט אַז דער טאָג איז אָפּגעשטאָרבען, דער טשעק בוך ווייזט דעם פּראָפיט וואָס דער ביזנעסמאַן האָט געמאַכט, עס קומט דער טשעק צוריק פון דער באַנק, קען דער מענש זעהן וויפיל ער האָט געמאַכט פּראָפיט, אָבער דער ספר וואָס איז געמאַכט אויף דער תורה מוז זיין אַ הקדמה, ווייטער אין דעם ספר קומט אַלץ מערער חכמה פון דער תורה.

דעם מענשענ'ס לעבען דאַרף זיין ווי אַ ספר מיט אַ הקדמה, דאָס איז די קינדערשע יאָהרען, מען דאַרף זיי געבען לערנען די הייליגע תורה, דאָס איז אַ הקדמה פון דעם מענשענ'ס לעבען. ווייטער דאַרף דער מענש אָנשרייבען יעדען טאָג תורה, מצוות ומעשים טובים, יעדער טאָג איז אַ בלאַט פון דעם מענשענ'ס לעבען. 365 טעג איז פאַראַן אין דעם יאָהר, דאָס זיינען 365 בלעטער פון דעם מענשענ'ס לעבען אויף דער וועלט. דאָס זאָגט די תורה אין (חיי שרה) ואברהם זקן בא בימים וה' ברך את אברהם בכל והמלך דוד זקן בא בימים. די תורה דערציילט אַז די צדיקים קומען פאַר גאָט מיט אַלע טעג, אַ גוטער טשעק בוך, ער האָט געמאַכט גוטע ביזנעס אויף דער וועלט, ער קומט צו גאָט מיט זיינע אַלע טעג. יעדען טאָג געדינט גאָט, תורה, מצוות, מעשים טובים. אָבער דער נאַר קומט פאַר גאָט ווי דער בוך פון דעם נאַר, נאַר יעדען טאָג אָפּגעריסען אַ בלעטעל. אָפּגעשטאָרבען אַלע טעג הבל הבלים, עס קען זיין אַז די עלטערען האָבען איהם ניט געגעבען קיין הקדמה, ניט געלערענט אין די קינדערשע יאָהרען, ניט געפלאַנצט קיין אמונה, קיין יראה, קיין מצוות, זיין לעבען איז אַ קאַלענדאַר, אָפּגעשטאָרבען אַלע טעג פון זיין לעבען.

זה ספר תולדת אדם. דער מענש אויף דער וועלט דאַרף זיין ווי אַ ספר מיט אַ הקדמה פון די קינדערשע יאָהרען צום פלאַנצען אמונה מיט יראת שמים, מיט מדות טובות. דערנאָך קען דער מענש שרייבען דעם ספר פון זיך אַליין, יעדער טאָג פון זיין לעבען איז אַ בלעטעל פון זיין ספר חיי האדם. דעם מענשענ'ס לעבען איז אַ ספר אַ הייליגער ספר (קדושים תהיו), זייט הייליגע, די אַלע אותיות פון דעם ספר זיינען הייליגע, נאַר גוטע הייליגע ווערטער צו גאָט און צו לייט, אָט אַזוי זאָל דער מענש טאָן ריידען גוטע רייד, גוטע ווערטער

עברי טייטש

צו גאָט, צו לייטען, קיין לשון הרע. דאָס זיינען טריפה אותיות, זיי ברייננען דעם מענשען אין גיהנום. אָבער גוטע ווערטער ברייננען דעם מענשען אין גן עדן, החיים והמות ביד הלשון, דעם כח הדבור האָט גאָט באַשאַפען פאַר דעם מענשען אַ מתנה צו גוטעס טאָן אויף דער וועלט. זה ספר תולדות אדם.

נאָך דעם באַשאַפען פון דער גאַנצער וועלט האָט גאָט געמאַכט קידוש אויף זיינע אַרבייט. מיינע ברידער, יעדער אַרבייטער, דער שניידער, דער שוסטער, דער סטאָליער, אַלע אַרבייטער זאָלען מאַכען קידוש, דאָס מיינט אַז די אַרבייט זאָל זיין הייליג, אשר ברא אלהים לעשות, גאָט האָט באַשאַפען די וועלט מיט רויע מאַטעריאַל, אַלעס דאַרף זיין אין תקון. אפילו משה רבנו, שלמה המלך, די גרעסטע רבנים, די גרעסטע דאָקטוירים, מיליאָנערען, אַלע זיינען אָנגעוואָרפען אויף דעם שניידער, אויף דעם שוסטער, דעם סטאָליער, דעם בלעקשמיד, דעם אַרבייטער, אַז דער פאַונדיישאָן פון דער גאַנצער וועלט, דער גאַנצער מענשהייט, די גרעסטע פילאָזאָפען דאַרפען האָבען רעספעקט פאַר דעם אַרבייטער, ער בויעט די גאַנצע וועלט, ער איז מתקן די גאַנצע בריאה, דער ערשטער שניידער אויף דער וועלט איז געווען גאָט אַליין, שנאמר ויעשה אלהים לאדם ולאשתו כתנות עור וילבשם. ער האָט געוויזען דעם מענשען אַז די אַרבייט איז הייליג.

הייליגע אַרבייטער, מאַכט קידוש, אשר ברא ד׳ לעשות. מיר געפינען אַז חנוך, וואָס ער איז אַרויף לעבערדיגערהייט אין הימעל, איז געווען אַ שוסטער, ער פלעגט פיקסען אַלטע שיך, אָבער ער האָט געמאַכט קידוש אשר ברא אלהים לעשות. מיר געפינען תנאים אין דעם תלמוד זיינען געווען בעלי מלאכות, שניידערס, שוסטערס, שמידען, קאַרפענטערס, זיי האָבען אַלע געמאַכט קידוש אשר ברא אלהים לעשות. איך האָב געשריבען אין מיין ערשטען ספר „שנים אוחזין בטלית“ אַז משיח בן דוד וואָס די גאַנצע וועלט האָפט אויף איהם אַז ער וועט באַפרייען די גאַנצע וועלט פון שקלאַפעריי, פון גלות פון יצר הרע, פון אַלע נאַרישע תאוות, פון הבל הבלים, דאָס פאַרשקלאַפען דער זעעלע צו זינד, דער זינדיגער איז געפאַנגען פון זיינע אייגענע זינד. איך האָף צו השם יתברך אַז משיח בן דוד וועט

עבריטייטש

מיט די הילף פון גאָט באַפרייען די מענשען פון אַלע צרות, ער איז הייליג ווי משה רבנו, ווייל אין דעם יאָהר תרע"ה אין 1915 די נאַכט פון שבועות, פון מתן תורה, די נאַכט איז משה רבנו געקומען צו גאַסט צו משיח בן דוד, ווייל משיח איז געווען געפערליך קראַנק, איז ער איהם געקומען טרייסטען, ער איז מיט איהם די גאַנצע נאַכט געשלאָפען אין איין בעט אונטער איין קאָלדרע,ביידע האָבען געלערענט, ער האָט איהם געצייגט אַז ער איז אַזוי הייליג ווי ער, דאָס מיינט אַז משה רבנו און משיח בן דוד זיינען ביידע גלייך אין קדושה. האָב איך געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" אַז משיח איז אַ בעל מלאכה. יעצט קענען די אַרבייטער פון דער גאַנצער וועלט זיין אינדעפּענדענט, משיח איז אַן אַרבייטער. איך האָב אייך אויסגעזאָגט פון חדר. דער וואָרט חדר איז נוטריקון: חסד, דין, רחמים, יעצט איז אַרויס דער סוד, ער איז אַן אָרימער קראַנקער אַרבייטער. און דער מחבר פון דעם געטליכען ספר איז אויך אַן אָרימער אַרבייטער, אָבער מען דאַרף מאַכען קידוש אשר ברא אלהים לעשות. זה ספר תולדת אדם, דעם מענשען'ס לעבען איז אַ ספר, יעדער טאָג איז אַ בלעטעל פון זיין ספר, אָבער די עלטערען דאַרפען אָנשרייבען די הקדמה, דאָס זיינען די קינדערשע יאָהרען, צו פלאַנצען ביי די קינדער אמוננה, יראת-שמים, מדות טובות — צו גאָט און צו לייטען, ער איז די גרעסטע טובה פון די עלטערען צו די קינדער איינצופלאַנצען ביי די קינדער אמונה אין גאָט, ווייל די חכמים זאָגען: רשעים בחייהם נקראים מתים, צדיקים במיתתם נקראים חיים. דאָס מיינט אַז מען רעדט צו אַ צדיק וועגען שטאַרבען, פון דעם עולם האמת, זאָגט דער צדיק אַז נאָך דעם שטאַרבען פאַנגט זיך אָן דער לעבען, דער גוטער לעבען אין גן עדן. אָבער אַז מען רעדט מיט אַ נאַר וועגען שטאַרבען זאָגט ער: אַז מען באַגראָבט דעם טויטען איז ניטאָ מער קיין לעבען. הייסט עס אַז דער קלוגער האָפּט אויף אַ לעבען און דער נאַר האָפּט אויפן טויט, אָפּגעשטאָרבען. אָבער דער מענש וואָס האָט רוח הקודש, ער איז איבערצייגט אין דעם הימלישען לעבען, ווייל ער זעהט די שכינה, ער זעהט די מלאכים, ער רעדט מיט גאָט, אַמאָל איז ער אין הימעל, ער זעהט, אַז קיין שטאַרבען איז גאָר ניטאָ, דאָס

עברי טייטש

הייסט ווי א מענש פארט אוועק פון דער שטאט צו אן אנדער שטאט, ווי ער מופט ארויס פון די רומס אין אנדערע רומס, דער מענש טוט אויס פון זיך דעם גוף, דעם חומר, דעם קערפער, ווי מען טוט אויס א בגד, ווי מען טוט אויס די שיך פון די פיס, ווי די פייגעלע די טייבעלע פליהט ארויס פון דער קלעטקע, ווי דער פריזאנער אנטלויפט פון דעם פריזאן. איז דער בעסטער פלאן, דער גרעסטער גליק פאר א מענשען איז צו קומען צו רוח הקודש, ער זאל אלעס וויסען, דעם אמת, דאס ליגט ביי דעם מענשען אין זיין האנט. מיינע טייערע ברידער, מען דארף מאכען קידוש אשר ברא אלהים לעשות. דעם מענשען׳ס לעבען איז א ספר זה תולדות אדם.

פרק עשרים ושנים

דער איד דארף מאכען קידוש, עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו, זה ספר תולדות אדם ואידך כתיב בזעת אפיך תאכל לחם עד שובך אל האדמה, דאס הייסט צו מאכען א לעבען מיט דעם שוויים פון דיין פנים, צו ארבייטען שווער א כשרען לעבען קדש קדשים. זה ספר תולדות אדם. קומט דער נביא (יחזקאל, ל״ד) ואתן צאני מרעיתי אדם אני אלהיכם נאם ה׳ אלהים, אתם קרואים אדם ולא עכו״ם. האב איך בסיעתא דשמיא געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית״ דעם טעם פארוואס זאגט דער נביא אז אידען הייסען אדם, ווייל מיר האבען דעם שם הויה די 4 אותיות במילוי כזה, דעם שם המפרש יו״ד ה״א וא״ו ה״א בגימטרי׳ אדם 45. דערפאר הייסען אידען אדם איבער דעם שם המפרש. נאך א טעם, ווייל אונזערע מוטערס שרה-רבקה-רחל-לאה, די לעצטע אותיות פון די מוטערס בגימטרי׳ אדם 45. זה ספר תולדות אדם, מאכט אידען קידוש אשר ברא אלהים לעשות. דאס הייסט מען דארף ארבייטען אויף דער וועלט. די וועלט רופט זיך עולם העשיה, א וועלט פון ארבייט, ווען אלע מענטשען וואלטען געארבייט וואלט געווען ליידיג אלע פריזאנס, עס וואלט ניט געווען קיין עלעקטריק טשער, אבער די ארבייטער דארפען האבען באסעס, די באסעס דארפען מאכען געלט צו מאכען ביזנעס, א

ע ב ר י ט י י ט ש

מלחמה קאפיטאל מיט ארבייט, קומט די תורה און רעדט צו די באסעס נאך דעם אלף בית. אידישע באסעס, גיב דיין הארץ וועלכע זוכט חסדים טובים ישר כי לך ממשלה נצור סודות עיניך פיך צדיק קשוט ראה שכינה תמיד כי זה התכלית של אדם בהאי עלמא כי לזה אדם נברא. זאגט די תורה (שופטים) תמים תהיה עם ה' אלהיך. הערט צו אידישע באסעס וואס די תורה טוט ריידען צו אייך, זייט וויסען אז אלע מענטשען פון דער וועלט זיינען דא געסט אויף א וויילע, מען קומט אהער אויף וואקיישאן צו פיקסען די נשמה מיט תורה מצות מעשים טובים, האט גאט געשטעלט צו א נסיון דעם ארבייטער מיט דעם באס, דעם ארעמאן מיט דעם עשיר. זאגט די תורה (פרשת ראה) כי לא יחדל אביון מקרב הארץ על כן אנכי מצוך לאמר פתח תפתח את ידך לאחיך לעניך ולאבינך בארצך, כי יהיה בך אביון מאחד אחיך לא תאמץ את לבבך ולא תקפץ את ידך מאחיך האביון. די תורה זאגט צו דעם באס האלט דיין ארבייטער פאר א ברודער מיט ליעבשאפט, מיט ברודער ליעבע, דו זאלט איהם טריטען ווי א ברודער, ווייל ער איז אן אביון פארגעס ניט אז דער ארבייטער איז דער בויער פון דער גאנצער וועלט. זאגט גאט איך האב איהם באשאפען פאר אן עני דאס איז זיין נסיון, ער זאל זיין א מקבל באהבה, כי לא יחדל אביון מקרב הארץ. דערנאך זאגט די תורה אפס כי לא יהיה בך אביון, רק אם שמוע תשמע בקול ה' אלהיך לשמר לעשות את כל המצוה הזאת אשר אנכי מצוך היום. די תורה זאגט אן די באסעס: אפס כי לא יהיה בך אביון, למען השם אז דער ארבייטער זאל ניט זיין קיין אביון צוליעב דיר, דו ריים ניט ארונטער די פרייזעס פון דער ארבייט, מאך איהם ניט פאר קיין עני ואביון ער וועט זיין געצוואונגען צו מאכען א יוניאן, צו מאכען סטרייקס, שטעלען פיקעטס לעבען די שעפער, עס וועט קומען צו פאלים, מיט ברוטאליטעט, מיט ארעסטען, אלץ פאר א שטיקעל ברויט. לחם לאכל ובגד ללבש, דאס איז מעשה שטן. דו האסט פארגעסען אז דער מענטש איז אויף דער וועלט א גאסט אויף וואקיישאן צו פיקסען די נשמה מיט תורה מצות מעשים טובים. גאט האט דיר געגעבען א נסיון צו זיין א באס א ביזנעסמאן, פאר-

עברי טייטש

געם ניט אַז דער מענטש לאָזט איבער אַלעם אויף דער וועלט די גאָלד מיט די זילבער, עס קען נאָך זיין אַז מען לאָזט איבער אַ גרויסע ירושה פאַר די שונאים וואָס זיי וואַרטען אויף דיין טויט, די גמרא זאָגט : אויבי איש אנשי ביתו, די שונאים פון דעם מענטשען זיינען די אייגענע פריינד פון זיין הויז.

די אַרבייטער און די באַסעם דאַרפען געהן צוזאַמען מיט דער תורה, זי איז דער בעסטער פריינד צו אַלע מענטשען צו די געט־ליכע קינדער, שנאמר בנים אתם לה׳ אלהיכם כי עם קדוש אתה לה׳ אלהיך ובך בחר ה׳ להיות לעם סגלה מכל העמים אשר על פני האדמה (פ׳ ראה). די תורה זאָגט עס זאָל ניט זיין ביי דיר קיין אביון, נאָכדעם זאָגט די תורה אַז קיין אביון וועט ניט פעהלען. גאָט זאָגט צו דעם באַס אַז קיין אביון וועט ניט פעהלען ווייל איך באַשטים פאַר דעם מענטשען זיין שיקזאַל, ווען איך שיק אריין די נשמה אין דעם גוף ווי די גמרא זאָגט אין (נדה, דף ט״ז) שהקב״ה גוזר על האדם גבור או חלש חכם או טפש עשיר או עני, אבל רשע או צדיק לא קאמר. פון דער גמרא זעהט מען דעם אמת, אַז גאָט וועט שוין פאַרזאָרגען עניים ואביונים, אָבער גאָט וויל ניט ליידען אַז דער באַס זאָל מאַכען דעם אַרבייטער פאַר אַן אביון, דאָס איז גאָט׳ס אַרבייט. נאָך אַ פשט איז, אפס כי לא יהיה בך אביון, דו באַס ווען דו טוסט רעדען צו דעם אָרעמען אַרבייטער וואַרף איהם ניט אַרונטער נידעריג ער זאָל ניט פילען אַז ער איז אַן עני ואביון, כי הבזיון מתדבק בנפש.

יעצט איז דאָ נאָך אַ מזל ברכה אויף דער וועלט, פאַרלויפיג איז דאָס אַ קללה, אַלע פעטענם מאַשינעריי וואַרפען אַרוים די אַרבייטער פון די פאַבריקען, די גמרא האָט דאָס פאַרגעשטעלט פאַר אַ ברכה אָבער עס איז אַ קללה. די גמרא זאָגט : (ברכות, דף ל״ה) בזמן שישראל עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית על ידי אחרים :בזמן שאין ישראל עושין רצונו של מקום מלאכתן נעשית על ידי עצמן. איך האָב דאָס פאַרענטפערט אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית“ על פי רמז על פי סוד איז דאָס זעהר גוט, אָבער על פי פשט זעהען מיר אַז די אַלע ערפינדונגען אויף דער וועלט איז אַ

פרק עשרים ושלשה

תלמוד בבלי, ר"ל הגמרא שלנו כל הש"ס, התחילה ע"י רב ושמואל, רב אשי החל לסדר את התלמוד הזה, וחכמי הדור שאחריו סיימוהו, ונחתם בימי רב יוסי שהיה לראש בדור הראשון דרבנן סבוראי בשנת ד' אלפים ושני מאות ושישים שנה אחר בריאת

עברי טייטש

ברכה און אַ קללה, עס נעמט צו די אַרבייט פון טויזענטער אַרבייטער. די עצה צו דער קללה וועל איך אייך קענען געבען ווען משיח וועט קומען, דאַן וועט מיין עצה זיין גוט פאַר אַלע מענטשען, וואָרום אין דער אמת איז דאָס אַ ברכה פון גאָט. אָבער די מענטשען פאַר־שטעהען יעצט ניט דעם תכלית, דעם גליק פון די גאָטהייט. עס ווען זיין אַ ברכה ווען עס וועלען ווערען מקוים די רייד פון דעם נביא: לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי כי מלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים, זה ספר תולדות אדם אשר ברא אלהים לעשות, תיקון הגוף ותיקון הנפש. אָבער מיר אידען דאַרפען זיין די סעמפּעלס פאַר דער וועלט, עם זו יצרתי לי תהלתי יספרו. די אותיות אמצעין פאַר דעם חיי הגוף זאָלען זיין הייליגע אותיות. פאַרגעסט ניט אַז יעדער טאָג איז אַ בלעטעל פון דעם ספר תולדות אדם. מיינע ברידער, האַלט זיך שטאַרק אָן דער תורה וואָס זי רופט זיך עץ חיים היא למחזיקים בה. די נאַטור איז פון אַ בלאַט, ווען ער האַלט זיך אָן דעם בוים איז דער בלאַט גרין, ער האָט זיין קאָליר, ער האָט אין זיך לעבען, אָבער אַז די בלעטער פאַלען אַרונטער פון דעם בוים ווערען די בלעטער געל פאַרדאַרט אָן לעבען. דאָס זיינען די אידען, יעדער איד, איז אַ בלאַט פון דער תורה, עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאשר דרכיה דרכי נועם וכל נתיבותיה שלום.

נשלם עשרה מדרגות של רבי פנחס בן יאיר (ע"ז, דף כ"ב) זהירות, זריזות, נקיות, פרישות, טהרה, קדושה, ענוה, יראת־חטא, חסידות, רוח הקודש, שבח לאל בורא עולם.

העולם. שוין 1431 יאָהר אַז מיר האָבען דעם תלמוד.

רמב"ם רבנו משה בן מיימון הספרדי, נולד בקורדובה אשר בספרד בשנת ד' אלפים ושמונה מאות ותשעים וחמש שנה אחרי בריאת העולם. 796 יאָהר אַז דער רמב"ם איז געבאָרען אויף דער וועלט. נולד י"ד חדש ניסן אחרי הצהרים ערב פסח, ומת במצרים בחדש טבת בשנת 1206, ונקבר בטבריא ארץ ישראל.

הזהר הקדוש, סודות הקבלה, נתחבר על ידי התנא רבי שמעון בן יוחאי ורבי אלעזר בנו, בהיותם י"ג שנים במערה, ואליהו הנביא בא אליהם בכל יום ללמוד עמהם, והיה הזהר טמון בעמרה עד שבא ר' משה די ליאָן המקובל בשנת 1305 ומצא את הכתב-יד של הזהר בשלמות, ועל ידו נתגלה בעולם. 625 יאָהר אז דער זהר איז פאַראַן אויף דער וועלט.

מבנין בית ראשון 2756. מגלות עשרת השבטים 2486. מחורבן בית ראשון 2346. מתחילת מלכות פרס 2368. מנס פורים 2288. מבנין בית שני 2281. ממלכות חשמנאים 2081. מנס חנוכה 2080. ממלכות הורדוס 1966. מחורבן בית שני תובב"א 1862. מבריאת העולם 5691. מגלות מצרים 3453. וזה ידוע כי מן שלמה המלך עד שיצא הש"ס כל הגמרות, היה משך של 1325 שנים, וכל הספרים של הרמב"ם ז"ל משך של 1960 שנים, הזהר הקדוש נתגלה בעולם 625, 2141 אחר שלמה המלך באו כל הספרים בעולם הש"ס, ספרי הקבלה, ומורה נבוכים מן הרמב"ם ז"ל, אבל בימי שלמה היו כל הספרים אשר אנו לומדים היום בזמן הזה. והוא אמר (משלי, א') להבין משל ומליצה דברי חכמים וחידתם. כלומר שיש חכמה בדברי חכמים. וזה שאמר (קהלת) אמרתי חכמה והיא רחוקה ממני, כלומר שהוא לא ידע הטעם של פרה אדומה. ואני בסיעתא דשמיא כתבתי טעמים נפלאים על פרה אדומה, וכתבתי בספר „שנים אוחזין בטלית" את החלק של פרה אדומה למשל אַז אַ שניידער מאַכט אַ בגד, אַ מלבוש, דאַרף ער האָבען די מאַטעריאַל די וואָרע צו מאַכען קליי-דער, דאַרף מען האָבען די סחורה. אָדער אַז דער בילדער בויט אַ הויז דאַרף ער האָבען מאַטעריאַל, ער דאַרף האָבען שטיינער, ציגעל, פלאַסטער, צעמענט, האָלץ, ברעטער, אייזען, גלאָז, דאַן קען ער מאַכען אַ בילדינג, אַ פּאַלאַץ. דאָס זעלבע איז אַ מחבר וואָס שרייבט

א ספר דארף ער האָבען ספרים. גאָט האָט מיר געהאָלפען איך האָב געלערענט די גרעסטע סודות התורה אין ספרי קבלה, האָב איך בעזר השם געשריבען די גרעסטע סודות ביז רוח הקודש.

א דינסט, אלעס נאך זייערע מעשים טובים קומט אויף זיי דער רוח הקודש, די שכינה רוהט ביי זיי, און די תורה זאגט עדות אויף דעם. ביי מתן תורה וכל העם רואים את הקולות ואת הלפידים כלומר דער גאנצער פאלק זעהט די ווערטער פון גאט, שטייט ניט זיי האבען געזעהען, נאר עס שטייט אז זיי זעהען אלעמאל, עס זיינען פאראן מענשען ביי דעם עם ישראל וואס זיי זעהען אלע מאל. אין אלע דורות זיינען דא מענשען וואס זיי זעהען די שכינה. בסיעתא דשמיא, וועל איך באווייזען פאר וואס עס איז שווער צו מאנכע מענשען צו פארשטיין, וואס עס איז רוח הקודש. מעשה שהיה אין דער שטאט פאריז, אין פראנקרייך, איז געווען דער קעניג נאפאלעאן זומער אין א הייסען טאג איז ער געפארען ווייט פון דער שטאט צו א גרויסען טייך צו באדען זיך, האט ער זיינע קליידער צוגעבונדען צו זיין פערד, וואס ער האט געריטען אויף איהם, דעם פערד האט ער צוגעבונדען צו א בוים אין דעם וואלד. איז געקומען א גנב, האט צוגענומען דעם פערד מיט די זאכען. דער קעניג איז געבליבען אהן דעם פערד און אהן די קליידער, הויל, נאקעט און הונגעריג. דערנאך איז געקומען א גרויסער רעגען. דערווייל איז געווארען נאכט, פינ־סטער, ער האט ניט געוואוסט דעם וועג ווי צו קומען קיין פאריז צו זיין היים, האט ער אין דער פינסטער גאנץ ווייט באמערקט די שיין פון א לאמפ, ער איז געקומען צו א קליינער הייזקע, האט ער אנגעקלאפט אין די לאדענס, האט איהם א קליינער אינגעל פון 8 יאהר געעפענט די טיר, זאגט ער צום אינגעל: וואו זיינען דיינע עלטערען? ענטפערט דער אינגעל: געפארען נאך פאריז, זיי וועלען קומען מארגען צוריק. קענסטו מיר געבען קליידער אנצוטאן? איך בין הונגעריג און עס איז מיר קאלט. ער האט פאר איהם גע־מאכט דעם אויווען, ווארעם, אפגעבאקען בולבעס, פאטייטעס, מיט מילך מיט ברויט, ער האט מחיה מתים געווען, ער האט איהם געגעבען קליידער אנצוטאן. דערווייל איז געווארען טאג, ליכטיג. קענסטו מיר צייגען דעם וועג נאך פאריז? — זאגט ער צום אינגעל. יעס סער — זאגט דער 8 יאריגער אינגעל — איך וועל אייך צייגען דעם וועג צו פאריז. דער קעניג האט איהם געגעבען זיין וויזיט קארטע, ער

עברי טייטש

זאָגט צו דעם אינגעל בזה הלשון: אַז דיין פאָטער וועט פאָהרען נאָך איין מאָל קיין פאַריז, זאָלסטו מיטפאָהרען מיט דיין פאָטער. אַז דו וועסט זיין אין פאַריז זאָלסטו ציינען מיין וויזיט קאַרטע צו אַ פּאָליסמאַן, ער וועט דיך ברענגען צו מיר אין הויז, איך וועל דיר געבען אַ מתנה דו וועסט מיך געדענקען דיין גאַנצען לעבען. אָבער דו זאָלסט האַלטען די גאַנצע מעשה בסוד פון דיינע עלטערען. דער קעניג איז געקומען אַהיים און ער האָט געהאַט וואָס צו דערציילען, די ניסים ונפלאות פון זיין באָדען זיך, מערער פון אַלעם פון דעם אינגעל 8 יאָהר אַלט, ווי ער האָט איהם מחיה מתים געווען. אַלע מיניסטאָרען פון דעם סענאַט האָבען געוואָלט זעהן דעם קלוגען אינגעל. מיט אַ פּאָר וואָכען שפּעטער איז דער פאָטער פון דעם אינגעל, וואָס ער איז געווען דער שטראַזשניק פון דעם וואַלד, גע־דאַרפט פאָהרען נאָך פאַריז, האָט דער קלוגער אינגעל געבעטען דער מוטער אַז זי זאָל זיין אין דער היים און ער וועט פאָהרען מיט דעם פאָטער קיין פאַריז דעם ערשטען מאָל. האָט ער מיטגענומען אַ גרויסען זאַק צו מקבל זיין די מתנה וואָס ער האָט צוגעזאָגט צו געבען. ער האָט געהאַלטען בסוד די גאַנצע מעשה פון די עלטערען. ווען ער איז געקומען נאָך פאַריז איז ער אַוועק שטילערהייט פון דעם פאָטער, ער האָט געצייגט די וויזיט קאַרטע צו אַ פּאָליסמאַן. דער פּאָליסמאַן האָט איהם געבראַכט צום קעניג נאַפּאָלעאָן מיט גרוים כבוד. דער סאָלדאַט, וואָס ער שטייט לעבען דער טיר פון דעם סענאַט, האָט ביי דעם אינגעל צוגענומען דעם זאַק, וואָס ער איז גוט צו האַלטען האָבער פאַר אַ פערד. דער אינגעל האָט ניט געוואָלט געבען. מיין פאָטער נעמט אַלע מאָהל דעם זעקעל צו ברענגען אַהיים פון פאַריז בייגעל, קוכענס, קענדי, פליש, פיש, אַלע גוטע זאַכען. זאָגט דער סאָלדאַט צו דעם אינגעל: אַז דו וועסט קומען צוריק, וועל איך דיר אָפּגעבען צוריק. ער איז געווען צופרידען מיט דעם אָפּמאַך. ער איז אַריין צו דעם קעניג אין סענאַט. דער קעניג האָט איהם געכאַפּט קושען מיט גרוים ליבשאַפט. דאָס איז מיין רעטער פון הונגער, פון קעלט. ער האָט מיך געראַטעט פון אונטערגאַנג. אַלע מיניסטאָרען האָבען באַוואונדערט דעם שכל פון דעם קלוגען

עברי טייטש

קינד. דער קעניג האָט דעם קינד געוואָלט מאַכען גליקלאַך, האָט ער געפרעגט דעם סענאַט וואָס מען זאָל געבען פאַר אַ מתנה דעם קינד. צו פאַרזאָרגען איהם אויף זיין גאַנצען לעבען ווי עס פּאַסט פאַר דעם כבוד המלך. דער סענאַט האָט באַשטימט אַז מען זאָל איהם אָפּ־געבען דעם גרויסען פּאַלאַץ, וואָס עס קאָסט 5 מיליאָן דאָלער, פון די אינקאָם וועט ער מאַכען אַ לעבען בכבוד. האָט דער מלך געהייסען ברענגען די ביכער אריינצושרייבען דעם נאָמען פון דעם קלוגען קינד. ווי מען האָט געבראַכט דעם בוך אָפּצושרייבען דעם פּאַלאַץ האָט דער קינד געהייסען וואַרטען, ער דאַרף עפּעס ברענגען. איז ער גע־לאָפען צום סאָלדאַט נאָך דעם זעקעל. ער האָט עס געבראַכט, האָ־בען זיך אַלע צולאַכט. דער פּאַלאַץ אין 500 יאַרד די ליינג, און 500 יאַרד די ברייט, 10 פלאָר די הויך, ווי קען אריין אַזאַ פּאַלאַץ אין אַ זעקעל. האָט דאָס קינד אָנגעהויבען צו שרייען, אויב דער פּאַלאַץ קען ניט אריין אין זעקעל טאָ ווי אַזוי קען ער אריין אין די ביכער, דער בוך איז דאָך נאָך קלענער פון דעם זעקעל, אויך דער זעקעל איז אַ שטאַרקער און דער פּאַפּיר איז אַ שוואַכער. מיין ליב קינד, דו פאַר־שטייסט ניט קיין ביזנעס. די גאַנצע וועלט ווערט געפירט אַלץ אויף די פּאַפּיר, אַלע הייליגע ספרים ווערען געשריבען אויף פּאַפּיר, און גאָט האָט געזאָגט צו משה כתוב זאת זכרון בספר (פר' בשלח).

פרק שלישי

אחי ורעי, מיינע ברידער, פאַרשטייט איצט דעם נמשל צו דעם משל, דער מענש אויף דער וועלט איז אָנגעטאָן אין אַ גוף, אַ קערפּער, דאָס איז דער זעקעל, עס גייט אין איהם אריין עסען, טרינקען, שלאָ־פען, אַלע פאַרגעניגענס, אַלע הבל הבלים פון עולם הזה, ער ליגט טאָג ווי נאַכט און קלערט ווי צו מאַכען געלט אויף צו מאַכען אַ לעבען, וואָלט געוועהן זייער גוט, אָבער ער וויל נאָך לאָזען אַ גרויסע ירושה פאַר די יורשים און אָמאָל פאַר די שונאים. די גמרא זאָגט, אויבי איש אנשי ביתו. זיין גאַנצען לעבען ליגט ער נאָר אין גשמיות אַלע פּראָסטע זאַכען נאָר עסען און טרינקען און שלאָפען, גיין צו

עברי טייטש

גאָסט, רעדען דברים בטלים, אַלעס וואָס עס גייט אַריין אין דעם זעקעל, אין דעם חומר, וואָס ער ווערט צופוילט, ווערים וועלען איהם עסען, ווייל דער מענש ליגט צופיל אין חומר קען ער ניט פאַרשטיין וואָס איז רוח הקודש, וואָס איז די שכינה, אָבער זייט וויסען, אַז די אבות הקדושים אברהם יצחק און יעקב, משה אהרן דוד און שלמה און אַלע נביאים, אַלע תנאים, אַלע גאונים און דער אדם הנסתר פון אַלע צייטען, אָט די אַלע וואָס איך האָב פאַר אייך געשריבען, אַלע האָבען געדאַרפט מאַכען אַ לעבען, אַלע האָבען געהאַט קינדער צו שפייזען און אַלע זיינען געבאָרען פון אַ פאָטער און מוטער און נאָך אַלע זאַכען האָבען זיי געהאַט רוח הקודש, דאָס איז דער אמת׳ער תכלית פאַר דעם מענשען אויף דער וועלט. דערפאַר האָט מען געגעבען אין דער תורה די דינים פון קרבנות מקריב צו זיין דעם נפש הבהמיות, דער יצר הרע, הייסט נפש הבהמיות, די אייגענע בהמה דער בעל הבית דאַרף זיין די נשמה ניט דער גוף, דער קערפער. אין דעם זינען זיינען מיר גלייך צו אַלע חיות, נאָך אפשר ערגער פון אַלע חיות פון דער וועלט, ווייל די חיות וואָס זיינען פון דעם זעלבען סאָרט פון איין מין טוהען ניט קיין שאָדען איינער דעם צווייטען, די בהמה וועט ניט הרג׳ענען די צווייטע, דער פערד וועט ניט טויטען דעם צווייטען, ער איז זיינער אַ ברודער, דער וואָלף וועט ניט פאַרצוקען דעם צווייטען וואָלף, ער פילט אַז ער איז זיינער אַ ברודער, דער בער, דער לייב, דער נחש, דער שלאַנג, וועט ניט בייסען דעם צווייטען שלאַנג, ער איז זיינער אַ ברודער, קיין חיה וועט ניט טאָן קיין שאָדען דער צווייטער חיה, וואָס איז פון דעם זעלבען מין, ער פילט צו איהם אַ פריינדשאַפט, ער איז זיינער אַ ברודער, די חיות האָבען ניט קיין שכל און ניט קיין תורה און קיין דין וחשבון דאַרפען זיי ניט אָפּגעבען און דאָך בּאַהאַנדלען זיי גוט איינער דעם צווייטען. דער מענש האָט שכל און גאָט האָט איהם געגעבען אַ תורה מיט מצוות און ער דאַרף אָפּגעבען דין וחשבון, וואָס זעהען מיר טאָגטעגליך? גנבה, גזלה, עולות צו פאַרשעמען איינער דעם צווייטען, צו שרעקען איינער דעם צווייטען, דאָס איז ביי זיי אַ קלייניגקייט, ער רופט דאָס „פאַן“, ער מאַכט פאַן מיט יענעמס בלוט פאַרגיסען. אַז

עברי טייטש

דוד המלך האָט געמאַכט דעם תהלים האָט ער אָנגעפאַנגען מיט דעם נוסח „אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב". דעם גאַנצען תהלים האָט זיך דוד באַקלאָגט אויף די שלעכטע מענשען, ערגער פון אַלע חיות, הן אין פּרט, הן אין כלל. מלחמות דער באָס מיט דעם אַרבעטער, דער אַרבעטער מיט דעם באָס, יוניענס מיט סטרייקס מיט לאָקאוטס מיט סקעבס מיט פריזאָן מיט גענגסטערס, דאָס איז מלחמות אין פּרט פאַר דעם שטיקעל אָרעמען ברויט. יעצט קומט די מלחמות פון דעם כלל, פון לאַנד צו לאַנד, גרויסע אַרמייען סאָלדאַטען, מיט קריג-שיפען מיט האַרמאַטען, מיט באָמבעס פון עראָפּלאַנס, מען באַפאַלט איינער דעם צווייטען מיט געווער, ניטאָ קיין רחמנות, ערגער פון אַלע חיות, מיט די גרעסטע אכזריות. פרעגט ביי זיי, פאַרוואָס טוט איהר דאָס, צו וואָס דאַרף מען מאַכען קריפּעלס, אלמנות יתומים, וואָס קומט אַרויס דער רעזולטאַט דערפון, וועלען זיי אייך ענטפערען אַז די לאַנד האָט פּחד, מורא, ואימה, מפחיד את אנשים, איין לאַנד האַלט אין שרעקען דער צווייטער לאַנד. ביי די חיות איז פאַראַן שלום, און ביי די מענשען איז מלחמות, ווייל ער איז אַ בעל שכל און ער האָט די תורה, ער דאַרף אָפּגעבען דין וחשבון, האָט דער מענש די ענדע ערגער ווי אַלע חיות, און דער אמת איז האָט גאָט געגעבען דעם מענשען דעם שכל פון זיין טובה וועגען און גאָט האָט אין דער תורה געזאָגט נעשה אדם בצלמנו כדמותנו, דאָס גייט אויף דעם שכל און אויף דעם כח הדבור, אויף דעם מענשענס שפּראַך. די כונה פון גאָט איז געוועזען אַז דער מענש מיט זיין כח הדבור און מיט דעם כח השכל זאָל ער טאָן גוטעס מיט גאָט און מיט לייטען, ווי דוד המלך האָט געזאָגט: תהלת ה' ידבר פי, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען, אַז מיין מחשבה מיט מיין ריידען וועט זיין נאָר פון גאָט ענדיגט ער דעם פסוק ויברך כל בשר שם קדשו לעולם ועד, דאָס מיינט, אַז דער מענש וועט לויבען גאָט אַלע צייט, וועט קומען אַ ברכה צו אַלע מענשען פון דער גאַנצען וועלט, דאָס וואָס איך האָב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" פון די 4 כתות אשר אין מקבלות פני שכינה: כת חנפים, כת שקרים, כת מלבין, כת לצים, דאָס איז

עברי טייטש

דער שלעכטער מלאך חשמ"ל, דער מענש פאַרלירט זיין עוה"ב ,אַלעס מיט זיין שלעכטען צונג, וואָס ער רעדט לשון הרע, פאַרוואָס איז דאָס ערגער פון אַלע עבירות חטא, פשע, עון. אויף אַלע עבירות קען דער מענש טאָן תשובה חוץ אויף לשון הרע, דאָס איז די גרעסטע עבירה, ווייל זיי דערצאָרענען גאָט און לייט.

האנשים האלו מקניטים הבורא יתברך וידמו כמו שנותן לו המלך לבוש מלכות וילבישהו לחמורו או לכלבו, דאָס איז גלייך ווי דער קעניג האָט געגעבען זיין באַדינער, זיין משרת, דעם לבוש פון דעם מלך, דעם קאָסטיום, דעם בגד, פון דעם מלך אַ מתנה ער זאָל דאָס טראָגען, דעם קעניג'ס קליידער, ווען ער קומט צום קעניג צו באַדינען יעדען טאָג זאָל ער קומען אין דעם קעניג'ס קליידער וילבישהו לחמורו או לכלבו, דער עבד פון דעם קעניג האָט אָנגעטאָן איין טאָג דעם חמור דעם אייזעל דעם פערד, דעם צווייטען טאָג האָט ער אָנגעטאָן דעם קעניג'ס קליידער דעם כלב, דעם הונט, מיט דעם איז ער געקומען פאַר דעם מלך, פרעגט ביי איהם דער קעניג: וואו זיינען מיינע קליידער וואָס איך האָב דיר געגעבען אָנצוטאָן, ווען דו וועסט קומען צו מיר? האָט ער אים געוויזען: אַמאָהל טראָגט זיי דער פערד, דער אייזעל, אַמאָהל טראָגט דיינע קליידער דער הונט, דער כלב. איז דער קעניג געוואָרען אין כעס, האָט ער אים פאַר'משפט צום טויט, ווייל ער איז מורד במלכות, חיב מיתה.

דאָס זאָגט די גמרא (אין סוטה דף מ"ב) די 4 כתות האָבען ניט קיין עוה"ב, כי הש"י נתן הדבור לאדם לקשט ולתאר בו הפה בדברי תורה ולהדריך העם בדרך ה', גאָט האָט געגעבען דעם דבור צו לערנען תורה צו מצוות, מעשים טובים מיט זיין חבר, און זיי האָבען אָנגעטאָן די מתנה פון גאָט דעם כח הדבור דעם גוף, וואָס ער רופט זיך חומר — אייזעל, אָדער דער מויל וואָס רעדט לשון הרע, וואָס ער רופט זיך כלב, הונט. ווי דוד זאָגט אין תהלים: כי סבבוני כלבים עדת מריעים הקפוני.

אַלע חכמים האָבען איינגעשטימט אויף דער גמרא (בבא מציעה דף נ"ט) המלבין פני חברו ברבים אין לו חלק לעולם הבא, כי הטומאה

עברי טייטש

רודפת את הקדושה וכתבתי על האבנים את כל דברי התורה הזאת באר היטב, היטב בגימטרי' שם הוי"ה כ"ו 26, כלומר את הספר הזה כתבתי לשם ה'.

פרק רביעי

כתיב החיים והמות ביד הלשון, דער לעבען און דער טויט איז אין דער האַנט פון דעם צונג, פון דעם דבור. ווען גאָט האָט באַשאַפען די וועלט האָט ער דעם מענשען באַשאַפען צום לעצטען כדי דער מענש זאָל ניט זאָגען אַז ער האָט איהם געהאָלפען צו באַשאַפען די וועלט און ער זאָל אָפּלערנען אַ מוסר השכל פון די חיות. די גמרא אין שבת (דף ע"ח) שלשה כל זמן שמזקינין מוסיפין גבורה ואלו הן: דג, נחש, וחזיר, נראה זאת ללמוד בזה מוסר לבני אדם שלא יהא להוט אחרי תאוות ריבוי מאכלים הטובים ומתוקים כדי להרבות כחו לעת זקנתו. לזה מביא מאלו ג' שהם אוכלים ושותים מאכלים קלים ושפלים שבעולם כמו דג שעיקר כחו וגבורתו מהמים ונחש עפר לחמו וחזיר הנובר באשפה ואף על פי כן לעת זקנתו גבורתו מתחזקת. אַלע זאַכען אין דער וועלט ווען זיי ווערען אַלט ווערען זיי שוואַך, אַן אַלטע הויז, אַן אַלטער בוים, אַן אַלטער מאַן, אַן אַלטער בגד, ביי מענשען, ביי חיות אַז מען ווערט אַלט ווערט מען שלאַף חוץ די 3: אַ פיש, אַ שלאַנג און אַ חזיר — צו באַוויייזען דעם מענשען, אַז מען דאַרף ניט זיין להוט נאָך גוטע שפּייז כדי צו זיין שטאַרק, געזונט אויף דער עלטער. דער פיש זיין גאַנצער כח איז פון דעם וואַסער, דער שלאַנג זיין כח איז פון דער ערד, זיין גאַנצער עסען איז ערד, דער חזיר עסט מיסט, די אַלע 3 וואָס זיי ווערען עלטער ווערען זיי שטאַרקער, געזינטער. דאַרף דער מענש נעמען אַ מוסר השכל אַז ניט פון גוט עסען איז מען געזונט אויף דער עלטער, נאָר אַלעס איז מיט השגחה פון דעם הימעל, פון דעם באַשעפער. מיר זעהען אַלטע אָרימע מענשען שוין צו 80—90 יאָהר זיינען געזונט, שטאַרק, האָבען געלעבט אַן אָרימען לעבען. מיר זעהען רייכע לייט, לעבען אין ראָס-קאָש מיט אַלע פלעזשור און שטאַרבען גאָר יונגערהייט. אויך אַלטע גבירים זיינען שלאַף, קענען ניט שטיין אויף די פיס, ווייל אַלעס איז בהשגחת הבורא פון דעם באַשעפער.

פרק חמישי

דג ונחש וחזיר יש מוסר השכל כי אמרו חכמים כל אסורים בטל בששים כל התאוות של אדם אם הם באים לאחר ששים שנה בטלים כל התאוות חוץ משלשה: דגים הגדול בולע את הקטן וכן האדם הגדול בולע את הקטן במסחר, ונחש זה בעל לשון הרע הולך רכיל אין חוזרים בתשובה כי יצר הרע אומר לו כי מצוה לדבר עליו לשון הרע כך וכך הוא עשה, וחזיר. כל החיות והבהמות שבעולם הם מקבלים ונותנים חוץ מחזיר שהוא מקבל הרבה ואין נותן כלום עד אחר מותו, כמו החזיר כך יש אדם קמצן שהוא מקבל הרבה ואין נותן כלום עד אחר מותו כמו החזיר. שלשה כל זמן שמזקינין מוסיפין גבורה.

ע ב ר י ט יי ט ש

די חכמים האָבען געזאָגט אַז אַלע אסורים ווערען בטל בששים אַז אַ מענש קומט צו 60 יאָהר ווערט ער בטל פון אַלע תאוות חוץ פון די 3: פיש, דער גרויסער פיש שלינגט איין דעם קליינעם פישעל, דער מענש דער גרויסער ביזנעסמאַן שלינגט איין דעם קליינעם ביז־נעסמאַן, דער שלאַנג הערט ניט אויף צו בייסען אויף דער עלטער, דער בעל לשון הרע הערט ניט אויף צו רעדען לשון הרע אויף דער עלטער, דער יצר הרע זאָגט צו איהם: עס איז אַ מצוה צו רעדען אויף דעם לשון הרע, אַזוי און אַזוי האָט ער געטאָן. אַלע חיות פון דער וועלט נעמען פון דער וועלט און זיי גיבען צו דער וועלט, די בהמה נעמט גראָז און גיט מילך, די הון, די טשיקען, זי נעמט קער־נער און גיט אייער, דער פערד, דער אייזעל, זיי נעמען היי, האָבער און זיי גיבען זייערע כחות פאַר דער וועלט, חוץ דער חזיר נעמט אַפולע און גיט גאָרניט ביז נאָך זיין טויט. עס איז פאַראַן מענשען קאַרגע, קמצנים, נעמען פון דער וועלט אַפולע געלט, לעבען אַ גוטען טאָג און גיבען ניט קיין צדקה ביי זיין לעבען. נאָך זיין טויט האָט גיט מען עפּעס אויף צדקה, אַז ער האָט שוין ניט קיין דעה צו זאָגען, אַזוי ווי דער חזיר, דאָס מיינט די גמרא שלשה כל זמן שמזקינין מוסיפין גבורה — זיי טוהען ניט קיין תשובה (שבת דף ע"ח).

פרק שישי

ועתה, קורא משכיל, דע לך שהלשון של אדם זה הסולם לעליית התורה והתפלה ולכך אתה אומר ג׳ פעמים ביום אלהי נצור לשוני מרע ושפתי מדבר מרמה, פתח לבי בתורתך ובמצוותיך תרדוף נפשי והלשון של אדם זה סולם מוצב ארצה וראשו מגיע השמימה, והנה מלאכי אלהים עולים ויורדים בו והנה ה׳ נצב עליו לקבל את התפלה וזה נקרא סולם טוב ואם אתה מדבר לשון הרע זה נקרא סולם רע ואין מקבל תפלתך, כי תפלתך נקרא מצורע מחוץ למחנה. אם יראה הכהן והנה נרפא נגע הצרעת מן הצרוע ביום טהרתו והובא אל הכהן זה הקדוש ברוך הוא שנאמר ויקחו לי תרומה מאת כל איש אשר ידבנו לבו רחמנא לבא בעי.

עברי טייטש

יעצט דו קלוגער לעזער, אחי קורא משכיל, זיי זשע וויסען, אז דער צונג פון דעם מענשען דאָס איז דער לייטער, וואָס יעקב אבינו האָט געזעהן אין חלום, דער לייטער שטייט אויף דער ערד, דער שפּיץ פון דעם לייטער גייט אַריין אין דעם הימעל, מלאכים פון גאָט גייען אַרויף און אַראָפּ, דאָס זיינען די תפלות פון דעם מענשען, אַז ער לערענט תורה ותפלה מיט זיין צונג דאָס איז אַ גוטער לייטער, דער צונג פון דעם מענשען אָבער אַז ער איז אַ בעל לשון הרע פון די 4 כתות חשמ״ל הייסען זיי מצורעים מחוץ למחנה, שקץ הוא לה׳, אַז דער כהן וועט זעהן אַז די צרעת איז געוואָרען געהיילט פון דעם קרעציגען, ער וועט תשובה טאָן, וועל איך צונעמען זיין תפלה, אַזוי זאָגט גאָט, וואָס ער איז דער כהן. שנאמר ויקחו לי תרומה פון יעדען מענשען וואָס האָט אַ גוטע האַרץ.

יעצט, מיינע ברידער, קענט איר נעמען אַ מוסר השכל פון דער ראַדיאָ. דעם ראַדיאָ האָט געפיקסט אַ מענש, אַ בשר ודם, פאַר 100, פאַר 1000 מייל הערט מען יעדען וואָרט, ווייל אין דער לופט איז פאַראַן אַ מאַגנעט וואָס ציהט צו די ווערטער, דעם קול, ווער עס רעדט אין דעם ראַדיאָ סטיישאַן, אַז אַ מענש קען דאָס מאַכען אַז מען זאָל הערען די ווערטער פאַר 1000 מייל קען דאָך השם יתברך

פרק שביעי

ודע אחי ישראל כי שפה בגימטרי׳ שכינה 385. תנו רבנן, ששה דברים נאמרו בבני אדם, שלשה כמלאכי השרת ושלשה כבהמה, שלשה כמלאכי השרת יש בהם דעת כמלאכי השרת והולכין בקומה זקופה כמלאכי השרת ומספרין בלשון הקודש כמלאכי השרת; שלשה כבהמה, אוכלין ושותין ופרין ורבין ומוציאין רעי כבהמה וזה נפש הבהמיות, אם הוא טוב נקרא בהמה טהורה ואם הוא רע נקרא בהמה

עברי טייטש

אודאי מאַכען אַזאַ פּעטען אַז דער מענש וועט לערנען, דאַוונען, דער מאַגנעט פון דער לופטען שלעפּט אַוועק די ווערטער צו גאָט. אָבער לשון הרע וויל גאָט ניט הערען, ווייל אַ פּאַטער האָט ניט ליעב אַז מען רעדט אויף זיינע קינדער שלעכטעס, אויך איז ער מטמא לה׳ זיין מויל מיט זיין צונג מיט די ליפּען. אַלע אברים פון דעם מענשען ווע־רען טמא, קיין ערגערע עבירה ווי לשון הרע איז ניטאָ אויף דער וועלט. די תורה רופט איהם מצורע, ער האָט ניט קיין עולם הבא. אַ מוסר השכל פון דער ריידיאָ: ווען די אידען האָבען גערעדט לשון הרע אויף משה רבנו זיינען אויסגעשטאָרבען טויזענטער מענ־שען פון די שלאַנגען וואָס גאָט האָט אויף זיי אָנגעשיקט. די שלאַנגען האָבען זיי געביסען, מדה כנגד מדה, האָט משה רבנו געמאַכט אַ קופּערנעם שלאַנג, האָט אים אויפגעהאַנגען אין דער לופטען, ווייל קופּערנע דראָטען האָבען אַ מאַגנעט, דער שלאַנג האָט דערציילט אַלעם וואָס זיי האָבען גערעדט אויף גאָט, אויף משה, האָבען זיך אַלע דערשראָקען און האָבען תשובה געטאָן. נעמט מיינע ברידער, אַ מוסר השכל, אַז דער וואָס רעדט לשון הרע איז גלייך צו אַ שלאַנג, וואָס ער טויטעט דעם מענשען מיט זיין בייסען און דוד המלך ע״ה אין תהלים רופט ער איהם כלב, הונט.

זיי וויסען, מיין טייערער ברודער ישראל, אַז די ליפּען פון דעם מענשען רופט זיך אין לשון הקודש שפה, און שפה איז בגימטרי׳ שכינה 385, אויב דער מענש האַלט הייליג זיינע ליפּען און ער לערענט תורה פון גאָט׳ס וועגען, ניט פאַר ביזנעס, נאָר לשמה,

טמאה, ועתה אם האדם בכח הדבור הוא דומה כמלאך ה', הוא צריך לדבר בדברי תורה, כי על זה נתן הקדוש ברוך הוא את התורה לדבר בם בשבתך בביתך ובלכתך בדרך ובשכבך ובקומך וזה יהיה טובת האדם כי על זה היה בריאת העולם בשביל התורה כי בריאת בגימטרי' תרי"ג מצוות, 613, והאדם נקרא עולם קטן והעולם הגדול נברא בשביל האדם שהוא עולם קטן.

עברי טייטש

רוהט אויף איהם די שכינה, בסיעתא דשמיא וועל איך אייך באווייזען דעם גאנצען פלאן פאר וואס השם יתברך האט באשאפען די תורה מיט די מצוות פאר דעם מענשען ער זאל מקיים זיין פאר זיין טובה וועגען. כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, איך וועל אייך זאגען בדרך משל: אמאל איז געווען אין א לאנד א מלך של חסד, א גוטער קעניג, האט ער געזעהן אין זיין מדינה עניים, אביונים, קבצנים, ער האט געהאט מיט זיי גרוים מיטלייד, רחמנות, זאגט ער צו זיי בזה הלשון: מיין ווילען איז צו טאן מיט אייך גוטעס, חסד ורחמים, איך וועל אייך געבען אלעמען פעלדער מיט זרעים פון אלע תבואות, פון בוימער וואס עס וועט וואקסען אויף זיי פירות צום עסען, אויך בוימער פאסטע צו בויען הייזער צו וואוינען אין די הייזער, איך וועל מאכען אין די פעלדער בייטען צו זייען אבער בתנאי אז איהר זאלט מאכען א פלאץ, א חדר פאר מיר, ווי עס פאסט פאר דעם קעניג, אבער איהר זאלט ניט זיין פוילע צו אקערען די פעלדער, גערטנער צו פלאנצען בוימער מיט די בעסטע פירות, צו בויען הייזער מיט די שיינע חדרים און פאר דעם קעניג א חדר ווי עס פאסט פאר דעם מלך, ריין פון אלע שמוץ. עס זיינען געווען חכמים, פלייסיגע מענשען, ניט קיין פוילערס, זיי האבען געבויט פאלאצען, געפלאנצט וויין-גערטנער, פארזייט די פעלדער מיט אלע גוטע זרעים, געמאכט שיינע פארקס, א שיינעם צימער פאר דעם מלך. אז דער קעניג איז געקומען צום באזוך האט ער זיך זייער געפרייט מיט די חכמים, ער האט געהאט דעם גרעסטען נחת רוח פון זיין פלאן — אלע גבירים, אלע געזונט, אלע צופרידען מיט דעם קעניג, דער קעניג איז צופרידען מיט זיינע מענשען. ער האט זיך געפרייט מיט זיי, האט ער זיי געגע-

עברי טייטש

בען גרויסע מתנות, פרעזענטען, זיי האָבען געטאָן דעם רצון פון דעם מלך. אָבער עס זיינען געוועזען אַפּולע מענשען נאַראָנים, פוילערס, זיי האָבען די צייט פאַרבראַכט אין נאַרישקייט, זיי האָבען ניט געאַקערט, ניט געזייט, ניט געפלאַנצט, אויף די פעלדער איז אָנגעוואַקסען דערנער, גרויסע שטיינער, אונטער די שטיינער איז אָנגעוואַקסען שלאַנגען, עקדישען, מזיקים. דער מלך איז געקומען צו זיי, ער האָט דערזעהן די אַלע צרות, עניות, דערנער, שטיינער, שלאַנגען, עקדעשען מזיקים, פאַר דעם קעניג איז ניט געווען קיין פלאַץ צו זיין דאָרטען איין סעקונדע, איז דער מלך געווען בצער גדול, ער איז געוואָרען טרויעריג, זאָגט דער מלך צו זיינע עבדים, איך האָב געגעבען צו אַלעמען גלייכע פעלדער, די חכמים פון זיי האָבען געאַקערט, געפלאַנצט, געבויט פּאַלאַצען, געמאַכט פאַר מיר אַ חדר ווי עס פּאַסט פאַר מיין כבוד, איך האָב ביי זיי אַ מקום מנוחה, זיי האָבען געטאָן מיין רצון, איך וועל זיי געבען גרויסע מתנות, און די טפּשים, די נאַראָנים, די פוילערס, וואָס אויף זייערע פעלדער איז אָנגעוואַקסען דערנער, גרויסע שטיינער מיט גרויסע שלאַנגען מזיקים זיי האָבען מיר אָנגעטאָן גרויס צער, זיי האָבען ניט געטאָן מיין ווילען, דער דין און דער שכל גיט מיט אַז מען דאַרף זיי באַשטראָפען, מורד במלכות חייב מיתה, וכן הדין.

פרק שמיני

ועתה, קורא משכיל, נלך אל הנמשל, דו זאָלסט וויסען, כי המלך זה הקדוש ברוך הוא, גאָט איז דער גוטער קעניג, די עניים די קבצנים דאָס זיינען די נשמות, זיי זיינען באַשאַפען געוואָרען מששת ימי בראשית. זיי זיצען אין גן עדן, אַ פּלאַץ פון תענוגים אבער דאָס הייסט נהמא דכסופא, אומזיסטע קעסט, ניט קיין פאַרדינטע צדקה, חסד ביי דעם פאָטער אויף קעסט, בעטלער ברויט, איז דאָך שענער און בעסער אַז מען פאַרדינט אייגענע פאַרמעגען, אַליין, האָט געזאָגט דער מלך של חסד, הקדוש ברוך הוא, צו די עניים, די נשמות, אני נותן לכם חלק מן השדה, איך וועל אייך געבען אַ חלק מן השדה

עברי טייטש

פון דעם פעלד, דאָס איז דער גוף, גאָט האָט באַשאַפען דעם מענשען פון דער ערד, האָט אַריינגעבלאָזען אַ נשמה פון לעבען, דער גוף דאָס איז דער חלק פון די פעלדער. איך וועל אייך געבען אַלע זרעים פון תבואות, דאָס זיינען די מצוות, מעשים טובים — די בוימער, די תורה רופט זיך עץ חיים, מיט גוטע פירות אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קימת לעולם הבא, כבוד אב ואם, גמילות חסדים והשכמת בית המדרש שחרית וערבית, והכנסת אורחים וביקור חולים והכנסת כלה והלוית המת ועיון תפלה והבאת שלום בין אדם לחברו ותלמוד תורה כנגד כולם. איך וועל מאַכען אין אייער פעלד בייטען, זייען, דאָס איז דער גוף, די בייטען אַלו רמ״ח אברים ושס״ה גידים פון דעם גוף, די זרעים דאָס זיינען רמ״ח מצוות עשה ושס״ה לא תעשה, דאָס זיינען תרי״ג 613 מצוות כנגד האברים וגידים של האדם אָבער בתנאי איהר זאָלט מאַכען אַ חדר לשמי פון מיינעט וועגען, זה הלב, דאָס איז די האַרץ פון דעם מענשען, ער זאָל האָבען גאָט אין האַר־צען, דאָס איז דער משכן לשכינה, ועשו לי משכן ושכנתי בתוכם, איהר זאָלט מאַכען פאַר מיר אַ משכן צו רוהען, פאַר מיר, דאָס איז די מענשליכע האַרץ,ויטש משכן שלו אהל שכן באדם, אָבער זייט ניט קיין פוילערס, בשדה, דאָס איז דער קערפער, לחרוש צו אַקע־רען, צו יעטען, אויסצורייסען די שלעכטע מדות, זיטען, צו פאַרזייען גוטע מדות, איהר זאָלט זיין עשירים, רייכע לייט, זה מדות טובות, וכן עשה המלך של חסד, והיה מן העם חכמים זריזים, ראשית חכמה יראת ה׳, זיי האָבען געדינט גאָט מיט דעם גאַנצען האַרצען, געבויט הייזער, באַלאַנגט צו ישיבות, תלמוד תורות, בתי מדרשים, געהאָל־פען אָרימע פריינד, געגעבען צדקה, דאָס זיינען די פאַלאַצען פון מלכים, געהיט דעם צונג פון צו רעדען לשון הרע, געהיט דעם מויל פון די 4 כתות חשמ״ל, חנפים, שקרים, מלבין פני חברו ברבים, ניט פאַרשעמען קיין מענשען, קיין ליצנות, כת לצים שהם מטמאים את הנשמה ואין מקבלים את השכינה, געהיט דאָס האַרץ פון שנאת חנם, צו ליבען אַלע מענשען, דן זיין אַלעמען לכף זכות, די מענשען זיינען בעלי רוח הקודש, ער איז פאַראַן אין אַלע צייטען, בכל דור ודור והוא אדם נסתר, ונטיעות של גנים ופרדסים שהם

פרק תשיעי

אבל היו בהם טפשים ועצלים ועזבו את השדה הפקר ולא חרשו ולא זרעו והם עניים ודלים ובשדה עלה שמה דרדרים וקוצים חוחים ואבנים גדולים ומתחת האבנים היו שם נחשים ועקרבים מזיקים וזה מדות רעות שהם מלשינים ודוקרים את הצדיקים ונושכים אותם בחרב שבפיהם ובלשונם והם מד' כתות אשר אין מקבלות פני השכינה ואין להם חלק לעולם הבא (סוטה מ"ב).

ע ב ר י ט י י ט ש

לומדים את התורה על דרך הפרד"ס, קבלה, מיט אלע פירות זה כל הסודות פון דער תורה פון קבלה, והם עשירים מיט מדות טובות, און אז דער מלך קומט צו אזעלכע מענשען צו גאסט, ער פרייט זיך מיט זיינע גוטע קינדער ונותן להם מתנות גדולות והם עשו למלך נחת רוח. זה עשו דאס האבען געטאן די חכמים, די פלייסיגע, והשכינה שורה עליהם, והם בני עליה והם עושים באהבה רצון קונם.

די גמרא זאגט (סוטה מ"ב): אבער עס זיינען געווען נאראנים פוילערם וואס האבען פארלאזען די פעלד הפקר ניט געאקערט, ניט גע־זייעט, ניט געפלאנצט קיין בוימער מיט גוטע פירות. אויף די פעלד אנגעוואקסען שטעכיגע דערנער, גרויסע שטיינער מיט גרויסע שלאנ־גען וואס בייסען ארענטליכע מענטשען, עקדישען מזיקים. דאס זיי־נען שלעכטע מדות שלעכטע צינגער, לשון הרע און מאכען מחלוקת, רכילות נבול פה דברים בטלים אפלאכען פון געטליכע מענטשען, זיי זוכען נאר אויף מענטשען שולדען אז ער זאל קענען יענעם פאר־שעהמען, ער איז אליין א פוסטער מענטש אן תורה אן מדות. ווי די תורה זאגט טמא טמא אקרי זיי זיינען גרויסע עניים אביונים אן תורה אן מצות אן מעשים טובים, אזוי ווי דער געמבלער פארשפילט זיין געלט אין קארטען אזוי איז דער נאר טאמער האט ער א מצוה טוט ער רעדען לשון הרע מביש זיין חבר נעמט יענער ביי איהם צו זיין עולם הבא, און דער מלך האט ניט ביי איהם קיין פלאץ אין זיין הארצען ווייל זיין הארץ איז פול מיט קנאה. שנאה, כעס תחרות

וזה כונת חכמים כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא, דאָס איז די נשמה שהיא חלק אלהי ממעל און דער גוף איז דער חלק פון די פעלד עפר מן האדמה. דער קלוגער טוט גוטעס מיט דעם חלק מיט דער נשמה אָבער דער נאַר דער רשע טוט שלעכטעס מיט דער נשמה. וזה דומה למלך שנתן את הלבוש לעבדו מתנה לעמוד לפני המלך עם הלבוש שנתן לו והעבד לבש את הלבוש מתנה של המלך על הכלב והכלב הוא נושא את הבגד של המלך והוא נושך בשניו את האנשים, וזה המשל על בעלי לשון הרע, כי המלך הקדוש ברוך

עברי טייטש

הוא מכנים צלם בהיכל קדש קדשים, די שכינה מוז אָפּטרעטען פון דעם נאַר. והיה המלך בצער גדול, ויתעצב על לבו של אדם רע המדות. דער מלך האָט גרויס צער פאַר די שלעכטע האַרץ פון דעם נאַר זאָגט דער מלך צו זיין עבד איך האָב געגעבען צו יעדען איינעם אַ חלק פון מיין פעלד, דאָס איז דער גוף עפר מן האדמה, די חכמים פון זיי האָבען געאַקערט געזעהט געפלאַנצט תורה מצות מעשים טובים גוטע מדות צו גאָט און צו לייט, די עשר מדרגות פון רבי פנחס בן יאיר (ע"ז, דף כ"ב) זהירות, זריזות, נקיות, פרישות, טהרה, קדושה, ענוה, יראת-חטא, חסידות, רוח-הקודש. די אַלע ראשי תיבות ז'ז'נ'פ'ט'ק'י'ע'י'ח'ר בגימטרי ישראל 541. דער מענטש וואָס האָט די אַלע מעלות ביז רוח הקודש די שכינה רוהט אויף איהם, אָבער דער נאַר דער רשע מאַכט פון איהם חוזק, ווייל די טומאה האָט פיינט די קדושה. דאָס איז דער סוד פון דעם אדם הנסתר די 4 כתות חשמל, חנפים, שקרים, מלבין, לצים. זאָגט דער מלך צו זיינע עבדים דער נאַר האָט מיר אָנגעטאָן צער און ער טוט נאָך אָן צער צו מיינע בעסטע קינדער, ער איז מורד במלכות והמורדים במלכות חייב מיתה, וכן הדין.

דאָס איז גלייך צום משל, וואָס איך האָב געשריבען וועגען דעם קעניג האָט געגעבען זיינע בגדים צו זיין משרת אָנצוטאָן. ווען ער וועט קומען פאַר דעם קעניג צו באַדינען דעם קעניג. האָט דער נאַרישער משרת אָנגעטאָן דעם בגד פון דעם קעניג אויף זיין כלב אויף דעם הונט. דער כלב האָט אַלעמען געביסען, טראָגענדיג דעם

הוא נתן לאדם מתנה את כח הדיבור ללמוד תורה ולהתפלל, כמו שנאמר ה׳ שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך. כי הדיבור הוא לבושו של מלך הקדוש ברוך הוא והוא מבזה את המתנה של המלך עם הדבור הוא עושה מחלוקת, מדבר על ה׳ ועל משיחו והוא מאבד את עולם הבא. כי טוב הוא לו שהיה אלם כי הוא נקרא מצורע, מוציא רע על חברו, מחוץ למחנה מושבו.

פרק עשירי

אדם כי יקריב קרבן לה׳ מכם, זה נפש הבהמיות כל התאוות של האדם מעכבים את האדם להשיג את רוח הקודש, וזה אשר רמזה התורה בפ׳ הקרבנות, שצריך להקריב לפני ה׳ בלא מום. ג׳ כחות יש באדם כח המחשבה, כח הדבור, כח המעשה. ויש לו בחירה לעשות טוב או רע. אדם כי יקריב, כלומר צריך להתקרב אל ה׳ בשלשה כחות הללו. לפיכך התחילה התורה בקרבן עלה, כי קרבן עלה מכפר על הרהור עברה על מחשבות רעות, וקרבן חטאת על השגגות הן בדבור והן במעשה שלא בכונה, וקרבן אשם לכפר על עון פשע, כלומר על חטא ברור שהיה במזיד הן בדבוד והן במעשה. אבל אנו יודעים שהקדוש ברוך הוא שנא את הקרבנות. אם ה׳ אוהב את הקרבנות מדוע לא התיר להקריב קרבנות בכל מקום בכל העולם. מדוע לא צוה ה׳ על מצות קרבנות בכל מקום בכל זמן כאשר

ע ב ר י ט יי ט ש

מלבוש האָט ער אַלעמען געביסען. דאָס איז דער שלעכטער צונג, ווייל גאָט האָט געגעבען די מתנה דעם כח הדבור צו לערנען תורה, צו דאַוונען, צו טרייסטען דעם אומגליקליכען, נאָר צו אַ מצוה טאָן דאַרף דער מענטש עפענען די ליפען ה׳ שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך. און דער וואָס מאַכט אָן מיט זיין צונג מחלוקת, צרות, צער, צו גאָט און צו מענטשען, רופט איהם די תורה מצורע מוציא רע על חברו, מחוץ למחנה מושבו. ער פאַרלירט זיין עולם הבא עס וואָלט געוועזן בעסער פאַר איהם און פאַר דער וועלט ווען ער וואָלט געוועזן אַ שטומער ניט דערצאָרענען גאָט און לייט.

צות ה׳ על השבת, ועל התפלין, ועל המילה, ועל מצות ציצית. כל התורה וכל המצות צריך האדם לקיים אותם בכל זמן ובכל עת ובכל העולם, הן בארץ ישראל והן בחוץ לארץ. זה מורה שהיו מצות הקרבנות לפי שעה. אבל יש דברים בגו, בשעה שאמר הקדוש ברוך הוא נעשה אדם בצלמנו, נתנו כל הבריאה הדומם, הצומח, והחי, נתנו חלקם למדבר האדם, והם טובים לעבוד את ה׳ לקים את התורה והמצות בכח הדומם והצומח ובעל החי.

אבל יש בהם חסרונות, השור שנגח את הפרה, וזה מורה על הגאוה, וזה עון פלילי גאוה רום לבב גבה לב תועבות ה׳ כל גבה לב (משלי) גבה עינים ורחב לבב אותו לא אוכל (תהלים ק״א) ואמרו חכמים כל הכועס כאלו עובד עכו״ם. כל המתגאה כאלו עובד עכו״ם. וזה אשר פתח כי יקריב אם שור קרבנו זה עון של גאוה שצריך האדם לשרוף את המדה הרעה של הגאוה וזה קרבן וכן יש אדם שהוא עזות פנים והוא מבזה אנשים בחנם וזה עון פלילי, כל המלבין פני חברו ברבים אין לו חלק לעולם הבא. וכן אמרו חכמים עזות פנים לגיהנם וזה עון פלילי, וזה מן העזים, כלומר העזות שצריך האדם לשרוף באש את המדה הרעה העזות. וכן מן כבשים, הכבש היא בטבע רך מלא רחמים וחלש בטבע. והאדם צריך להיות פעמים קשה-ערף עקשן, קשה כברזל למלחמת היצר הרע.

עברי טייטש

דער חסרון פון דעם שור, ער האָט צו פיעל תאוה, און צו פיעל גאוה, מיט זיינע הערנער שטעכט ער דעם חבר. דעם פעלער דאַרף דער מענטש פאַרברענען, דאָס איז דער קרבן פון דעם אָקס, דער עזות פנים איז מביש מענטשען פאַר גאָרנישט, דער קרבן רופט זיך מן העזים, עזות. ער דאַרף דאָס פאַרברענען. אויך איז פאַראַן אַ מענטש אַ שטילער אָבער ער טוט אָפּ אַלע שלעכטע זאַכען אין דער שטיל, דאָס רופט זיך מן הכבשים פון שעפּסען, ער קען ניט אָנשרייען אויף זיין יצר הרע שלאָף ווי אַ שעפּס, האַלטען מלחמה מיט דעם יצר הרע דאַרף מען זיין שטאַרק ער זאָל פאַרברענען דעם חסרון דאָס זיינען די אמת׳ע קרבנות.

אמר ר' לוי אמר ריש לקיש, לעולם ירגיז אדם יצר טוב על יצר הרע, שנאמר רגזו ואל תחטאו, וזה נקרא קרבן מן הצאן זה האדם שיש בו חסרון של הכבש והוא עובר על כל התורה משום שאין בו כח למלחמת היצר הרע, שצריך האדם להיות גבור, כמו שנאמר אזהו גבור הכובש את יצרו (פרקי אבות) שצריך לשרוף את המדה הרעה עזות. וזה מקריב האדם קרבנו מן הכבשים וכן אם האדם הוא צדיק תמים והשיג רוח הקודש אז הוא מקריב קרבן שלמים, כי הוא שלום בין אדם למקום ובין אדם לחברו. וזה התכלית ועל זה הדרך אנו מקריבים לפני ה' כל הקרבנות בכל זמן בכל עת בכל מקום, ואלו דברים של אמת.

פרק אחד עשר

ע ב ר י ט י י ט ש

צדיק ורע לו רשע וטוב לו, הרבה טעמים אני כתבתי על השאלה הזאת בספרי „שנים אוחזין בטלית", מדוע יש צדיק ורע לו ויש רשע וטוב לו. איך האָב געשריבען אויף דעם פיעל טעמים אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" אָבער יעצט וועל איך אייך געבען צו פאַרשטעהן מיט אַ משל. עס האָט געטראָפען אין אַ גרויסער שטאָדט איז געוועזן אַ גביר אַ רייכער מאַן ער האָט געהאַט 2 קינדער אַ צווילינג שמעון און לוי. זיי האָבען געלערענט אין חדר. ויהי היום איז שמעון געוואָרען קראַנק, דאָס קינד האָט ניט געגעסען קיין זאַך איז געקומען אַ דאָקטאָר, זאָגט ער צו דעם פאָטער אויב דאָס קינד איז ביי אייך ליעב און טייער שיקט איהם אַוועק אין דער קאָנטרי, די לופט פון דער קאָנטרי וועט איהם היילען בעסער פאַר אַלע רפואות, זאָל ער זיין אין דער קאָנטרי 3 חדשים צייט. דאָס איז געוועזן נאָך פסח איז שמעון געקומען מיט מזל אין דער קאָנטרי צום ישובניק, דאָס קינד האָט געזעהן נייע וועלטען, פעלדער, וועלדער, גערטנער, און פאַרשידענע זאַכען. ער האָט געפיהלט בעסער פון טאָג צו טאָג. איינמאָל זאָגט דער ישובניק צו שמעון קום מיט מיר אין פעלד איך וועל פאַרזייען בולבעס, קאַרטאָפעל, וועסטו מיר העלפען פאַרזייען די בולבעס מיט בעבעלאַך. ער האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט. ער איז געקומען אין פעלד דאָס

עברי טייטש

ערשטע מאָל אין זיינע קינדערשע יאָהרען. דער ישובניק צעאַקערט די ערד, וואַרפט אַריין די בולבעס די בעבלאַך, וואַרפט אַריין אַלעס אין דער ערד. שמעון שרייט אויפ'ן קול : משוגענער מענטש, וואָס טוט איהר ? ביי אונז אין שטאָדט קענט איהר פאַרקויפען די בולבעס מיט די בעבלאַך פאַר גוטע געלט. 5 סענט פאַר אַ פונט פאַטייטאָס און דאָ באַגראָבט איהר די בולבעס מיט די בעבלאַך אין דער ערד אריין איהר האָט ניט קיין שכל מיט דעם ווי צו האַנדלען. דער ישובניק האָט איהם קיין ענטפער ניט געגעבען, ווייל ער וועט דאָס ניט פאַרשטעהן סיידען ער וועט זיין ביז די ענדע זומער, דאַן וועט ער פאַרשטעהן דעם תכלית. אין מיטען זומער איז ער געפאָהרען צוריק אַ היים ער איז געבליבען ביי זיין מיינונג, אַז דער פאַרמער דער ישובניק איז ניט קיין קלוגער ער וואָלט בעסער געטאָן ווען ער איז דער בעל הבית פון דעם פעלד מיט די בולבעס.

עטליכע טעג שפּעטער איז דער צווייטער ברודער לוי געוואָרען קראַנק אויף דער זעלבער קראַנקהייט ווי שמעון. דער זעלבער דאָקטאָר האָט געהייסען שיקען איהם אין דער זעלבער קאַנטרי. שמעון האָט דערצעהלט לוי'ן די נאַרישקייט פון דעם ישובניק מיט די בולבעס מיט די בעבלאַך, וואָס זיי ליגען אין דער ערד און ווערען דאָרטען פאַרפוילט. ער האָט בעסער געקענט מאַכען געלט דערפון. לוי האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס ער דערצעהלט איהם ווייל ער האָט דאָס ניט געזעהן מיט זיינע אויגען. ער איז געקומען אין קאַנטרי אין חדש תמוז. ער איז געגאַנגען אויפ'ן פעלד ער האָט געזעהן גאַנצע נייע וועלטען פעלדער מיט קאָרן, הויכע זאַנגען שיינע קוסטעס פון בולבעס שעהנע שויטען מיט בעבלאַך. עס מאַכט אויף דעם קינד אַ גוטע ווירקונג, ער געהט אַלע טאָג אין פעלד צו קוקען אויף די אַלע זאַכען, ער האָט גרויס פאַרגעניגען צו קוקען אויף די שעהנע פעלדער. אין איין שעהנעם טאָג זאָגט דער ישובניק צו דעם קינד, לוי קום מיט מיר אין פעלד אַריין וועסטו זעהן ווי מען שניידט קאָרן, מען גראָבט בולבעס פון דער ערד. ער איז מיט איהם געגאַנגען אויף דעם פעלד. דער ישובניק נעמט אַ גרויסען סערפּ אַ מעסער, שניידט אַראָפּ די זאַנגען, צוגראָבט דאָס פעלד מיט די בולבעס. דאָס

עברי טייטש

קינד מיט זיין קינדערשען שכל שרייט משוגענער וואס טוט איהר אזא שעהנע פעלד מיט שעהנע זאנגען מיט שעהנע בלומלאך פון די בולבעס איהר האקט אפ זייער לעבען, איהר מאכט מיר שלעכט פילען, יעצט וועל איך ניט האבען אויף וואס צו קוקען, איהר נעמט צו פון מיר מיין פארגעניגען, איהר מאכט מיר צום וויינען, מיר איז דא יעצט ניט ליעב צו זיין. ער האט איהם קיין ענטפער ניט געגעבען, ווייל ער וועט דאס ניט פארשטעהן. ער איז נאך א קינד, דער שכל איז צו קליין צו פארשטעהן דעם תכלית פון דער וועלט.

דער ישובניק האט געטאן זעהר גוט מיט דעם זייען און מיט דעם שניידען. לוי איז געקומען א היים ער האט געהאט א שטארקען פארדרוס ביי איהם אין הארצען אויף דעם ישובניק. שמעון און לוי האבען דערצעהלט די עולות אויף דעם ישובניק מיט זיינע נאריש־קייטען. זאגט דער פאטער צו די קינדער אז דער ישובניק האט געטאן זייער גוט מיט דעם תכלית פון דער וועלט איז גוט אזוי, די צרה איז וואס שמעון איז געקומען אין אנפאנג זומער ביי דעם פארזייען, דערנאך איז ער אוועק געפארען ער האט ניט געזעהן די ענדע פון דעם זייען. לוי איז געקומען ענדע זומער ביי דעם שניידען די קארן מיט די בולבעס, ער האט ניט געזעהן דעם אנפאנג פון דעם זייען די פעלדער.

פרק שנים עשר

אחי ורעי, פארשטעהט יעצט דעם נמשל פון דעם משל. אלע מענטשען פון דער וועלט זיינען ניט צופרידען מיט דער הנהגה פון דעם באשעפער ווי ער איז מנהיג די גאנצע וועלט. יעדערער פון אונז האט א געוויסע טענה צו גאט פארוואס ער גיט איהם ניט וואס ער פארלאנגט. ווי די חכמים האבען געזאגט אין דער גמרא, אז קיין מענטש איז נאך ניט געשטארבען אז ער זאל האבען העלפט פון זיין גלוסטען, וויפיעל ער האט איז ער ניט צופרידען. האבען די חכמים איין געזעהן אז מען קען דעם מענטשען ניט שטעלען צופרידען האבען זיי געזאגט אין פרקי אבות מיט דעם לשון : איזהו

עברי טייטש

עשיר השמח בחלקו אז ער איז צופרידען מיט זיין חלק, דער איז א רייכער מאַן, הן אין געלט, הן אין געזונד, הן אין קינדער הן אין כבוד, אָבער דאָס איז ניט אין דער פּראַקטיק ווייל דער בעל יסורים קען פון דעם ניט געהיילט ווערען ווי דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט אין תהלים קרוב ה' לנשברי לב ואת דכאי רוח יושיע. זבחו אלהים רוח נשברה מרום וקדוש אשכון ואת דכאי ושפל רוח להחיות רוח שפלים ולהחיות לב נדכאים. אָבער אַלע פרעגען די פראַגע פון צדיק ורע לו רשע וטוב לו, אַלע נביאים האָבען געפרעגט אָט די פראַגע. קיין ריכטיגען ענטפער האָבען זיי ניט ערהאַלטען ווייל דאָס איז אַ לאַנגע קייט וואָס עס ציט זיך פון לאַנגע דורות אַלע חשבונות צו באַצאָהלען, אַלע וועקסלען צו באַצאָהלען ווי איך האָב בסיעתא דשמיא געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית", אז דער מענטש קען ווערען געבוירען אויף דער וועלט ביז 4 מאָל אין גילגול גילגולים דערפאַר זעהען מיר צדיקים וואָס ליידען גרויסע יסורים אויף דער וועלט, עס קען זיין אַז ער באַצאָהלט אָן אַלטען וועקסעל פון אַמאָל. מיר זעהען מענטשען בלינדע, שטומע, קאַליקעס אָן הענט אָן פיס, אָרעמע, ליידען הונגער און קעלט, ביי מאַנכע שטאַרבען די קינדער ביי זייער לעבען, עס צורייסט די האַרץ צו קוקען אויף די אַלע צרות, די קינדער צו שטאַרבען יונגע, אָדער קראַנקע קינדער, דער שמערץ פון די עלטערען איז גאָרניט צו באַשרייבען.

אָבער מיינע ברידער דער אַלטער וועקסעל דאַרף ווערען באַצאָהלט. דער ישובניק ווייס וואָס ער טוט ער זייעט אין דער צייט, ער שניידט אין דער צייט דאָס איז דער באַשאַפער פון דער וועלט ער ווייסט וואָס ער טוט. להגיד כי ישר ה' צורי ולא עולתה בו. באַשאַפט און טויטעט, וואונדעט און היילט. נאָר די סיבה איז — שמעון איז געקומען אין אָנפאַנג זומער, לוי איז געקומען ענדע זומער. דער האָט ניט געזעהן דעם אָנפאַנג ארבעט אויף דעם פעלד, פון דעם זייען, לוי האָט ניט געזעהן דעם אָנפאַנג, און שמעון האָט ניט געזעהן די ענדע פון דעם זייען אויף דעם פעלד. דער האָט געזעהן דעם זייען און דער האָט געזעהן דעם שניידען פון די זאַנגען. דאָס זיינען אַלע מענטשען פון דער וועלט מיר קומען דאַ אריין אין

ע ב ר י ט ײ ט ש

דער מיטען. מיר זעהען ניט דעם אָנפאַנג פון דער וועלט פון דער מענטשהייט און מיר זעהען ניט די ענדע פון דער וועלט פון דער מענטשהייט קענען מיר ניט פאַרשטעהן די אַלטע פראַגע פון צדיק ורע לו און רשע וטוב לו. אָבער דער ישובניק ווייסט וואָס ער טוט. ער זייעט אין דער צייט און שניידט אין דער צייט. שמעון און לוי זיינען קינדער זיי פאַרשטעהן ניט דעם ישובניק, דעם בעל הבית פון דעם פעלד פון דעם זייען מיט דעם שניידען. מיינע ברידער, דער ישובניק דער בעל הבית דאָס איז דער באַשעפער גאָט ברוך הוא, שמעון און לוי דאָס זיינען אַלע מענטשען. די פעלד איז די גאַנצע וועלט. די בולבעס זיינען די יסורים די זאָרגען פון די מענטשען. מיר פרעגן פראַגעס אויף דער הנהגה דער תירוץ איז, מיר קומען אַריין אין מיטען די אַקטען, מיר זעהען ניט דעם אָנהויב מיר זעהען ניט די ענדע פאַר דעם פרעגען מיר פראַגעס אויף דער השגחה.

פרק שלשה עשר

כל הזרעים החטים והשעורים ושבולת שועל והדגן הגדלים בשבלים, אַלע קערנער ווייץ, גערשטען, האָבער, קאָרן וואָס זיי וואַקסען אין זאַנגען, וכן כל הנטיות ועץ פרי שנותנין פירות תבואת העץ, אַלע פלאַנצונגען פון בוימער וואָס געבען פירות, מאימתי הגרגר מן התבואה או הגרגר מן העץ מתחיל להצמיח לגדול ולעשות תבואה או פירות ? פון ווען פאַנגען אָן די אַלע קערנער פון תבואה און פון די פירות צו שפּראָצען פון דער ערד ? צו וואַקסען צו תבואה און פירות ? משעה שהגרגרים מבלים ומורקבים בלועים עד שאין להם הכרה.

פון דער צייט אָן, וואָס די קערנער הויבען אָן צופוילט ווערען אין דער ערד אַז מען קען זיי ניט דערקענען, גוט פאַרפוילט, קיין סימן פון קערנער, ואז הם מתחילים להצמיח עד שנעשה שבלת קנה הדגן מן גרגר אחד. דאַן הויבען זיי אָן צו וואַקסען, פון איין קערענדעל ווערט אַ גאַנצער זאַנג. או שנעשה עץ פרי למאכל מן גרגר אחד און עס ווערט אַ גרויסער בוים פון איין קערענדעל מיט גוטע פירות.

עברי טייטש

פון דעם קערענדעל וואָס איז געוואָרען צופוילט אין דער ערד איז אויסגעוואקסען אַ זאַנג מיט קאָרן, מיט ווייץ, אַ בוים מיט פרוכט. אַלץ פון דעם קערנדעל, ווען ער איז געוואָרען פאַרפוילט אין גאַנ־צען. ער פוילט אונטען טיעף אין דער ערד און די זאַנגען די פירות וואַקסען פון אויווען אין דער הויך, שכן ברא אלהים את הטבע, אָט אַזוי האָט ג׳ באַשאַפען די נאַטור.

יעצט מיינע ברידער לאָמיר געהן פון דעם משל צו דעם נמשל. די נשמה איז דאָס קערענדעל אַ חלק אלהי ממעל פון דעם הימעל. אַ טייל פון די גאָטהייט איז די נשמה, והגוף זה הארץ עפר מן האדמה, דער גוף איז די ערד עס איז באשאפען פון דער ערד. די נשמה איז דער קערענדעל והצדיק צריך לעשות פירות זה מצות ומעשים טובים. והקדוש ברוך הוא אוהב את הצדיק וחפץ לעשות לו טובה. גאָט האָט ליעב דעם צדיק ער וויל איהם טאָן אַ טובה. קומען אויף דעם צדיק יסורים מן השמים. גאָט שיקט אויף דעם צדיק אָן יסורים און רשעים והם עושים לו צער כאב דאגה מכאבים. די רשעים און די יסורים טוען אָן דעם צדיק גרוים צער, ווייטאָג, מאַכען איהם אָן שאַנדע צרות פון אַלע זייטען. אברהם האָט געליטען פון נמרוד, יצחק פון אבימלך, יעקב פון עשו פון לבן פון שכם, משה פון פרעה דתן ואבירם פון קרח, דוד המלך ע״ה פון אבשלום און פון נאָך רשעים. כמו שאמר דוד חרפה שברה לבי. כל מקום שיש יעקב יש שם עשו. ווי עס איז דאָ אַ צדיק דאָרטען איז דאַ אַ רשע עס זאָל איהם מאַכען צער. גאָט גיט איהם יסורים צו ליידען אויף דער וועלט און אַז די נשמה ליידט, פוילט אין קערפער דער קערענ־דעל. דאָס איז די נשמה. דער גוף דאָס איז די ערד אַז ער ליידט פון די יסורים און פון די רשעים דאַן וואַקסען גוטע זאַנגען פירות אין דער הויך אין הימעל. דאָס הייסט יסורים של אהבה, ער זאָל האָבען מעהר שכר גן עדן. דאָס האָט געזאָגט דוד אשרי הגבר אשר תיסרנו יה ומתורתך תלמדנו וכן אמר שלמה את אשר יאהב ה׳ יוכיח וכאב את בנו ירצה (משלי, ג׳), ונאמר שתולים בבית ה׳ בחצרות אלהינו יפריחו עוד ינובון בשבה דשנים ורעננים יהיו להגיד כי ישר ה׳ צורי ולא עולתה בו. מפני שהיסורים והצער להצדיק כלם בשביל

עברי טייטש

הטובה, כמו שהגרגר של הדגן בלע בארץ ואז הוא נעשה שבלת למעלה, כך הנשמה בגוף אם יש לה צער ויסורים אז היא נותנת מצות ומעשים טובים למעלה. אט אזוי ווי דער קערענדעל ווערט צופוילט אין דער ערד וואקסט די זאנג אין דער הויך, אדער דער קערענדעל פון דעם בוים ווערט פארפוילט פריער אין דער ערד דאן וואקסט דער בוים און ער גיט פירות אין דער הויך, אט אזוי איז דער צדיק אויף דער וועלט ער ליידט צער יסורים פון אלע זייטען, פון גאט פון לייטען, כדי ער זאל מאכען פירות, דאס איז מצות מעשים טובים מלפנו מבהמות ארץ ומעוף השמים יחכמנו (איוב, ל"ה).

פרק ארבעה עשר

מען דארף געבען צדקה און גמילות חסדים אויף דעם האט די וועלט א קיום. מיר קענען זיך אפלערנען פון די בהמות פון דער ערד און פון די עופות השמים, קענען מיר ווערען בעלי-צדקה. דאס איז דער רצון פון דעם באשעפער פון דער וועלט. דוד המלך ע"ה האט געזאגט אין תהלים אדם ובהמה תושיע ה', צוזאמען געפארט דעם מענטשען מיט דער בהמה. וואס איז דאס פאר א גלייכען ? נאר דא ליגט א מוסר השכל. די בהמה עסט די גראז, א ביליגער מאכל. דערפאר גיט זי אפ דעם מענטשען די מילך, פוטער, קעז, שמאנט, פאר די ביסעל גראז גיט זי אפ דעם מענטשען א פולע גוטע זאכען. דאס גלייכען די ציג, דאס זעלבע אויך דער פערד. ער עסט די ביסעל היי, האבער, ער גיט אפ זיין כח פאר דעם מענטשען. דער מענטש זיצט אין וואגען דער פערד שלעפט דעם וואגען מיט דעם מענטשען, אלץ פאר די ביסעל היי מיט דעם ביסעל האבער. די שעפס עסט די גראז, זי גיט אפ די וואל פאר דעם מענטשען צו מאכען קליידער. די הון זי פיקט אין די מיסט צו געפינען עטליכע קערנער, פאר די פאר קערנער, וואס זי פיקט פון די מיסט גיט זי אפ דעם מענטשען ד אייער, אלע טאג אן איי, אלעס צו באווייזען דעם מענטשען אז מען דארף ניט לעבען פאר זיך אליין. איינמאל האבען זיך געטראפען אין פעלד די הון מיט דעם חזיר. זיי האבען זיך ביידע צורעדט פון

עברי טייטש

דער וועלט, וואס איניגע מענטשען געהט גוט און איניגע געהט שלעכט. זאגט דער חזיר הכל תלוי במזל, דאס האבען געזאגט די חכמים אז אלץ הייננט אפ אין מזל. זאגט ווייטער דער חזיר צו דער הון, אלעס איז א מזל הער זיך צו וואס מיר האט געטראפען. איך בין ביי מיין בעל הבית עטליכע יאהר, איינמאל איז א הון אריין אין דער קיך, האט זי געגעבען א שפרונג אויף דעם טיש האט זי צובראכען עטליכע גלעזער, זאגט די באלאבאסטע : דאס איז מיין אייגענע שולד, איך האב ניט צוגענומען די גלעזער אין קלאזעט. פון דעם קלאפ פון די גלעזער האב איך זיך דערשראקען. בין איך אריין זעהן וואס איז געשעהן, כאפט די באלעבאסטע דעם בעזים און גיט מיר קלעפ און זי שרייט : ארוים דו חזיר פון דער הויז. זי האט מיך צו'הרג'עט מיינעביינער געעפענט די טיר ארויסגע־טריבען מיט קלעפ מיט שאנדע. אלע האבען נאך געלאכט פון מיין מפלה. זאג איך צו דער הון דו זעהסט מיין מפלה הכל תלוי במזל. אז די חכמים האבען געשריבען דעם פרק שירה פאר אלע חיות און בהמות האבען זיי געגעבען פסוקים צו זאגען שירה, פאר מיר חזיר איז ניטא קיין פסוק אין דער שירה. דער חזיר דערצעהלט זיין ביטער הארץ פאר דער הון. האט די הון זיך צולאכט אויף דעם קול מיט א געלעכטער. זאגט די הון די גאנצע וועלט האבען ליעב א הון און האבען פיינט א חזיר, אלע מענטשען פון דער גאנצער וועלט האבען אלע ליעב א הון און פיינט דעם חזיר, אז א מענטש וויל אנזידלען זיין חבר שרייט ער אויף איהם דו ביזט א חזיר. זאגט די הון צו דעם חזיר, דו ווייסט פארוואס אלע האבען דיך פיינט און מיך האבען אלע ליעב ? דוד זאגט אין תהלים עולם חסד יבנה, די וועלט איז געבויט אויף חסד, צדקה, גמילות חסדים. גאט האט באשאפען די וועלט מיט חסד. עולם חסד יבנה, אלע חיות און בהמות און עופות טוען חסד מיט דער וועלט, איך בין אן ארעמע דארינקע הונדעלע איך מאך אן ארעמען לעבען מיט עטליכע קערנער וואס איך געפין אין די מיסט מיט דעם לעב איך דעם גאנצען טאג, דער־פאר געב איך אוועק מיינע אייער צו די מענטשען זאלען זיי האבען הנאה פון מיינע אייער. אלע טאג געב איך אן איי און דערפאר

עברי טייטש

האָבען מיך ליעב גאָט און לייט אָבער דו חזיר דו ביזט גראָב און פעט, דו עסט מעהר פון מיר, און געבען געבסטו גאָרנישט ביי דיין לעבען דערפאַר האָבען דיך אַלע מענטשען פון דער גאַנצער וועלט פיינט, און דו האָסט ניט אין דער שירה קיין פסוק. דו ביזט פאַר־האַסט ביי גאָט און לייט. זאָגט דער חזיר צו דער הון אָבער אַלע גוים עסען דאָך חזיר פלייש און די חזיר פעטס איז אויך גוט פאַר מעדי־צין, צולעגען צו אַ וואונד, טו איך דאָך צדקה מיט דער וועלט מיט אַלעמען. גוים עסען מיין פלייש, די אידען נוצען מיין פעטס פאַר מעדיצין צו אַ וואונד מאַכט דאָס ווייך, טו איך דאָך חסד מיט די מענטשען, פאַרוואָס האָבען מיך אַלע פיינט ? זאָגט די הון, מען דאַרף געבען צדקה מיט דעם אייגענעם ווילען מיט דעם גאַנצען האַרצען. בשעת מען לעבט אויף דער וועלט דאַרף מען געבען צדקה, אָבער דו חזיר דו געבסט נאָכ'ן טויט אַז דו האָסט ניט קיין דעה איבער דעם נעמען אַלע פון דיר שטיקער וויים אָבער דו אַליין ביי דיין לעבען געבסט גאָרניט דערפאַר האָבען דיך אַלע פיינט, מען דאַרף געבען צדקה ביים לעבען עולם חסד יבנה.

פרק חמשה עשר

טוב לאדם להיות ירא שמים וירא חטא, עס איז גוט צו דעם מענטשען ער זאָל האָבען מורא פאַר גאָט כמו שאמרו חז"ל אם אין יראה אין כלום, אַז מען האָט ניט מורא פאַר גאָט איז אַלע זאַכען וואָס דער מענטש האָט אויף דער וועלט, איז דאָס גאָרניט ווערט. אַלעס ווערט פאַרדאָרבען פאַרפוילט אַלע גליקען וואָס מען האָט איז אַ חלום, חלומות דמיונות נאַרישקייט, אַ קינדער שפיעל. דער באַשעפער האָט באַשאַפען די וועלט מיט דעם מענטשען צו מאַכען דעם מענטשען גליקליך. די כונה פון גאָט איז געווען אַז ער זאָל טאָן גוטעס מיט גאָט און מיט לייטען. פאַר זיין אייגענעם בענעפיט, דערפאַר האָט ער געגעבען די תורה מיט די מצות מקים צו זיין. דערצו דאַרף מען האָבען יראת שמים מורא פאַר גאָט, מען קען זיך ניט פאַרלאָזען אויף דעם כאַראַקטער פון דעם מענטשען. צו דעם

עברי טייטש

כאַראַקטער איז גוט יראת שמים. מען דאַרף טראָגען אַ יאַרמעלקע דאָס הייסט ירא מלכא צו האָבען מורא פאַר גאָט.

אַבוואָהל מיר זעהען גאַנץ אָפט מענטשען ניט קיין פרומע ניט קיין גלוביגע און דאָך טוען זיי אַ סך גוטע זאַכען מעשים טובים זיי העלפען אָרימע אונטערדריקטע, זיי האָבען גוטע הערצער אַפולע רחמנות, גוטע מדות מיט גוטע געפיהלען, אַ נייגונג צו טאָן גוטעס. דער שכל זאָגט זיי אַז מען דאַרף טאָן גוטעס מיט דעם צווייטען. דערפאַר מאַכט מען ניט קיין ברכה צו געבען צדקה, מען גיט צדקה אָן אַ ברכה, דער געפיהל מיט דעם שכל זאָגען צו דעם מענטשען אַז דו וועסט שטאַרבען וועסטו אַלעס איבערלאָזען אויף דער וועלט. אין די ווייסע קליידער איז ניטאָ קיין פאַקעטס, קיין קעשענעס, טו מיט דיין געלט גוטעס, דער שכל און די גוטע הארץ פון דעם מענטשען באַווייזט איהם צו טאָן גוטעס דערפאַר גיט מען צדקה אָן אַ ברכה, כאָטש דאָס איז די גרעסטע מצוה אין דער תורה. אָבער דאָס איז ניט גענוג שטאַרק צו פאַרלאָזען זיך אויף די געפיהלען מיט דעם שכל פון דעם מענטשען, ווי די חכמים האָבען געזאָגט אין פרקי אבות : ואל תאמין בעצמך עד יום מותך, דו זאָלסט ניט גלויבען זיך אַליין ביז דעם טאָג פון דיין שטאַרבען. אין די רייד פון די חכמים איז פאַראַן וואָס אַריין צו טראַכטען.

לאָמיר זעהען וואָס עס איז דאָ אין פרק שירה פון אַלע חיות און בהמות. די חכמים האָבען פאַרשטאַנען די נאַטור פון אַלע חיות בהמות און עופות, האָבען זיי געגעבען אַ פסוק צו יעדער זאַך פון דער גאַנצער בריאת העולם. זיי האָבען איינגעזעהן אַז דער כלב דער הונט איז געטרייער דעם בעל הבית מעהר פון אַלע זיינע באַדינטע ער איז איהם געטריי מיט לייב און לעבען, אַז זיין האַר געהט אין פעלד געהט דער הונט איהם נאָך, ער היט איהם אָפּ פון אַלע שלעכטעס. ער וועט איינשטעלען זיין לעבען פאַר זיין בעל הבית, ער ליגט די גאַנצע נאַכט אין דרויסען אין קעלט און ער היט אָפּ דעם בעל הבית פאַרמעגען, ווי מענטשען זאָגען אין שפּאַס ער איז אַ געטרייער הונט. אָבער עס איז פאַראַן גנבים וואָס מאַכען אַ לעבען פון גנב'ענען פערד. דאָס איז געווען אין אַלע צייטען, פערד גנבים

ע ב ר י ט יי ט ש

פון דעם מאכען זיי א לעבען. ווי אזוי טוט דער גנב ווען ער קומט נעמען דעם פערד פון דעם שטאל, דער הונט וועט צורייסען ער איז געטריי זיין בעל הבית מיט לייב און לעבען. האט דער גנב אן עצה, ער גיט דעם כלב א שטיק פלייש פון 20 פונט, דער הונט איז שוין זיינער, ער האט איהם אויפגעפיקסט. דער כלב מאכט זיך ניט זעהענדיג דער גנב נעמט צו א פאר פערד פון שטאל ער פארט אוועק. די גאנצע נאכט איז דער כלב פארנומען מיט די 20 פונט פלייש אויפצועסען. ער איז ביזי, ער האט אלעס אוועק געקוקט. עס איז געווארען טאג האט דער פריין זיך געכאפט אז מען האט גע'גנב'עט די פאר בעסטע פערד, האט ער גערופען דעם כלב צו א דין תורה פארוואס ער האט געלאזען די גנבים צונעמען די פערד פון דעם שטאל. דו ביזט דאך מיין געטרייער דינער אלע צייטען, פארוואס האסטו געלאזען מיך צו בא'גנב'ענען ? ווי קומט עס צו דיר ? דו האסט דאך א גוטען כאראקטער מיט גוטע געפיהלען דעם בעל הבית צו היטען פון אלע שלעכטעס, וואס איז דא היינט געשעהן מיט דיין געטריישאפט צו מיר ? זאגט דער כלב צו זיין בעל הבית, יעצט פארשטעה איך פארוואס די חכמים האבען מיר געגעבען דעם פסוק אין דעם פרק שירה צו זאגען : באו נשתחוה ונכרעה ונברכה לפני ה' עשנו. קומט לאמיר זיך בוקען קניען פאר גאט וואס ער האט אונז באשאפען, איך האב געמיינט אז איך בין א גוטער פיינער כלב א געטרייער דינער צום בעל הבית, און קיינער קען מיך ניט אפקויפען. די תורה האט געזאגט לא תקח שחד כי השחד יעור עינים של חכמים ויסלף דברי צדיקים. די גמרא זאגט אדם קרוב אצל עצמו אז א מענטש איז נאהענט צו זיך אליין מעהר ווי צו א צווייטען, דערפאר טאר מען ניט נעמען קיין שחד, קיין גרעפט, דער היטער דער שומר ווערט בלינד. מיינע ברידער, פארשטעהט וואס איך מיין מיט די ווערטער שחד. אלע ווערען בלינדע דורך דעם שחד, זאגט דער כלב צו זיין בעל הבית מענטשען האבען שכל מיט א תורה מצות און דארפען אפגעבען דין וחשבון און מען נעמט שחד. איך כלב קיין שכל קיין תורה קיין מצות קיין חשבון, קוקענדיג אויף די מענטשען קען איך אודאי נעמען שחד, גרעפט. עס איז שווער

עברי טייטש

צו זיין אַ גוטער פיינער מענטש מיט דעם כאַראַקטער אליין ביידע צוזאַמען גוטע מדות מיט יראת שמים קען ברענגען דעם מענטשען צו רוח הקודש, ווי איך האָב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" באו נשתחוה ונכרעה נברכה לפני ה' עשני. מען דאַרף טראָגען אויף דעם קאָפּ אַ יאַרמעלקע, דאָס הייסט ירא מלכא, צו האָבען מורא פאַר גאָט.

פרק ששה עשר

שובה ישראל, אַלע ספרים האָבען געשריבען וועגען תשובה. השם יתברך האָט באַשאַפען תשובה בעפאָר ער האָט באַשאַפען די גאַנצע וועלט. לאָמיר פאַרשטיין וואָס איז תשובה? איך האָב גע־שריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית", אַז דער מענש איז האַלב מלאך און האַלב חיה, די נשמה איז מלאך און דער גוף איז חיה, נאָך ערגער פון אַלע חיות. די חיה וויל נאָר איהרע באַדערפענישען הכרחיות, דער מענש וויל אָבער לוקסוס, מותרות, אַרויפאַרבייטען זיך. דערווייל גייען אַוועק די יאָהרען אין הבל הבלים, אַזוי ווי מענשען זאָגען, אַז עס קומט צום לעבען דאַרף מען שטאַרבען.

וואָס מיינט תשובה אויף אַלע שלעכטע מעשים רעים? לאָמיר פאַרשטיין מיט אַ משל פון אַ פישער. עס האָט געטראָפען אַ מעשה שהיה, אַ פישער האָט געפאַנגען פיש, האָט ער באַמערקט אין דעם וואַסער אַ גרויסען וואַל פיש פון 500 פונט אומגעפער, האָט ער באַרעכענט, צו וואָס טויג איהם צו פאַנגען קליינע פישלאַך, וואָס איז אַ שאָד די צייט צו פאַנגען די קליינע פישלאַך, ער וועט זיך בעסער אָנשטרענגען אַריינצוכאַפען אין דער נעץ דעם גרויסען וואַל פיש. האָט ער אָנגעפאַנגען צו זוכען מיטלען ווי אַזוי אַרויסצושלעפען דעם וואַלפיש פון דעם וואַסער. ער וועט מאַכען געלט פון דעם גרויסען פיש. ער האָט אַריינגעוואָרפען דעם נעץ מיט גוטע זאַכען און ער אליין האָט צוגעבונדען אַ גראָבען שטריק צו דעם נעץ, דעם צווייטען זייט שטריק האָט ער צוגעבונדען צו זיין קערפער ווי אַ גאַרטל אַרום זיך. עס האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ מלחמה, דער פיש אין דעם

עבריטייטש

נעץ שלעפט דעם פישער און דער פישער שלעפט דעם גרויסען פיש צו מאַכען געלט. דער פיש שלעפט איהם אין וואסער צו דער־טרינקען, און דער פישער שלעפט איהם אויף דער יבשה צו מאַכען געלט. אויף אַ גרויסען באַרג פון ווייטען האָט אַ מענש דערזעהן די גאַנצע סצענע, וואָס דאָ קומט פאָר, ער האָט באַקומען רחמנות אויף דעם פישער, שרייט ער מיט אַלע כחות: איך זעה אַז דו האָסט אַ שאַרפען מעסער, שנייד איבער דעם שטריק, ווער פריי פון דעם שטריק ווערסטו בלייבען לעבען. ענטפערט דער פישער: עס איז ניט דיינע ביזנעס, איך וויל מאַכען געלט, איך וויל זיך ניט אָפּבינדען, איך מוז מאַכען געלט זיך אַרויפצואַרבייטען, דאָס איז מיין גאַנ־צער האָווען אויף דער וועלט.

ארימער פישער נעבאַך, אָרים און שפל, אָרים אין אמונה, אָרים אין בטחון. ברוך הגבר אשר יבטח בה' והיה ה' מבטחו. מען מען דאַרף ניט קריכען אין אַ מקום סכנה כדי צו מאַכען געלט. ער איז געוואָרען מיד האַנגלענדיג זיך מיט דעם פיש, דער מענש פון דעם באַרג שרייט מיט אַלע כחות: שנייד איבער דעם שטריק ווערסטו בלייבען לעבען, דו האָסט אַ שאַרפען מעסער, שנייד איבער, השם יתברך וועט דיך שפייזען, ער וועט דיך ניט פאַרלאָזען, האָף צו איהם. זאָגט דער פישער: איך גלויב ניט אין ניסים. דערווייל האָט דער פיש געגעבען אַ שטאַרקען שלעפּ, האָט ער איהם אַריינ־געצויגען אין וואַסער. דער פישער האָט זיך דערטרונקען, ער האָט זיך גוט אַרויפגעאַרבעט.

יעצט, מיינע ברידער, לאָמיר פאַרשטיין דעם משל מיט דעם נמשל, דעם מוסר השכל. דער פישער דאָס איז דער מענש, די וואַסער דאָס איז די וועלט, די נעץ דאָס איז די תאוה, דער שטריק דאָס איז דער יצר הרע, דער וואָס שרייט פון דעם באַרג, דאָס איז די תורה, דער שאַרפער מעסער דאָס איז די תשובה. דער מענש אויף דער וועלט האָט נאָר אין זינען צו מאַכען געלט, אַרויפצואַרבייטען זיך מיט געלט, מיט כבוד, מיט תאוות, מיט אַלע לוקסוסען פאַר דעם גוף, וואָס ווערט צופוילט אין דער ערד. דער יצר הרע האָט אים איינ־געבונדען מיט אַ גראָבע שטריק, צוגעבונדען צו דער וועלט מיט אַלע

עברי טייטש

תאוות, מיט אַלע הבל הבלים, ניט קיין שבת, ניט קיין תּפילין, ניט קיין צדקה, קיין אידישקייט, קיין מענשליכקייט, נאָר צו מאַכען געלט. קיין אונטערשייד, כשר'ע צו טריפה, ער ווערט דערטרונקען אין אַלע תאוות, אין אַלע נאַרישקייטען, פאַרברענגט זיין צייט אין פוסטע זאַכען. שרייט די תורה מיט אַלע כחות: שובה ישראל! קינדער, טוט תשובה. דאָס איז אַ שאַרפער מעסער פאַר דעם יצר הרע מיט אַלע זיינע תאוות, מיט אַלע זיינע פאַרגעניגענס ענט־פערט דער נאַרישער מענש: איך מוז זיך אַרויפאַרבייטען, דאָס איז מיין גאַנצער תכלית אויף דער וועלט. נאַרישער פישער, דו זעהסט דאָך, אַז מענשען שטאַרבען טאָג־טעגליך און לאָזען אַלעס איבער אויף דער וועלט, וואָס האָסטו פון דיין גאַנצען האַווען?

זיי וויסען, מיין טייערער ברודער, אַז איך, דער מחבר פון דעם ספר און אויך פון ספר „שנים אוחזין בטלית", בין אַן אָרימער, קראַנקער אַרבייטער. פון 13 יאָהר אָן בין איך אַ בעל מלאכה, פון 13 יאָהר אָן ביז היינטיגען טאָג. ווען מען זאָל מיר אָפּגעבען די גאַנצע געלט פון דער וועלט וועל איך ניט פאַרבייטען אויף דער תורה און מצוות, ווייל צו האָבען השגת אלהות, תכונת האל, צו פאַר־שטיין די שכינה איז טייערער פון דעם גאַנצען לוקסוס פון דער גאַנצער וועלט, ווי דוד האָט געזאָגט, טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף.

פרק שבעה עשר

ואם מן העוף קרבנו. שלמה המלך זאָגט אין קהלת: לא לחכמים להם ולא למבינים עושר, הדא הוא דכתיב ועוף יעופף על הארץ, כל עוף ענף והעוף ירב בארץ וירדו בדגת הים ובעוף השמים. שלמה זאָגט: ניט צו די קלוגע איז די ברויט, ניט צו די מבינים איז די עשירות. יעצט איז רעכט דער פסוק ועוף יעופף, און אַ פויגעל וואָס פליט אויף דער ערד און אונטערן הימעל, אַ מוסר השכל פאַר דעם מענשען, פון די אַלע עופות, אַלע סאָרטען הינער, גענז, ענדיקעס, קאַטשקעס, אַלע האָבען איין געדאַנק צו פּיקען אין די מיסט,

עבריטייטש

צו געפינען עפעס וואס צו עסען, נאר צו פיקען, נאר צו עסען. זיי ווערען פעט, זיי קלייבען פלייש, פעטס פאר דעם מענשען צו מאכען א גוטען מיטאג, דאס איז זייער ענדע. א לעבען געפיקט אין די מיסט קערנער, ווערים, פליגען, אלע מיאוסע זאכען, וואס איז א תכלית פאר דעם מענשען אויף דינער צו עסען.

אבער די פייגעלאך זיי פליען אין דער לופטען איבער די וואלקנס, דער אדלער פליט אונטער דעם הימעל. דרך הנשר בשמים, הוא מלך העופות. ווען זיי ווערען הונגעריג לאזען זיי זיך ארונטער אויף דער ערד צו קריגען עפעס צו עסען. עס קומט זיי אן זייער שווער צו קריגען זייער שפייז. זאגען די הענער מיט די הינער צו די פייגעלאך: קומט מיט אונז צוזאמען פיקען אין די מיסט, וועט איהר האבען אפולע צו עסען. וואס האט איהר פון אייער פליען אין דער לופטען, בעסער פיקט אין די מיסט אזוי ווי מיר, וועט איהר געפינען אפולע עסען, טרינקען, זיצען רוהיג אויף דעם סעדעלע, וואס דארפט איהר פליהען, ווערען פארמאטערט, הונגעריג, דארשטיג, ניט געשלאפען, נאר געפלויגען, וואס פאר א בענעפיט האט איהר פון דעם פליהען אין דער לופטען.

זאגען די פייגעלאך צו די הינער: פארוואס האט גאט באשאפען צו אייך און צו אונז פליגלען אויב ניט צו פליהען אין דער הויך? פארוואס האט דער באשעפער אונז געגעבען פליגלען? די תורה זאגט ועוף יעופף, דאס הייסט: אז ער האט אונז באשאפען פליגלען צו פליהען. פארוואס האט דער באשעפער ניט געגעבען פליגלען צו א פערד, צו א בהמה? דער תירוץ איז, אלע חיות און בהמות קענען ליגען אין מיסט, שמעקען דעם עיפוש פון די מיסט צוקוקען די אלע סקאנדאלען, אלעס וואס עס טוט זיך אפ טאג און נאכט. מיר קענען ניט צוזעהן די אלע שלעכטע מעשים וואס איינער טוט דעם צווייטען, אז מיר פליהען אוועק פון דער ערד ווע־רען מיר פטור פון די אלע צרות. ווידער צו וואס האט אונז גאט געגעבען פליגלען, דארף מען פליהען אין דער הויך. עסען און טרינקען דאס איז נאר גוט פאר א פערד, דאס איז זיין פארגעניגען, ער האט ניט קיין פליגלען, וואס פאר א פעולה האט איהר פון איי־

עברי טייטש

ערע פליגלען, איהר פיקט אימער אין די מיסט אַלע טריפה זאַכען, איהר ווערט פעט פאַר די מענשען צו מאַכען אַ דינער פון אייערע פלייש און פעטס, מיר פויגלען, אַז דער באַשעפער פון דער וועלט האָט אונז געגעבען פליגלען, דאַרף מען אַוועקפליהען פון די אַלע שלעכטע זאַכען, אַז די מענשען, די שוחטים, זאָלען אונז ניט קע־נען שעכטען אויף אַ דינער. איהר נאַרישע הענער, הינער, גענז, קאַטשקעס, אייך האָט דער רבונו של עולם געגעבען פליגלען אַזוי ווי אונז, איהר וויט בעסער ווערען געשאָכטען פון די שוחטים, אַבי צו האָבען אַפולע עסען, טרינקען. מיר פליגעלאַך באַנוגענען זיך מיט אַ ביסעלע עסען, טרינקען, אָבער צו אַנטלויפען פון דעם שוחט. דערפאַר האָט אונז גאָט געגעבען פליגלען. צו דער זעלבער צייט פאַרלאָזט אונז ניט דער רבונו של עולם. מיר ווערען געשפייזט אין דער לופטען, אָבער מיר זיינען צופרידען מיט דעם געדאַנק, אַז מיר טוהען דעם ווילען פון השם יתברך.

מיינע ברידער, נעמט אַ מוסר השכל פון די פייגעלאַך. גאָט האָט געגעבען דעם מענשען צוויי פליגלען, דעם כח הדמיון און דעם כח השכל, צו פליהען אין דער הויך, ניט צו פיקען אין די מיסט, טריפה זאַכען מיט ווערעם, טריפה געלט, טריפה עסענס, ניט נאָך דער תורה אַזוי ווי די הינער פיקען אין די מיסט. וואָס איז די ענדע? מרבה בשר, מרבה רמה, מרבה תורה, מרבה חיים, צו וואָס האָט אונז דער רבונו של עולם געגעבען פליגלען? צו פליהען אין דער הויך. אין דעם הימעל מיט דעם כח הדמיון, און דעם כח השכל צו אַנט־לויפען פון דעם יצר הרע, פון דעם שוחט, וואָס ער שעכט אָן רחמנות. דערציילט די תורה ועוף יעופף על הארץ. דאָס זיינען די מענשען וואָס זיי פליהען מיט דעם כח הדמיון און מיט דעם כח השכל, פליהען זיי נאָר צו מאַכען געלט אויף עסען, טרינקען ווי די הון, אָבער עס זיינען פאַראַן מענשען וואָס פליהען אין דער הויך, אין די גאָטהייט, אַזוי ווי משה רבנו. ומשה עלה אל האלהים, זאָגט די תורה ולכל עוף השמים. דער מענש האָט פליגלען: כח הדמיון און כח השכל. ער קען פליהען ביז רוח הקודש, אָבער ער דאַרף האַלטען אַלע חושים זאָלען זיין קודש קדשים צו דער תורה ומצוות. היטען דעם

עברי טייטש

צונג פון לשון הרע, ועוף יעופף על הארץ על הגשמיות ולכל עוף השמים על הרוחניות. אזוי ווי די פייגעלאך בעסער וויינינגער עסען טרינקען, ניט פיקען אין די מיסט אבי צו אנטלופען פון דעם שוחט.

מענש, פיק ניט אין מיסט אלע טריפה זאכען, אנטלויף פון דעם יצר הרע פון דעם שוחט, דאס האט געזאגט שלמה המלך ע"ה אין קהלת: לא לחכמים לחם ולא לאביונים עושר. דער געטליכער מענש איז צופרידען מיט וויינינגער עולם הזה, אבער צו אנטלויפען פון דעם שוחט, דער יצר הרע, ואם מן העוף קרבנו עלה לה'.

פרק שמונה עשר

כתבתי למעלה שלא יהיה אדם נובר באשפה כתרנגלת, אלא צריך לקדש את עצמו על פי דרך התורה והמצוות, משום שהוא נברא בצלם אלהים, והשם יתברך נתן לאדם כנפים לעופף בשמים. שני כנפים זה כח הדמיון וכח השכל. זו שני כחות זה הכנפים של האדם. איך האב געשריבען אז א מענש זאל ניט זיין ווי די הון, וואס זי פיקט אין די מיסט, זי איז ניט מבחין פון כשר ביז טרפה, ווייל דער מענש איז באשאפען אין דעם צלם אלהים, ער דארף זיין הייליג. דער באשעפער האט איהם געגעבן צוויי פליגלען צו פליהען מיט זיי אין דעם הימעל, דער כח הדמיון און דער כח השכל. מיט די צוויי כחות קען דער מענש פליהען אין הימעל, דאס הייסט ביז רוח הקודש, ווי אלע נביאים, אבער ער דארף הייליגען זיינע אלע חושים נאך דעם וועג פון דער תורה און מצוות. אזוי ווי איך האב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית", אז ביי אלע צדיקים איז דא דער־מאנט תמים, נוטריקון פון תמים: תורה, מצוות, יראה, מדות, גוטע מדות, דאס ברייננגט צו רוח הקודש. דערפאר האט שלמה המלך ע"ה מתקן געוועזן נטילת ידים.

אמר רב יהודה אמר שמואל בשעה שתקן שלמה עירובין ונטילת ידים יצתה בת קול ואמרה בני אם חכם לבך ישמח לבי גם אני. האב איך, דער מחבר פון דעם ספר, בסיעתא דשמיא געשריבען 3 טעמים אויף נטילת ידים צום עסען קודם הסעודה. אחת משום

עברי טייטש

שלא יאמר אדם שהוא בעל יכולת, שנאמר ואמרת בלבבך כחי ועצם ידי עשה לי את החיל הזה וזכרת את ה' אלהיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל ממון. כמו שהמים מכבסין את הבגדים מין הזוהמה ונעשה נקי טהור, אז אַ מענש זאָל ניט זאָגען מיינע הענט מיינע צען פינגער שפייזען מיך. איך האָב געמאַכט מיין פאַרמעגען מיט מיינע הענט. זיי וויסען, מיין ברודער, אַז די הענט באַלאַנגען צו גאָט, אַז ער לאָזט דיך אַרבעטען ביסטו אַ גאַנצער מאַכער, אָבער אַז ער שטעלט די האַנט מיט אַ פּאַראַליטש, אָדער ער רייסט אויף אַ פינגער, קען דער מענש גאָר ניט טאָן, אוים מאַכער. דערפאַר אַז מען וואַשט זיך צום עסען הויבט מען די הענט אויף אין דער הויך, מען זאָגט שאו ידיכם קודש וברכו את ה', מיינע הענט זיינען הייליג, זיי באַלאַנגען צו גאָט. אַזוי ווי וואַסער וואַשט אָפּ אַלע שמוציגע זאַכען, אָט אַזוי וואַש אָפּ פון דיין געדאַנק, אַז דיינע הענט שפייזען דיך אָן די הסכמה פון דעם באַשעפער, אַז ער גיט די הסכמה דאָן ביסטו אַ בריה. דער מענש זאָל ניט זאָגען, ער איז אַ בעל יכולת בעצמו. כמו שאמר ירמיהו, כה אמר ה' אל יתהלל חכם בחכמתו ואל יתהלל הגיבור בגבורתו ואל יתהלל עשיר בעשרו, כי אין כח ביד האדם לעשות חיל, אלא הכל בא בהשגחה מן השמים, אלא כי אם בזאת יתהלל המתהלל השכל ידוע אותי כי האדם בעל בחירה. והמים של נטילת ידים זה רמז על השגחה, כי לא לחכמים לחם וגם לא לנבונים עושר. דו זאָלט זיך ניט באַרימען מיט דיינע געלט, ניט מיט דיין געזונט, ניט מיט דיין חכמה. דו קענסט זיך נאָר באַרימען מיט די גאָטהייט, אויב דו פאַרשטייסט די וועגען פון דער השגחה. ניט צו חכמים איז די עשירות, דער מענש דאַרף צוגעבען אַז גאָט שפייזט איהם אָבער ניט ער אַליין. נטילת ידים איז אַ רמז אויף דער השגחה מן השמים. דאָס איז דער ערשטער טעם. עס זיינען דאָ דריי תירוצים.

פרק תשעה עשר

עבריטייטש

דער צווייטער טעם פון נטילת ידים. כי זה ידוע כי באויר העולם יש מיקראָבין והם נקראים באַצילען והם מתאספים תחת הצפרנים של הידים, והם מתאספים שמה עד אין מספר, וזה סכנת נפשות לאל בלא נטילת ידים. דאָס איז אַ באַוויז, אַז אין דער לופט פון דער גאַנצער וועלט איז פאַראַן באַצילען, מיקראָבין. ווען דער מענש האָלט עפּעס אין זיינע הענט אַ זאַך וואָס עס האָט באַצילען, האָבען זיך אָן זיינע הענט אָנגעקלעפּט די מיקראָבען. זאָגט די תורה: וואָש דיינע הענט צום עסען, זיי געהיט פון די באַצילען, דו ביסט ניט קיין חיה, דו ביסט אַ מענש מיט פאַרשטאַנד, די תורה מיינט דיין טובה. און דו האָסט נאָך אַ מצוה מיט דעם וואָס דו פאָלגסט די תורה, דאָס איז אַ מעדיצין, אַ רפואה שלמה, רפואת הגוף ורפואת הנפש. זיי וויסען, מיין ברודער, אַז די גאַנצע תורה מיט די אַלע מצוות דאָס זיינען רפואות פאַר דעם גוף און פאַר דעם נפש. ווי איך האָב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" אין חלק „מרפה לנפש", אַז אַ געזונטער נפש, אַ געזונטע נשמה באַקומט רוח הקודש. דאָס איז אַ נאַטירליכע זאַך ווי די זוהן מיט איהרע שטראַלען שיינט אַריין אין דעם פענסטער פון דעם הויז. אָבער אויב דער פענסטער איז פאַרשטעלט מיט אַ דיקען פאָרהאַנג קענען די שטראַלען פון דער זאָהן ניט אַריינשיינען, אַזוי איז די שכינה מיט דעם מענשען. דער שטן, דער יצר הרע, פאַרשטעלט דעם מענשען דעם וועג צו רוח הקודש. דער וואָס קען האַלטען מלחמה מיט דעם באַנדיט דעם גזלן פון דער מענשהייט. מיין ברודער, זיי מקיים נטילת ידים. היט זיך פון די באַצילען. דאָס איז דער צווייטער טעם.

דער דריטער טעם, דער מנהג פון דער וועלט איז צו געבען יעדען פריינד שלום עליכם צוליב פריינדשאַפט אָדער צוליב ביזנעס, אַזוי איז די וועלט. אָבער פילייכט איז דער מענש וואָס דו האָסט איהם געגעבען שלום עליכם, וואָס דו האָסט געהאַלטען זיין האַנט, אפשר איז ער אַ קראַנקער מאַן מיט אַן אַנשטעקענדיגע קראַנקהייט מיט צרעת, מצורע. אַמאָל ביי אידען אין לאַנד פלעגט מען אַזעלכע מענ־

עברי טייטש

שען ארויסשיקען פון דער שטאָט מחוץ למחנה, באזונדער פון די מענשען. און אמאָל גיסטו ״שלום עליכם צו א אשה נדה טמאה, דאָס איז דאָך געווים אומגעזונט. אפילו לבן הארמי האָט זיך פון א אשה נדה אָפּגעהיט, ווען ער איז געקומען זוכען זיינע געטער ביי זיין טאָכטער רחל, האָט זי איהם געזאָגט, אַז זי איז א נדה, איז ער אוועק פון איהר. דערפאַר, מיין ברודער, האָט די תורה געהייסען צו היטען נטילת ידים צום עסען. דאָס איז דער דריטער טעם פון נטילת ידים.

והשלישית, ידוע גם כן מנהג של עולם ליתן שלום עליכם לחבר׳ו, ואפשר האדם הזה אשר אתה נותן לו שלום עליכם הוא חולה עם חלאים של צרעת, מצורע והוא טמא מחוץ למחנה מושבו, משום שהצרעת מתפשטת ועוברת מגוף לגוף, משום הכי אתה צריך זהירות להיות נשמר שלא תכשל בצרעת. וכן אם אתה נותן שלום עליכם לאשה נדה טמאה, משום הכי תשמר את מצות נטילת ידים קודם הסעודה.

ועוד השכל והיושר נותן לקיים מצות נטילת ידים. אם האדם קונה דבר בחנות הוא משלם ממון, ואם האדם אינו משלם הוא נקרא גזלן. דער שכל מיט דעם יושר זאָגען, אַז מען דאַרף באַצאָהלען אין קראָם אַז מען קויפט זאַכען צום עסען, אַז מען נעמט אין קראָם אָדער ביים קצב דאַרף מען באַצאָהלען, אַז ניט הייסט מען א גזלן, ניט בטצאָהלט. די גמרא זאָגט אין ברכות, אַז מען האָט הנאה פון דער וועלט אָן א ברכה הייסט ער א גזלן, ער האָט באַ׳גזל׳ט דעם באַשעפער פון דער וועלט, והאדם אשר יש׳ לו שכל הוא לא יעשה זאת, כי זה נגד השכל, דער מענש וואָס האָט שכל מיט יושר וועט דאָס געווים ניט טאָן.

ועוד כאשר אני כתבתי בספר „שנים אוחזין מטלית״ כמה פעמים, כי יש שם ה׳ בנטילת ידים ושם ה׳ בהמוציא לחם מן הארץ. ושם ה׳ בברכת המזון. ג׳ פעמים הויה בגימטרי׳ לחם 78, וזה לחם הפנים שהיה במשכן. איך האָב געשריבען פיל מאָל אין מיין „שנים אוחזין מטלית״ אַז עס איז פאַראַן דער שם יהוה איז נטילת ידים, און עס איז פאַראַן דער שם אין דער המוציא און אין ברכת

פרק עשרים

הארי' והשועל, פעם אחת אסף הארי', המלך של כל החיות, אספה גדולה מן כל החיות והבהמות והעופות לראות אם הם בריאים חזקים בגופם בלבם. משום שהמלך צריך אנשי חיל גיבורים לעשות רצון קונם, לפיכך המלך הביא רופא מומחה לרפאות את לבם. ובאו

עברי טייטש

המזון אין בענשען, 3 מאָל 26 איז 78, לחם איז אויך 78. אין משכן איז געווען אַ לחם הפנים, כלומר אַז מען מקיים די מצוה נטילת ידים, המוציא, ברכת המזון 3 מאָל זאָגט מען דעם שם פון דעם יהוה וואָס באַטרעפט 26. 3 מאָל 26 באַטרעפט 78. לחם הפנים און עסען וואָס האָט אַ פנים פאַר גאָט און פאַר לייט.

דער לייב און דער פוקס. דער לייב איז דער קעניג פון אַלע חיות און בהמות. איין מאָל האָט דער מלכות פון אַלע חיות פאַר־רופען אַ מיטינג פון אַלע זיינע סאָלדאַטען צו זעהן אויב זיי זיינען אַלע געזונט און שטאַרק. געזונטע הערצער, אמת'ע הערצער, ער האָט ליב אַן אמת'דיגע האַרץ. זיינען געקומען אַלע חיות בהמות, עופות, חוץ דעם פוקס, ער איז ניט געקומען צו דעם מיטינג. דער מלך האָט געבראַכט אַ גרויסען דאָקטאָר, אַ פראָפעסאָר, צו היילען מיט די בעסטע מעדיצין פאַר אַלע קראַנקע הערצער. דער פוקס איז ניט געקומען צו היילען זיין קראַנקע פאַלשע האַרץ. האָט דער קעניג געשיקט דעם וואָלף ער זאָל ברענגען דעם פוקס. ער איז אַוועק אין וואַלד זוכען דעם פוקס, ער האָט איהם געפונען. זאָגט דער וואָלף צו דעם פוקס: דער מלכות האָט מיך געשיקט נאָך דיר, קום צום מיטינג, עס איז דאָרטען פאַראַן אַ גוטער דאָקטאָר, אַ פראָפעסאָר, ער גיט מעדיצין צו אַלע קראַנקע, פאַלשע הערצער. זאָגט דער פוקס צו דעם וואָלף: זייער גוט, דו וועסט צוואַרטען אַ ווײַלע, איך וועל גיין נעמען די האַרץ אין דער היים. איך האָב פאַרגעסען מיט־צונעמען מיין האַרץ. ביז היינטיגען טאָג איז נאָך דער פוקס צוריק ניט געקומען. דאַן האָט דער וואָלף פאַרשטאַנען, אַז דער פוקס איז פול מיט רמאות, מיט פאַלשקייט, אַ קלוגער פוקס.

כל החיות והבהמות והעופות, חוץ מן השועל, וזה נקרא מורד במלכות. שלח המלך את הזאב להביא את השועל לפני המלך לדין אותו. והלך הזאב ביער ומצא את השועל. אמר הזאב אל השועל: אני שליחו של מלך אחריך. מדוע אתה לא באת אל האספה של המלך, כי יש שם רופא מומחה לרפאות את כל הלבבות שיהיו

עברי טייטש

מיינע ליבע ברידער, פאַרשטייט דעם מוסר השכל פון דעם משל. דער מענש דאַרף נעמען די מעדיצין. פאַר מתן תורה זיינען אַלע מענשען געווען פאַלשע פוקסען מיט קראַנקע הערצער, האָט דער מלך הקדוש ברוך הוא געשיקט משה רבנו צו געבען די תורה מיט די מצוות. דאָס איז דער דאָקטאָר, דער פראָפעסאָר מיט זיינע מעדיצין. רפואת הנפש המשכלת. זיינען אַלע געקומען צו נעמען די מעדיצין פון דעם דאָקטאָר, דעם פראָפעסאָר. די תורה מיט די מצוות. עס זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס האָבען גענומען די רפואות פאַר דער נשמה, פאַר דער האַרץ, פאַר דעם מויל, פאַר דעם צונג, פאַר די אויגען, פאַר דער קאָפ, פאַר די הענט, פאַר די פיס, פאַר דעם מוח, פאַר דעם שכל, פאַר אַלע אברים, מערער פון אַלעם פאַר דער האַרץ אַ אמת'ע האַרץ, רחמנא לבא בעי, הקדוש ברוך הוא מבקש לב של אדם, גם מחשבה טובה ורצון טוב ביז מען קריגט רוח הקודש.

מיין פאָטער ע"ה האָט זיך גערופען אריה און דער מחבר פון דעם ספר „שנים אוחזין מטלית" רופט זיך בנימין זאב. בסיעתא דשמיא האָב איך אָנגעשריבען אַ חלק „מרפה לנפש", רפואות הנפש, וואָס איך האָב מיט די הילף פון גאָט אָנגעשריבען פאַר אַלע מענשען. מערער פאַר אַלעם פאַר די פוקסען, פאַר די פאַלשע הערצער, זיי נאַרען גאָט און לייט. דאָס זיינען די 4 כתות חשמ"ל: חנפים, שקרים, מלבין, לצנים. דאָס זיינען אין כלל פון לשון הרע. די גמרא זאָגט (סוטה דף מ"ב) אַז זיי זיינען ניט מקבלים פני השכינה. און אַלעם פאַר די פאַלשע האַרץ מיט דעם פאַלשען צונג, ווי דוד המלך ע"ה האָט געזאָגט, שוא ידברו איש את רעהו שפת חלקות בלב ולב ידברו יכרת ה' כל שפתי חלקות לשון מדברת גדולות (תהלים י"ב), דוד האָט געזאָגט אַז גאָט זאָל פאַרשניידען די פאַלשע ליפען מיט די

לבם חזקים טהורים. ואמת שהמלך אוהב לב אמת, לפי שהוא אמת. אמר השועל אל הזאב: המתין לי פה במקום הזה ואני אלך לקחת את הלב, כי שכחתי את לבי בביתי. והלך השועל אחר הלב, והזאב הכיר את השועל, כי רמאי הוא, מלא רמאות ושקרים.

ע ב ר י ט י י ט ש

פאַלשע צינגער וואָס זיי ריידען מיט פאַלשע הערצער זאָל ער זיי פאַרשניידען פון דער וועלט. די חכמים האָבען געזאָגט, אַז זיי זעהען ניט די שכינה לעולם הבא, ווייל זיי האָבען פאַרשעמט די מתנה פון דעם בורא. ער האָט געגעבן דעם לשון צו לערנען תורה, צו דאַווּ־נען, דו זאָגסט דאָך אדני שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך. דעם מאַנ־טעל פון גאָט האָבען זיי אָנגעטאָן אויפן כלב, דאָס איז לשון הרע. מיין נאָמען איז בנימין זאב דער מחבר פון דעם ספר „השארת הנפש". אַזוי ווי דער מלכות האָט געשיקט דעם וואָלף צו ברייננגען דעם פאַלשען פוקס צו דעם קעניג'ס דאָקטאָר צו נעמען די רפואות צו האָבען אַ געזונטע הארץ, די האַרץ זאָל זיין אמת, ווי גאָט איז אמת אָט אַזוי האָט מיך גאָט באַשאַפען אויף דער וועלט צו ברייננגען פוק־סען, די פאַלשע הערצער, צו געבען זיי גוטע מעדיצין, אַז זיי זאָ־לען ווערען געהיילט, אַז זיי זאָלען קומען צום רוח הקודש, ווי איך האָב געשריבען אין מיין געטליכען ספר „שנים אוחזין בטלית", איך האָף צו דעם בורא עולם, אַז עס וועט ווערען מקוים מיין שליחות אויף דער וועלט, ווייל די תורה זאָגט עדות אויף מיר זאב יטרף (פ' ויחי) צו פאַרצוקען די שלעכטעס פון דער וועלט מיט מיינע הייליגע ספרים.

פרק עשרים ואחד

היונה והצפרים. עס זיינען איין מאָל געפלויגען אַ מחנה פייגע־לאַך איבער פעלדער, איבער וועלדער. זיי האָבען שיין געזונגען, אַזוי לאַנג ביז זיי זיינען געקומען צו דעם קעניג'ס פּאַלאַץ. זיי האָבען אַלע באַוואונדערט די שיינקייט פון דעם פּאַלאַץ. דערווייל האָבען זיי געהערט אַ זיסע שטימע פון אַ טייבעלע. זיי האָבען איהר דער־זעהן אין אַ גאָלדען שטייגעל, אַ גאָלדענע קלעטקע. זאָגען די אַלע פייגעלאַך צו דער טייבעלע: מיר זיינען דיר אַלע מקנא, דו

עברי טייטש

ביסט גליקלאַך, דו ביסט ביי דעם קעניג אין פּאַלאַץ, אין אַ גאָדע־נער שטייגעלע מיט אַלע פאַרגעניגענס, דו ביסט גליקלאַך. פון די ווערטער האָט די טייבעלע אָנגעפאַנגען צו וויינען מיט ביטערע טרערען, די פייגעלאַך האָבען ניט פאַרשטאַנען וואָס זי וויינט. זאָגען פייגעלאַך צו דער טייבעל: וואָס וויינסטו? וואָס פעלט דיר? דו האָסט דאָך אַלעם גוטעס פון דער וועלט און דו ביזט ניט צופריי־דען. זאָגט די טייבעל: מיינע ליבע פייגעלאַך, עס איז בעסער צו לעבען אַן אָרימען לעבען און צו זיין אַ פרייע, צו קענען פליהען אין פעלדער און וועלדער און צו זעהן די וועלט, איידער צו זיין אין דער גאָלדענער שטייגעלע ביי דעם קעניג אין דעם פּאַלאַץ אַ געפאַנ־גענע, ווי אין אַ פריזאָן פאַרשפּאַרט טאָג און נאַכט. די גאַנצע וועלט וויל האָבען פרייהייט, איך האָב ניט קיין עצה ווי צו אַנטלויפען פון דעם שלעכטען קעניג, וואָס ער האַלט מיך געפאַנגען אין דער קלעט־קע. איך וועל אייך בעטען אַ טובה, איהר וועט האָבען געטאָן די גרעסטע מצוה, אַז איהר וועט מיך באַפרייען פון דעם שלעכטען קעניג, דעם מערדער. ער האָט מיך געפאַנגען אין פריזאָן. דאָרטען אין דעם גרויסען וואַלד איז פאַראַן דער גרעסטער בוים. ער האָט אַ סיין אויפגעשריבען „דער בוים פון לעבען, דער בוים פון פרייהייט“, דאָרטען אויף דעם שפּיץ פון בוים זיצט מיין געטרייע מוטער, זי איז זייער אַ קלוגע, זי וועט שיקען מיט אייך אַן עצה מיך צו באַפרייען פון מיין פינסטערען פריזאָן. די פייגעלאַך זיינען געפלויגען צו דעם וואַלד, געפונען דעם בוים מיט דעם גרויסען סיין, אַז דאָס איז דער בוים פון לעבען, פון פרייהייט, זיי האָבען דערציילט דער מוטער, אַז איהר קינד איז געפאַנגען ביי דעם שלעכטען קעניג אין פריזאָן. די מוטער פון גרוים וויטאָג איז אַרונטערגעפאַלען פון דעם הויכען בוים אויף דער ערד אַ טויטע. די פייגעלאַך זיינען געפלויגען צו דער טייבעלע, האָבען איהר דערציילט וואָס עס האָט געטראָפען. האָט די טייבעלע אָנגעפאַנגען צו לאַכען פון גרויס שמחה, שרייט אויס אין דער הויך: מיין מוטער איז אַ קלוגע חכמה, דאָס איז דאָך די עצה, איך וועל באַלד ווערען אַ פרייע, וואַרט נאָר צו אַ ווײַלע וועט איהר זעהן מיין פרייהייט. דער באַדינער איז געקומען געבען דער

ע ב ר י ט ײ ט ש

טייבעלע עסען, טרינקען, זי האָט זיך געמאַכט פאַר געשטאָרבען, דער דינער, דער משרת האָט דער טייבעלע געוועקט, געקלאַפּט, זי איז געשטאָרבען, ניטאָ קיין לעבען. ער האָט געמאָלדען דעם קעניג, אַז די טייבעלע איז געשטאָרבען. וואַרף איהר אַרויס אין פעלד, קיין געשטאָרבענע טייבעלאַך דאַרף איך ניט האָבען. דער משרת האָט איהר אַרויסגעוואָרפען אין דעם פעלד. ווי ער האָט איהר אַרויס־געוואָרפען פון דער שטייגעל, איז די טייבעלע אַוועקגעפלויגען מיט אַ געזאַנג: איך בין יעצט אַ פרייע. מיין מוטער איז אַ קלוגע, די קליגסטע אין דער גאַנצער וועלט.

אחי ורעי, מיינע טייערע ברידער, פאַרשטייט יעצט דעם נמשל פון דעם משל. דער עם ישראל הייסט מיט דעם נאָמען כנסת ישראל, ישראל כנוי לאומה הישראלית. כנסת הגדולה דאָס זיינען די חכמים, יעדער איד רופט זיך מיט דעם נאָמען יונה. אחת היא יונתי תמתי אחת היא לאמה ברה היא ליולדתה ראויה בנות ויאשרוה מלכות ופלגשים ויהללוה (שיר השירים). צוליב אַפּולע טעמים הייסען מיר יונה. די טייבעלע איז געפאַנגען ביי דעם יצר הרע, וואָס ער איז דער מלך זקן וכסיל. ער האַלט דעם מענשען אין דער גאָלדענער שטיי־געלע. ער זאָגט איהם צו אַלע גליקען פון דער וועלט. ער מאַכט איהם פאַר אַ רשע, ער האַלט איהם אין פריזאָן געבונדען מיט אַלע תאוות מיט אַלע שלעכטע זיטען, מדות רעות. דער יצר הרע קעניגט איבער דעם מענשען צוזאַמען, דערפאַר הייסט ער מלך זקן וכסיל (קהלת). דעם מענשען צוזאַמען, דערפאַר עהייסט ער מלך זקן וכסיל (קהלת). עס קומען צו דעם מענשען אַריין געדאַנקען פון פרייהייט, אָבער ווי ווערט מען פטור פון דעם יצר הרע, דעם שלעכטען קעניג, דעם מער־דער פון דעם מענשען. די שכינה הייסט די מוטער פון יעדען מענ־שען, אָבער זי זיצט אויף אַ הויכען בוים, דאָס איז די הייליגע תורה, מיט די מצוות, דאָס זיינען די פרוכט. ד תורה רופט זיך עץ חיים היא למחזיקים בה ותומכיה מאשר, דרכיה דרכי נעם וכל נתיבותיה שלום. די תורה גיט אַן עצה ווי צו אַנטלויפען פון יצר הרע פון די 4 כתות חשמ"ל, די זיינען די ערגסטע מענשען. דער יצר הרע פאַרפיהרט זיי און זיי פאַרלירען די עולם הבא.

אמר רבי יוחנן משום רבי יוסי בן זימרא כל המספר לשון הרע נגעים באים עליו על הנשמה, שנאמר מלשני בסתר רעהו אותו אצמית גבה ענים ורחב לבב אותו לא אוכל, כל המספר לשון הרע מגדיל עונותיו עד לשמים, שנאמר שתו בשמים פיהם ולשונם תהלך בארץ (תהלים ע"ג). הקב"ה אומר לשר של גיהנם, אני עליו מלמעלה ואתה עליו מלמטה נדונו את הרשע, שנאמר חצי גבור שנונים עם גחלי רתמים, אין חץ אלא לשון הרע, שנאמר חץ שחוט לשונם ואין גבור אלא הקב"ה, שנאמר ה' כגבור יצא. גחלי רתמים היינו גיהנם.

עברי טייטש

גיט די מוטער אן עצה דעם מענשען ווי צו אנטלויפען פון שטייגעל, פון דעם יצר הרע, דעם שלעכטען קעניג מלך זקן וכסיל. אמר רבי שמעון בן לוי יצרו של האדם מתגבר עליו בכל יום ומבקש להמיתו, שנאמר צופה רשע לצדיק ומבקש להמיתו, ואלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו, שנאמר ה' לא יעזבנו בידו. תנא דבי ר' ישמעאל, בני, מיין זון, אז דער מנוול וועט דיך אנטרעפען, שלעפ איהם אריין אין בית המדרש, דו וועסט הערען דארטען מוסר פון דעם מגיד, פון דעם דרשן, אם אבן הוא נימוח ואם ברזל הוא מתפוציץ. איז ער הארט ווי שטיין וועט ער צוגיין, ער וועט ווערען נידעריג געפאלען, און בשעת ער הערט דברי תורה מוסר קען ער דעם מענשען ניט האבען, טאמער איז ער הארט ווי אייזען, ווערט ער צוקלאפט אויף שטיקלאך, ווייל די תורה האט גאט געגעבען מיט פייער און פייער מאכט ווייך אייזען, שנאמר הלא כה דברי כאש נאם ה' וכפטיש יפוצץ סלע, אם אבן הוא נימוח, שנאמר הוי כל צמא לכו למים ואומר אבנים שחקו מים (קדושין דף ל'). אויך איז די תורה געגליכען צו וואסער און וואסער צורייבט שטיינער.

גאט זאגט: איך האב באשאפען דעם יצר הרע האב איך באשאפען די תורה, דאס איז א מעדיצין שברא התורה תבלין, והבחירה נתנה לאדם לכוף את יצרו על ידי התורה. את זה לעומת זה עשה אלהים. ודע אחי שהוא השטן, הוא היצר הרע, הוא מלאך המות. נאך האבען די חכמים געזאגט: לעולם ירגיז אדם יצר הטוב על יצר הרע, אם נצחו מוטב ואם לאו יעסוק בתורה, נצחו מוטב ואם

פרק עשרים ושנים

בפרשת ואתחנן התחלתי אני לכתוב את הספר היקר הזה „השארת הנפש“. אחי ורעי, כל ימי חיי אני לומד פרשה ואתחנן אל ה׳ להסיר ממני את היסורים, ואת המכאובים, ואת הצער אשר אני סובל, ה׳ ירחם. וה׳ אמר אלי: בני, אתה הוי מקבל את היסורים

עברי טייטש

לאו יקרא ק״ש, נצחו מוטב ואם לאו יזכר לו יום המיתה. דאָס איז דער בעסטער מיטעל, אַז מען דערמאָנט דעם יצר הרע דעם טאָג פון שטאַרבען אָט אַזוי ווי די טייבעלע האָט זיך געמאַכט פאַר געשטאָרבען, האָט דער באַדינער זי אַרויסגעלאָזען פון דער קלעטקע צו דער פרייהייט. אָט אַזוי איז דער יצר הרע, אַז דער מענש, אַז ער שטעלט זיך פאַר דעם טויט פאַר די אויגען, טרעט פון איהם אָפּ דער יצר הרע. יזכר לו יום המיתה. אַז דער מענש דערמאָנט דעם יצר הרע דעם שטאַרבען דאַן ווען עס קומט דיר צו האַנט צו טאָן עפּעס אַן עולה. הן די עולה איז צו גאָט, הן די עולה איז צו מענשען, אַז דער מענש דערמאָנט דעם טאָג פון שטאַרבען טרעט אָפּ דער יצר הרע. שועלים קטנים מחבלים כרמים, פאַלשע מענשען דאָס זיינען די פוקסען, זיי פאַרדאַרבען די וועלט. לאָמיר האָפען, אַז זיי וועלען תשובה טאָן ווי גאָט האָט געזאָגט דורך דעם נביא: ואת רוח הטומאה אעבור מן הארץ.

בפרשת ואתחנן האָב איך אָנגעהויבען צו שרייבען דעם הייליגען ספר „השארת הנפש“ פרשה ואתחנן שנת תר״ץ. מיינע טייערע ברידער, מיין גאַנצען לעבען אויף דער וועלט האָב איך געלערענט די פרשה ואתחנן. איך האָב געבעטען ביי גאָט, אַז ער זאָל אָפּטאָן פון מיר די יסורים, מיט די ווייטאָגען, מיט דעם צער, וואָס איך לייד מיינע אַלע יאָהרען. איך האָב ניט געהאַט קיין טאָג אין מיין גאַנצען לעבען אָן יסורים און צער. האָט מיר אַ שטימע פון דעם הימעל געזאָגט: מיין ליבעס קינד, זיי מקבל די יסורים דעם צער וואָס דו ליידסט אין דיין גוף און אין נפש, זיי מקבל באהבה, ווייל יסורים של אהבה ברייננגען דעם מענשען צו עולם הבא, און

ואת המכאובים והצער, הוי מקבל אותם באהבה, יסורים של אהבה הם. צא וראה איזהו מהן מביאה לחיי עולם הבא, הוי אומר זה יסורין שהקב"ה מיחד שמו עם מי שיסורין באים עליו, שנאמר כי ה' אלהיך מיסרך. לפיכך אשרי הגבר אשר תיסרנו יה ומתורתך תלמדנו ולהשקיט לו מימי רע עד יכרה לרשע שחת. אמר ר' לוי זה יום הדין ויום המיתה, חביבים יסורין שהם מרצים לפני ה' מכל

עברי טייטש

גאָט איז מיחד זיין נאָמען אויף אַ בעל יסורים. ווייל דער מענש וואָס ליידעט יסורים, צרות פאַר'מיאוס'ט ער די וועלט מיט די אַלע הבל הבלים, זיין קערפּער ווערט בטל און זיין נשמה ווערט געזינטער. שטאַרקער, מען קען באַקומען רוח הקודש, מען קען זעהן די שכינה, די עולם הבא קען מען זעהן ביים לעבען אַז מען איז ווערט. צו 36 יאָהר האָב איך אָנגעפאַנגען צו לערנען זהר קבלה, אָט די אַלע זאַכען האָב איך פאַרשטאַנען פון זהר הקדוש. דוד המלך זאָגט: וואויל איז דעם מענשען וואָס גאָט שטראָפט איהם און ער לערענט תורה. זה השער לה', דאָס איז דער טויער צו קומען צו גאָט, צדיקים קומען דאָרטען. די אַלע זאַכען האָב איך פאַרשטאַנען פון קבלה ספרים, ודי לחכימא ברמיזא, והמבין יבין.

מיין גאַנצען לעבען האָב איך געלערענט די פרשה ואתחנן, משה רבנו'ן האָט ניט געהאָלפען דער בעטען, צוליב אַפּולע טעמים, ווי די חכמים זאָגען אין מדרש רבה ואתחנן ויאמר ה' אלי: רב לך אל תוסיף דבר אלי עוד בדבר הזה. גאָט זאָגט צו משה'ן: גענוג דיר צו בעטען אַז דו זאָלסט אַריין אין ארץ ישראל. עלה ראש הפסגה ושא עיניך ימה וצפונה ותימנה ומזרחה וראה בעיניך כי לא תעבר את הירדן הזה. געה אַרויף אויף דעם שפּיץ פון דעם באַרג ועסטו זעהן גאַנץ ארץ ישראל פון 4 זייטען, אָבער אַריין אין דעם לאַנד דאָס ניט. רב לך. די חכמים זאָגען, אַז ער האָט תפלה געטאָן 515 תפילות, וויפיל דער וואָרט ואתחנן באַטרעפט 515.

מיינע ליבע ברידער, דער מחבר פון דעם ספר „שנים אוחזין בטלית" און פון דעם ספר „השארת הנפש" איז אַ בעל יסורים, מלא מכאובים מכף רגל ועד ראש אין בו מתום. כי ה' גזר עלי בשעת

הקרבנות, שחטאת ואשם אין מכפרים רק לאותה עבירה, אבל היסורין מכפרין על הכל. וזה שאמר דוד המלך ע"ה יסור יסרני יה ולמות לא נתנני, זה השער לה' צדיקים יבאו בו. זה יסורין פתחו לי שערים לעולם הבא, ועוד עולם כה תראה בחייך, כלומר תראה את השכינה רוח הקודש, כלומר אני הבנתי את כל הדברים האלה ודי לחכימא ברמיזא.

ע ב ר י ט י י ט ש

יצירתי מבטן אמי, אַ שרעקליכער בעל יסורים. איך האָב געבעטען 62 יאָהר. ניט אויפגעהערט צו בעטען, אַלע מיינע יאָהרען תפלה געטאָן. ויאמר ה' אלי רב לך אל תוסיף דבר עוד בדבר הזה. גענוג איז פאַר דיר, מיין קינד, אַז דו לערענסט קבלה, די סודות התורה, סודות השמים פון דער שכינתא עילאה, רב לך, דו וועסט שרייבען ספרים מיט הייליגע געדאַנקען, וועסטו זיין אַ רבי פאַר כל ישראל, צוליב די יסורים מיט דעם גרויסען צער וואָס דו ליידסט אויף דער וועלט. רב לך אל תוסיף דבר אלי עוד בדבר הזה.

תניא רשב"י אומר ג' מתנות נתן הקב"ה לישראל וכלם על ידי יסורין ואילו הן: תורה וארץ ישראל והעולם הבא. תורה מנין דכתיב (תהלים צ"ד) אשרי הגבר אשר תיסרנו יה ומתורתך תלמדנו. ארץ ישראל מנין דכתיב (דברים ח') וידעת עם לבבך כי כאשר ייסר איש את בנו ה' אלהיך מיסרך, וכתיב בתריה כי ה' אלהיך מביאך אל ארץ טובה. העולם הבא מנין דכתיב (משלי ז') כי נר מצוה ותורה אור ודרך חיים תוכחת מוסר (ברכות דף ה'). די חכמים באַ־ווייזען אין דער גמרא, אַז צו שרייבען הויכע געטליכע ספרים דאַרף מען ליידען יסורים. הבנתי את כל הדברים מן זהר הקדוש. איך האָב אַלעס פאַרשטאַנען פון ספרי קבלה. איך האָב געשריבען אין מיין ערשטען ספר אין צווייטען חלק, „מרפה לנפש רפואות הנפש", ווי יעדער מענש פון אידישען פאָלק קען קומען צו רוח הקודש על פי הטבע, עס איז געווענדט נאָך די מעשים טובים פון דעם מענשען. כמו שהשמש מאירה על הארץ, כמו האש נותן החום, והיובש והוא מבשל את הבשר בקדרה, כמו הרוח טבעו להיות מרדף רקים, כמו המים נותן הקור והלחות, כמו שהספינה בלב ים בסכנה תמיד, כמו

עברי טייטש

שהארץ מוליד כל הצמחים, וכל הדברים אשר אני כתבתי הם באים בטבע, כך עשה ה' את רוח הקודש. אם אדם לומד תורה ויש לו מדות טובות, אז רוח הקודש שורה עליו על פי הטבע.

ויאמר, שמעו נא דברי אם יהיה נביאכם ה' במראה אליו אתודע בחלום אדבר בו (בהעלותך). בחלום בגמטרי' הטבע 86. פה על פה אדבר בו אל האדם אם הוא שומר את הפה. קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלהיכם, כלומר תשמר את הפה מן ד' כתות חשמ"ל, וזה רמז נפלא.

מיינע ליבע ברידער, רוח הקודש איז ביי דעם מענשען אין דער האַנט על פי הטבע. אַזוי ווי די זאָהן טוט לייכטען אויף דער ערד, אויף דער וועלט, ווי דער פייער גיט די היץ און ער טריקענט אַלעס אויס און ער קאָכט דעם טאָפּ מיט די פלייש, ער מאַכט פאַרטיג דאָס עסען, אַזוי ווי דער ווינט טרייבט פאַנאַנדער פוסטע זאַכען, אַזוי ווי וואַסער איז אימער נאַס און פייכט, אַזוי ווי אַ שיף אויף דעם ים איז אימער אין סכנה, אַזוי ווי די ערד מאַכט וואַקסען אַלע גראָזען, און אַזוי ווי די אַלע זאַכען וואָס איך האָב דאָ געשריבען קומען על פי הטבע, מיט דער נאַטור, אַזוי האָט גאָט באַשאַפען דעם רוח הקודש על פי הטבע. גאָט האָט געזאָגט צו אהרן ומרים: במראה אליו אתודע, בחלום אדבר בו. איך וועל זיך באַווייזען אין דער מראה בחלום וועל איך ריידען צו איהם. בחלום בגימטרי' 86, אַזוי ווי דער וואָרט הטבע 86. פה אל פה וועל איך רעדען מיט איהם בתנאי אַז קדושים תהיו כי קדוש אני ה' אלהיכם. ער זאָל היטען דעם מויל פון די 4 כתות חשמ"ל. איך האָב איהם געגעבען דעם דבור דעם צונג צו טאָן גוטעס. ה' שפתי תפתח ופי יגיד תהלתך.

פרק עשרים ושלשה

הפיל והאדם. דער גרויסער העלפאַנט דער זאַמבול און דער קליינער מענש דער צדיק מיט דעם רשע. מיינע ברידער! בסיעתא דשמיא וועלן מיר פאַר אייך פאַרשטעלען דעם משפט פון דעם העל־פאַנט מיט דעם מענשען. אין אַפריקע, דאָרטען זיינען פאַראַן העל־

עברי טייטש

פאַנטען, מען פאַנגט זיי לעבעדיגע ווען זיי שלאָפען. זייער שלאָפען איז שטענדיג אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים, די פאַנגערס קומען שטי־לערהייט מיט אַ זעג און זעגען אונטער דעם בוים, דאַן פאַלט דער העלפאַנט אויף דער ערד. ער קען זיך שוין מער ניט אויפשטעלען. זיינען די פאַנגער געגאַנגען צו נעמען קייטען מיט אַ טראַק, צו בינדען איהם, און אַרויפנעמען אויף דעם גרויסען געפאַנצערטען טראַק גע־פאַנגען לעבעדיגערהייט כדי צו ברייגגען איהם נאָך אַמעריקע אין אַ מוזייאום. די פאַנגערס זיינען געגאַנגען אַהיים גאַנץ רוהיג. דער העלפאַנט קען שוין ניט אויפשטיין פון דער ערד, ער ליגט אין געהאַקטע וואונדען, ער קען זיך ניט העלפען. גייען דורך פאַרשידענע חיות און קיינער וועל איהם ניט העלפען שטעלען זיך אויף די פיס.

מיט אַמאָל זעהט ער פון וויטען אז עס גייט אַ מענש, שרייט דער העלפאַנט צו דעם מענשען: העלף מיר! העלף מיר! עס איז אַ מצוה. די תורה לערענט דעם מענשען צו טאָן גוטעס, דו האָסט היינט געדאַוועט האָסטו געזאָגט ברוך מרחם על הבריות, טוב ה׳ לכל ורחמיו על כל מעשיו. צער בעלי חיים. דו האָסט דאָך געלערענט אין דער גמרא די מעשה וואָס האָט געטראָפען מיט רבנו הקדוש רבי יהודה הנשיא מחבר המשנה, ווען ער האָט ניט געהאַט קיין רחמנות אויף דעם קעלבעל האָט מען איהם פון דעם הימעל געגעבען 13 יאָהר צייהן־ווייטאָג, אַז קיין דאָקטאָר האָט איהם ניט געקענט העלפען. אידען דאַרפען האָבען רחמנות, אַ גוטע האַרץ, רחמנא לבא בעי, הקדוש ברוך הוא מבקש לב טוב, כי תראה חמור שנאך רבץ תחת משאו וחדלת מעזב לו עזב תעזב עמו (משפטים, ה׳). זאָגט דער העלפאַנט צו דעם מענשען: זיי ווייסען, אַז איך בין אַ למדן, די גרעסטע מצוה איז צו העלפען אָרימע לומדים. זאָגט דער מענש: איך וויל אודאי טאָן די מצוה, אָבער איך בין צו שוואַך דיר צו שטעלן אויף דיינע פיס. זאָגט דער העלפאַנט צו דעם מענשען: איך זעה אויף דיין פּנים אַז דו ביסט אַ חכם. די גמרא זאָגט, חכמת אדם תאיר פניו, דו האָסט געלערענט חכמת הקבלה, דו ביסט אַ קלוגער, פאַרדין אַ מצוה, שטעל מיך אויף מיינע פיס. דער מענש האָט גענומען שלעפען קלעצער, העלצער פון דעם וואַלד, ער האָט אונטער־

ע ב ר י ט י י ט ש

געלייגט עטליכע קלעצער ביי דעם זייט פון דעם העלפאַנט. זאָגט ער צום העלפאַנט טו זיך אַ קער אויף אַ זייט. ער האָט איהם געפאָלגט, האָט דער מענש גלייך געלייגט די קלעצער אויף דער צווייטער זייט. ער האָט זיך אַנגעבויגען אויף דער צווייטער זייט. ער האָט אַזוי לאַנג געלייגט די העלצער אויףביידע זייטען, ביסלעכווייז האָט ער איהם געהויבען פון דער ערד, דערנאָך האָט דער מענש צוגעבונדען מיט אַ שטריק זיין גרויסען לאַנגען נאָז צו אַ בוים ביז וואַנען ער האָט דעם העלפאַנט געשטעלט אויף זיינע פיס. זאָגט דער העלפאַנט צו דעם מענשען: יעצט זעה איך טאַקע אַז די תורה איז אמת. דוד זאָגט אין תהלים: עדות ה' נאמנה מחכימת פתי. אַלע שטאַרקע חיות פון וואַלד האָבען מיך ניט געקענט אויפהויבען פון דער ערד און דו, אַ קליין מענשעלע, האָסט אויפגעהויבען אַ גרויסען העלפאַנט מיט דיין שכל, דו ביסט טאַקע דער מבחר היצורים, מיט דיין תורה, דער אתה בחרתנו מכל העמים, דו ביסט טאַקע דער יחסן פון אַלע ברואים פון דער גאַנצער וועלט, אויף דיר רוהט די שכינה, דו האָסט רוח הקודש, אַ געטליכער מענש, דו וועסט האָבען עולם הבא, אָבער יעצט וויל איך דיך צורייסען אויף שטיקער און עויפעסען, ווייל איך בין הונגעריג. זאָגט דער מענש: איך וועל דיר ברייננגען צו עסען, לאָז מיך לעבען. זאָגט דער העלפאַנט: דאָס ומשלמי רעה תחת טובה, פאַר אַ טובה דאַרף מען אָפּטאָן אַ רעה. קען איך ניט טאָן, איך מוז דיך צורייסען אויף שטיקער, ווייל דו האָסט מיר געטאָן אַ טובה, און דוד המלך זאָגט אין (תהלים ל"ח) דו האָסט מיין לעבען געראַטעט פון דעם טויט באַדאַרף איך דיין לעבען צונעמען פאַר דער טובה וואָס דו האָסט מיר געטאָן, אַזוי זאָגט דוד אין תהלים. זאָגט דער מענש צום העלפאַנט: דוד זאָגט, אַז די רשעים טוען אַזוי, זיי באַצאָהלען אַ רעה פאַר אַ טובה. זאָגט דער העלפאַנט: עס איז קיין אונטערשייד צו דער רשע איז אויף 2 פיס צו ער איז אויף 4 פיס, אַלץ איין חיה אין אַ מענשען-געשטאַלט. זאָגט דער מענש: איך האָב אַן עצה. מיר וועלען איינלאַדען אַלע חיות צו אַ מיטינג, מיר וועלען זיך פאַרלאָזען אויף יושר.

טענה'ט נעבאַך דער מענש ר' ישראל אַ גאַנץ לאַנגע טענה.

עברי טייטש

איז געקומען דער פערד, דער חזיר, דער כלב. ר׳ ישראל האָט דער־ציילט ווי ער האָט דעם העלפאַנט אויפגעהויבען פון דער ערד מיט גרויס מאַטערניש און יעצט וויל ער איהם צורייסען אויף שטיקער. זאָגט דער פערד, דער חזיר, דער כלב צו דעם העלפאַנט: וואָס האָסטו צו זאָגען אויף דעם? האָט ער זיי געוויזען דעם תהלים, משלם רעה תחת טובה. זאָגט דער פערד, דער חזיר, דער כלב צו ר׳ ישראל: דו האָסט פאַרלאָרען, ער איז גערעכט. דערווייל זיינען אָנגעקומען דער וואָלף, דער בער, דער לייב, דער טיגער. אַלע האָבען געהערט די טענות פון ר׳ ישראל דער מענש. האָבען אַלע חיות אויף איין מאָל אויסגעשריען, אַז ר׳ ישראל האָט פאַרלאָרען, דער העלפאַנט דאַרף איהם צורייסען אויף שטיקלאַך, משלם רעה תחת טובה. אַלע חיות זיינען צולאָפען. דערווייל איז געקומען דער פוקס. זאָגט דער מענש ר׳ ישראל צו דעם העלפאַנט: דער פוקס איז אַ קלוגער, ער וועט זאָגען ווי צו טאָן. זיי דערציילען דעם פוקס די גאַנצע מעשה. זאָגט דער פוקס צו דעם העלפאַנט: די גאַנצע מעשה איז אַ ליגען, אַ קליין מענשעלע קען ניט אויפהויבען אַזאַ גרויסען העלפאַנט, איך גלויב דאָס ניט, דו מוזט מיר צייגען ווי דאָס איז געווען, דו לייג זיך אַנידער אויף דער ערד, איך וויל זעהן, ווי דער קליין מענטשעלע וועט דיך אויפהויבען פון דער ערד. דעם העלפאַנט איז געפעלען די עצה. ער איז געפאַלען צו דער ערד. דער פוקס האָט זיך צו־לאַכט אויף אַ קול און שרייט: ר׳ ישראל, אַנטלויף, יעצט איז די צייט צו אַנטלויפען — שרייט דער פוקס, ר׳ ישראל, דוד המלך זאָגט אין תהלים, אשרי האיש אשר לא הלך בעצת רשעים ובדרך חטאים לא עמד ובמושב לצים לא ישב. מיינע ברידער, דאָס איז גוט אין פרט און אין כלל. ודי לחכימא ברמיזא.

פרק עשרים וארבעה

דער אדם הנסתר, ער מוז זיין באַהאַלטען פון דער וועלט. מיינע ברידער, איך וועל אייך דערציילען וואָס עס האָט געטראָפען מיט אַ פילאָזאָף, אַ שטערען־זעהער, אַסטראָנאָם. ער האָט געזעהן

עברי טייטש

איוף די שטערען, אז דעם זומער וועט זיין שלעכטע ווינטען, עס קומט פון דעם נארד־פאל. די אלע תבואות פון די פעלדער וועלען מא־בען דעם מענשען שיכור. פון די נייע קארען וועט דער ברויט מאכען דעם מענשען נאריש ווי א שיכורער. זאגט ער צו זיך: אליין בין איך דאך א פילאזאף, פאר מיר פאסט ניט צו עסען אזעלכע ברויט, וואס עס מאכט נאריש, שיכור, איך וועל מיר אנזאמלען אלטע קא־רען, אלטע תבואה, מיט דעם ברויט איז מען א קלארער מענש מיט געטליכע חכמה. ער האט געקויפט אלטע קארען, ער האט געגעסען די קלארע ברויט, אבער די מענשען פון זיין שטאט האבען אלע געגעסען די נייע קארען, נייע ברויט, אלע זיינען געווארען פאר־שיכור'ט, פארנארישט, אבער ער האט געגעסען פון דעם אלטען ברויט איז ער געוועזען א קלארער, א חכם, ניט ווי אלע מענשען. זיינע אלע פריינד, אלע באקאנטע האבען דאס באמערקט, אז ער טוט ניט ווי אלע מענשען, האבען אלע געהאלטען א מיטינג וואס צו טאן מיט דעם פילאזאף. זיי האבען באשלאסען, אז מען דארף איהם פאר־פאלגען, ער מוז עסען דעם זעלבען קארען וואס זיי עסען. ער מוז טאן ווי זיי טוען, ניט בעסער פון אלע מענשען. אלע זיינען באשטאנען, אז מען דארף איהם צווינגען ער זאל טאן ווי אלע טוען. אלע האבען פון איהם אפגעלאכט, געמאכט חוזק, געשאלטען, גע'רודפ'ט. שרייט ער צו די לייטע: וואס ווילט איהר פון מיר, איהר האט דען א שאדען, אז איך עס דעם אלטען קארען, וואס עס מאכט דעם מענשען קליגער, בעסער, מיט געטליכער חכמה? איך בין דאך א געטליכער פילאזאף, אז איך וועל עסען די נייע קארען פארליר איך מיין חכמה, אוים פילאזאף. זאגען צו איהם זיינע מיט־מענשען: אבער דער מדרש זאגט, אז דו קומסט אריין אין א מדינה, א פרעמדע לאנד, מוזסטו אפהיטען די געזעצען, די משפטים פון דער מדינה. נכנסת לעיר, נהוג בנמוסה. אז משה רבנו איז געווען אין הימעל 40 טעג, דארטען עסט מען ניט, האט ער אויך ניט געגעסען. די מלאכים זיינען געקומען צו אברהם אבינו, אויף דער וועלט, דא דארף מען עסען, האבען די מלאכים אויך געגעסען. הכלל, מען דארף שטימען מיט דער וועלט.

מיינע ליבע ברידער, פארשטייט דעם משל מיט דעם נמשל. די

עברי טייטש

גאנצע וועלט איז פול מיט שקר, זי רופט זיך עולם השקר, יענע וועלט רופט זיך עולם האמת, עלמא דקשוט, די נשמה איז פון עולם האמת, דער גוף איז פון עולם השקר. דערפאר האט דער מענש א מלחמה מיט דעם יצר הרע. די נשמה וויל גיין מיט דעם אמת מיט דער תורה, צו דינען גאט מיט דעם גאנצען הארצען, אבער דער יצר הרע איז שטארקער פון דער נשמה. דערפאר האט דער באַשעפער פון אלע וועלטען באשאפען תשובה פאר אלע מענשען, ווייל דער יצר הרע איז שטארקער פון דעם מענשען. מען דארף זיין א גבור צו געוועלטיגען איבער די אלע נארישע תאוות, הבל הבלים. איזהו גבור הכובש את יצרו, שנאמר טוב ארך אפים מגבור ומושל ברוחו מלכד עיר (פרקי אבות). דער מענש וואס ער קען דאס טאן, דער איז א בעל רוח הקודש, ער זעהט די שכינה, ער זעהט מלאכים, ער רעדט מיט גאט, ער ווייסט הימלישע סודות, ער רופט זיך דער אדם הנסתר.

איך האב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" פון דעם אדם הנסתר, אז 4 כתות חשמ"ל פארפאלגען איהם. די גמרא זאגט (סוטה דף מ"ב) אמר ר' חסדא א"ר ירמעה בר אבא ד' כתות אין מקבלות פני השכינה: כת חנפים, כת שקרים, כת מלבין פני חברו ברבים, כת לצנים. די 4 כתות פארדארבען די גאנצע וועלט מיט זייער פאלשקייט, זיי מאכען א פגם אין שם הוי"ה אין די אותיות פון דעם שם. לכן אלו ארבע אינם מקבלים פני השכינה, זיי עסען דעם פינסטערען ברויט, וואס ער מאכט זיי נאריש, שיכור, אז זיי דערזעהען דעם אדם הנסתר מאכען זיי איהם פינסטער און ביטער, ווייל ער טוט ניט ווי זיי טוען, דאס זיינען די ביטערע מאכלים וואס מען טאר ניט עסען, מען דארף פון זיי זיך אפשיידען. לא תגנבו, לא תשקרו, לא תשבעו בשמי לשקר, לא תעשק את רעך, לא תגזל, לא תלין פעלת שכיר אתך עד בקר, לא תעשו עול במשפט, לא תלך רכיל, לא תעמד על דם רעך, לא תשנא את אחיך בלבבך, לא תקם ולא תטר, שעטנז לא יעלה עליך, כי ענין המצוות הרעות קשים מן העבירות עצמן מאד כי הם נמשכים מידי קליפות הטומאה הגאוה, הכעס, הקפדנות. בלבו חונף שקרים, לשון הרע, חמדה לגזל

עברי טייטש

ממון חברו, הקנאה העצבות על השגת הבלי עולם הזה, העצלות לקיים התורה והמצוות, דברים בטלים נמשכים על ידי קליפות היצר הרע, השנאה, רכילות, הלבנת פנים, וכינוי שם רע לחברו, וליצנות, ושקר, חניפה, רמיה, סיפור בגנות חברו, להתכבד בקלון חברו, משלח מדנים בין אחים, הסתכלות בעריות וחילול השם קשה מכלם. וכתיב והייתם נקיים מה׳ ומישראל, מבזה תלמיד חכם הוא נקרא אפיקורס, מאכלות אסורות, דאָס איז דער פינסטערער ביטע־רער קאָרען, וואָס די נאַרישע מענשען עסען איהם אין דער פולער מאָס.

יעצט וועלען מיר בסיעתא דשמיא שרייבען פון דעם קאָרען, וואָס דער געטליכער פילאָזאָף דאַרף צו עסען ער זאָל מאַכען שוואַך דעם כח פון יצר הרע און צו שטאַרקען דעם כח פון דעם נפש השכלית. היט זיך פון כעס, היט זיך פון גאוה, אפילו אין דיין הויז, אַז מען וועט דיך מבזה זיין, זאָלסטו ניט ענטפערען, דו זאָלסט זיך לאָזען פאַרשעמען, אָבער ניט פאַרשעמען יענעם. כי על זה כתיב ואוהביו כצאת השמש בגבורתו והעבר על מדתך לכל מי שחטא לך ולא תרגיש צער אפילו בלבבך, כי טוב הוא לך, כי המעביר על מדותיו מעבירין לו על כל פשעיו, וקבל כל אדם בשמחה אף אם הוא שונאך. אַלע דיינע רייד זאָלען זיין בנחת, גיי ניט אַריין אין דעם גבול פון כעס, טו אָפּ עצבות, דאגה פון דיין הארץ. טו אָפּ די שלעכטעס פון דיין לייב, דאָס איז פאַר דיר אַ שטרויכלונג צו אָפּטאָן דעם רוח הקודש פון דיר. אַנטלויף פון דברים בטלים, פון שקר, חניפה, ליצנות, לשון הרע. די כתות האָבען ניט קיין עולם הבא. מאַך זיך פאַר טויב ווי דו הערסט גאָרניט, מאַך זיך פאַר שטום, קיין מויל, נאָר צו תורה און מצוות און צו משא־מתן, צו מאַכען אַ לעבען, מקבל זיין יעדען מענש בסבר פנים יפות ולשון רכה, צו געבען צדקה, צו לערנען תורה לשמה, ניט צו מאַכען געלט פון דער תורה, צו האָבען מחשבות פון דעם הימעל.

זיי וויסען, אַז דו ביסט אַ גאַסט אויף דער וועלט, מען וועט דיך באַלד רופען צוריק אויף דעם עולם האמת. בכל דרכיך דעהו והכל לשם שמים, אַז מען עסט דעם קאָרען, דעם ברויט, איז מען ניט שיכור,

ע ב ר י ט ײ ט ש

ער האָט רוח הקודש, דער געטליכער פילאָזאָף. אָבער די לצים פלאָגען איהם ער זאָל עסען דעם ברויט, וואָס אַלע עסען, זאָגט ער צו זיי: איך האָב געלערענט אין דעם ספר „שנים אוחזין בטלית“ אַ פסוק פון דער תורה, איך האָב קיינמאָל ניט פאַרשטאַנען וואָס דאָס מיינט, ופשט את בגדיו זה מדות רעות, ולבש בגדים אחרים, זה מדות טובות. די גוטע מדות אָנטאָן, די שלעכטע מדות אויסטאָן, אויף דעם איז דער מענש געוואָרען באַשאַפען צו איבערבייטען זיך אליין.

פרק עשרים וחמשה

די שעפּסעלע פאַר דעם משפט פון דעם מלכות פון אַלע חיות.

עס איז אַרוים אַ קלאַנג, אַז אַלע חיות ווילען מאַכען שלום, פריי־דען. איינער דעם צווייטען זאָל ניט רייסען, בייסען. עס זיינען גע־קומען צו דער קאָנפערענץ אַלע חיות און בהמות, און די שוואַכינקע שעפעל איז אויך געקומען צו דער קאָנפערנץ. פרעגט דער פוקס ביי דעם שעפּעלע: ווי קומסטו צווישען חיות? אַלע זיינען שטאַרקע מיט געווער און דו האָסט קיין געווער צו פאַרטיידיקען זיך זעלבסט. זאָגט די שעפּעלע: ע איז יעצט משיח׳ס צייטען, מען רעדט פון שלום אויף דער גאַנצער וועלט, עס איז נאָך דער גרויסער מלחמה, און אַלע צייטונגען פון דער גאַנצער וועלט שרייבען וועגען פרידען, איך אָרימע שעפּעלע האָב געוואָרט עטליכע טויזענט יאָהר אויף דער גליקליכער צייט אַז דער וואָלף מיט דעם אָרימען שעפּעלע וועלען זיך פיטערען צוזאַמען אויף די פעלדער, ווי דער נביא ישעיה האָט געזאָגט נביאות אויף דער גליקליכער צייט, אַז קיינער וועט ניט רייסען, בייסען די אָרימע שעפּעלע. זאָגט דער פוקס: עס קען טאַקע זיין אמת, ווען משיח וועט קומען, אָבער ניט פריער. זאָגט די שעפּעלע: אָבער עס נעמט צו לאַנג זיין קומען. זאָגט דער פוקס: אָט וועלען מיר באַלד הערען דאָ אויף דער קאָנפערענץ וואָס מען וועט באַשליסען וועגען דער שעפּעלע. גאָר צום ערשטען דאַרף מען אויס־היילען די שלעכטעס פון אַלע חיות, מען מוז האָבען אַ גרויסען פראָ־

עברי טייטש

פעסאר צו היילען אלע חיות, זאלען גלויבען אין גאט. דערווייל
האבען אלע חיות דערהערט, אז דאס שעפעלע וויל האבען א מקום
מנוחה מיט אלעמען צו גלייך. דאס האט זיי ניט געשמעקט. זאגט
דער לייב צום בער: עס איז ניט פאסיג פאר אונז, אזעלכע גרויסע
העלדען ווי מיר זיינען, זאלען האבען צו טאן מיט אזא נפש, מען
דארף פון איהר פטור ווערען, וואס באדערט זי אונז דעם קאפ.
מיט א קלאפ פון א האמער איז געווארען אלעם שטיל. דער פאר-
זיצענדער אויף דער פלאטפארמע פרעגט: מיינע ברידער! האט
אימיצער א קלאגע צו באווייזען אויף דער שעפעלע? זאגט דער
פערד: איך האב געזעהן א גרויסע עולה פון איהר, אן ארימאן איז
געגאנגען אין צוריסענע שיך אנגעשטאפט מיט שטרוי אין זיינע
שיך, די שעפעלע איז צוגעלאפען צו דעם ארימאן, האט געגעבען
א כאפ מיט איהר גרויסען מויל עטליכע שטרוי פון זיינע שיך, דער
מאן האט זיך פארקילט און ער איז געווארען קראנק. ער ליגט נעבאך
אין א האספיטאל. דאס איז די קלאגע אויף דער שעפעלע. די
רזשורי האט דערקלערט שולדיג. די שעפעלע טענה'ט, אז זי איז גע-
ווען הונגעריג. לא יבוזו לגנב כי יגנוב למלא נפשו כי ירעב (משלי ו').
שלמה המלך האט געזאגט: מען דארף ניט פארשעמען דעם גנב אויב
ער גנב'עט אז ער איז הונגעריג. זאגט די שעפעלע: איהר האט
געפונען אויף מיר א קליינעם פלעק, ביי אייך איז פאראן גרויסע
פלעקען, גרויסע עולות. האבען אלע חיות אנגעפאנגען צו לאכען,
זיי האבען די שעפעלע צוריסען אין שטיקער.

מיינע ברידער, דער עם ישראל איז די שעפעלע, צאן קדשים,
לשה פזורה נדחה. יעקב און לבן האבען אפגעמאכט אלע שעפסען
פון יעקב זאלען זיין עקדים נקדים וברדים, אלע געפלעקטע און
געפינטעלטע באלאנגען צו יעקב'ן, אלע ווייסע, ריינע קלארע באלאנ-
גען צו לנב'ען. כלומר, לבנ'ס קינדער זאלען זיין אלע רמאים, גנבים
גזלנים, אזוי ווי לבן הארמי איז געווען, אבער ער איז א בר מזל,
אלעס וואס ער טוט איז אלעס ווייס, ניטא קיין פלעק, אבער יעקב'ס
קינדער, די קלענסטע זאך איז דא א פלעק. די אלע שעפעלאך פון
דעם עם ישראל האבען זיך יעצט איבערצייגט, אז צו מאכען פרידען

עברי טייטש

צווישען די שעפעלאך מיט די אלע חיות דארף מען טאקע האבען דעם מלך המשיח ב"ב אמן.

פרק עשרים ושישה

עס איז אן אלטע פראגע אבער עס אימער א נייע פאנטאזיע, מענשען פאנטאזירען איבער די גאטהייט, איבער דער תורה מיט אלע ניסים, וואס עס האט געטראפען אין דער צייט ווען מען איז ארויס פון מצרים. דאן האט פאסירט דער גרעסטער וואונדער, מען האט אלעס פארשריבען אין דער תורה, דאס הייסט אמת ואמונה, אמת איז דאס געווען ביי דעם דור המדבר, אבער ביי די שפעטערע דורות הייסט דאס אמונה, גלויבען, אז מען זעהט מיט די אויגען איז דאס אמת, אבער אז מען הערט מיט די אויערען הייסט דאס אמונה. אין דאווענען שחרית זאגט מען: אמת ויציב, ווייל עס איז ליכטיג, אבער ביי דער נאכט איז פינסטער, ערבית, זאגט מען אמת ואמונה, מען זעט ניט, מען דארף גלויבען. אויך איז דא פאראן א מוסר השכל, איז דער מענש א בר מזל, געזונט, רייך, נחת פון קינדער, הייסט דאס טאג, ליכטיג, קען ער זאגען אמת ויציב. אבער אז דער מענש איז א שלים-מזל, א קראנקער, אן ארימער, פון קינדער צרות, עס איז פינסטער, נאכט, ער דארף לייענען קריאת שמע מיט אמת ואמונה, ווייל דער נביא זאגט מפי העליון לא תצא הרעות והטוב. דאס הייסט פון גאט'ס מויל גייט ניט ארויס קיין שלעכטעס נאר גוטעס. די חכמים אין דער גמרא זאגען, כל מה דעביד רחמנא לטב הוא עביד.. א איד דארף זאגען גם זה לטובה, אז פון דער רעה וועט ארויסקומען א טובה. דערפאר מאכט מען מיט דער האנט אויף די אויגען אז מען זאגט שמע ישראל, ווייל די פליישענע אויגען קענען ניט זעהן די ענדע פון דער צרה, א באווייז האט יעדער מענש פון יוסף הצדיק, פון א שקלאף פון פריזאן איז געווארען א מלך איבער גאנץ מצרים.

די וועגען פון גאט איז פאר דעם מענשען'ס שכל ניט צו פאר-שטיין. די זאך וואס מען זעהט איז דאס אמת, די זאך וואס מען

עברי טייטש

הערט איז דאָס אמונה. אַז דער רבונו של עולם האָט געגעבען די תורה אויפן באַרג סיני ביי מתן תורה, האָט ער אָנגעפאַנגען מיט די ווערטער: אנכי ה' אלהיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים. ער האָט געגעבען די תורה מיט די ווערטער, וואָס אַלע אידען האָבען געזעהן די ניסים פון יציאת מצרים. ער האָט ניט אָנ-געפאַנגען בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ, ווייל גאָט האָט געוואָלט, אַז דער דור המדבר זאָלען נעמען די תורה מיטן זעהן, מיט די אויגען. ער האָט זיי געצאָהלט אין קעש, ניט אויף קרעדיט, נאָר אויף קעש. זיי האָבען אַלע געזעהן די ניסים ונפלאות אין מצרים אויף דעם ים מיט די אַלע פאַסירונגען פון די גאַנצע 40 יאָהר אין דער מדבר. ער האָט אַלעם געצאָהלט מיט קעש אַזוי ווי אַ נייער ביז-נעסמאַן, פון אָנפאַנג צאָהלט ער זיינע בילס מיט קעש, דערנאָך האָט ער קרעדיט, מען באָרגט איהם אַלעם אויף קרעדיט. אַזוי האָט דער רבונו של עולם געהאַנדעלט מיט די אידען, פון אָנפאַנג האָט ער גע-צאָהלט מיט קעש, געגעבען פרעה'ן צען מכות, געשפאָלטען דעם ים, געגעבען מן פון דעם הימעל, וואַסער פון אַ שטיין, פאַר מחלוקת איז קרח געזונקען אין דער ערד, פאַר לשון הרע זיינען געקומען שלאַנגען, האָבען געביסען צום שטאַרבען. מדה כנגד מדה. אַלעם געצאָהלט מיט קעש. אָבער דערנאָך האָט ער באַקומען קרעדיט, אַלעם אויף באָרג, טראָסט, אמונה אין גלות, גם זו לטובה.

אָבער נאָך אַלע זאַכען זאָגט דער נביא: שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה, כלומר מן הפעולה אתה מכיר את הפועל, פון אַ גוטע שטיקל אַרבעט קען מען דערקענען דעם אַרבייטער. למשל, אַז מען זעהט די לופט-שיף וואָס דער דאָקטאָר עקנער האָט גע-מאַכט, זי פליהט אין דער לופטען, ער באַרייזט די גאַנצע וועלט אין עטליכע טעג, פאַרשטייען מיר אַז דער דאָקטאָר עקנער איז אַ גרויסער קינצטלער מיט אַ גרויסען פאַרשטאַנד, אָדער אַז מיר פאָ-רען אין טריין פאַרשטייען מיר אַז דער ערפינדער פון דער טריין איז אַ חכם, און אַז מיר הערען שפּילען דעם ראַדיאָ פאַרשטייען מיר אַז דער ערפינדער פון דעם ראַדיאָ איז אַ פילאָזאָף. דאָס גלייכען אַז מיר לערנען אַ געטליכען ספר מיט געטליכער חכמה, פאַרשטייען מיר אַז דער מחבר פון דעם ספר איז אַ געטליכער מענש.

עברי טייטש

אָט דאָס זאָגט דער נביא ישעיה אין קאַפּיטעל מ׳: שאו מרום עיניכם וראו מי ברא אלה. הויב אויף דיינע אויגען צום הימעל, זעה, באַטראַכט די אַרבייט, וועסטו פאַרשטיין דעם באַשעפער פון וועלט. דוד המלך ע״ה זאָגט אין תהלים: השמים מספרים כבוד אל ומעשי ידי מגיד הרקיע. יום ליום יביע אמם ולילה ללילה יחוה דעת, אין אמר ואין דברים בלי נשמע קולם. דער הימעל דערציילט דעם כבוד פון גאָט, און די אַרבייט פון זיינע הענט זאָגט דער הימעל. עס איז ניטאָ קיין געזאַנגען, ניט קיין ריידען, מען הערט ניט קיין שטימע פון קיינעם. דוד זאָגט אַז מענשען דאַרפען זיך אָפּשטעלען צו באַטראַכטען דעם הימעל מיט די זוהן מיט די שטערען מיט די וואָלקענס. דער מענש דאַרף ווערען באַגייסטערט פון די געטליכע אַרבייט, צו באַוואונדערען די בריאת שמים וארץ. פון דעם אַליין דאַרף מען מקיים זיין די תורה, מצוות, ווייל ער האָט באַשאַפען די וועלט צוליב דער תורה. זאָגט דוד, דער פעלער פאַרוואָס מענשען ווערען ניט פאַרוואונדערט פון די אַלע זאַכען, ווייל ער ווערט געבאָרען מיט די אַלע זאַכען און אַלע טאָג די זעלביגע נייעס. דער מענש איז שוין איינגעוואוינט מיט דעם הימעל, מיט דער זוהן, מיט די שטערען, מיט די וואָלקענס, אַלע טאָג דאָס זעלבע. הרגל נעשה טבע.

איך בין אַמאָל געווען אין אַ מיל. אַ וואַסער מיל, מען מאָלט קאָרען, ווייץ, די רעדער גייען די גאַנצע נאַכט, די וואַסער רוישט, איך בין די גאַנצע צייט ניט געשלאָפען פון דעם רעש פון די וואַסער מיט די רעדער, פון דעם טומעל. אָבער דער מילנער איז געשלאָפען גאַנץ געשמאַק, ער זאָגט, אַז ער הערט ניט. ער איז איינגעוואוינט, הרגל נעשה טבע. דאָס גלייכען איז דער מענש איז איינגעוואוינט צו די אַרבייט, אָבער דער מענש מיט אַ קלאָרען פאַרשטאַנד קען זעהן השגחה פון גאָט אויף יעדען טראָט אויב ער פאַלט ניט אַריין אין דער האַנט פון דעם שטן. דער יצר הרע מאַכט דעם מענשען פאַר אַ בלינדען. גאָט האָט באַשאַפען שבעים אומות בעולם ושבעים שרים בשמים, אָבער יעקב אבינו האָט געהאַט אַ קאַמף מיט דעם שר של עשיו, מט סמאל, ווייל סמאל איז צוויי ווערטער: סם אל, ער

עברי טייטש

מאכט דעם מענשען בלינד, פאר א בלינדען מאכט ער דעם מענשען. דערפאר הייסט ער סמאל, ער מאכט בלינד, ער איז דער שטן, דער יצר הרע, דער מלאך המות.

אין דער תורה איז פאראן א סדרה כי תצא למלחמה על אויביך זו מלחמת היצר. יעקב אבינו זאגט: אשר לקחתי מיד האמרי בחרבי ובקשתי. זאגט רש"י אומר בחרבי ובקשתי היא חכמתו ותפלתו תרגום אונקלס בצלותי ובבעותי, די תורה, די תפלה, די צדקה, דאס טראכטען פון גאטהייט דאס העלפט איינצונעמען די גרויסע מלחמה. אבער איך, דער מחבר פון דעם ספר גיב אן עצה, דאס איז צו זיין אין ענוה דאס איז דער גיפט פאר דעם יצר הרע. ענוה בגימטרי' 131 און סמאל איז אויך בגימטרי' 131, דער זעלבער ציפער 131. מיט עניוות, שפל רוח, שונא גאוה, מיט ענוה באגראבסטו דעם יצר הרע. דאס איז פאר איהם סם, ווייל משה רבנו ווערט גע־רימט אין דער תורה מיט ענוה, והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה. אם אתה תהיה עניו אתה הורג את סמאל. ודע שאני כותב זה הספר בעקבותא דמשיחא, שקרוב הקץ. תהי ידך לעזרני כי פקודיך בחרתי, תאבתי לישועתך ה' ותורתך שעשועי, תחי נפשי ותהללך ומשפטיך יעזרני, יהי רצון שיהיה תועלת גדולה מזה הספר לכל אנשי בית ישראל, אמן.

פרק עשרים ושבעה

אויבי איש אנשי ביתו (מיכה ז'). הוכוח בין הזהב ובין הברזל. ואמרו חז"ל טעם על אויבי איש אנשי ביתו (סוטה מ"ט), משום שהם יודעים את עסקיו מן משא ומתן את כל הון ביתו ואת רכושו זה הממון, כי לפעמים הם ממתינים על הירושה וזה מביא השנאה באנשי ביתו. דעם מענשען'ס שונאים זיינען די אייגענע פאמיליע, ווייל זיי ווייסען זיינע ביזנעס, זיין געלט. אפטמאל ווארט מען אויף דער ירושה, אויב ער לעבט צו לאנג איז מען דערפון ניט צופרידען. אבער דאס איז א כלל, דעם מענשען'ס שונאים זיינען די פריינד. זייט ווייסען, מיינע ברידער, אז דאס טוען ניט קיין צדיקים נאר טאקע

עברי טייטש

רשעים. דער אמת'ער צדיק האָט אַלעמען ליב, פיינט האָבען געווים נים. ווייל די תורה זאָגט: לא תשנא את אחיך בלבבך, הוכח תוכיה את אמיתך ולא תשא עליו חטא (קדושים). אָבער עס גי־בען דאָך שונאים פרעמדע פיל ערגער פון די אייגענע, פאַר וואָס מאַכען די חכמים אַזאַ וועזען אין דער גמרא? עס גיבען פרעמדע שונאים ערגערע ווי פון די אייגענע טאָג טעגליך, גנבות, גזלות, פון פרעמדע שונאים.

נאָר לאָמיר הערען אַ וכוח פון די גאָלד מיט די אייזען. מיסטער גאָלד און מיסטער אייזען האָבען זיך געטראָפען ביי אַ מיטינג אין דער סאָסייעטי פון אַלע מעטאַלען: גאָלד, זילבער, קופער, מעש. בליי, בלעך, אייזען. מען האָט גענדאַרפט מאַכען אַ פרעזידענט. 2 קאַנדידאַטען זיינען געלאָפען צו ווערען פרעזידענט: מיסטער גאָלד און מיסטער אייזען. די מעמבערס פון גאָלד'ס צד האָבען גע־וואָלט ערוועהלען דעם מיסטער גאָלד, ווייל ער איז אַ יחסן: בצלאל האָט געמאַכט דעם ארון צו האַלטען די לוחות באַדעקט מיט גאָלד. פון דרויסען און פון אינעווייניג באַדעקט מיט גאָלד. ויצפהו זהב טהור מבית ומחוץ (ויקהל). און די אַלע כלים זיינען געווען זהב טהור, ריינע קאָלד. דערפאַר פּאַסט איהם צו זיין דער פרעזידענט פון אונזער סאָסייעטי. זאָגען די מעמבערס פון דעם צווייטען צד, אַז די תורה האָט געמיינט צו צייגען דעם תלמיד חכם, וואָס ער איז דער ארון, אַז ער זאָל זיין ריינע גאָלד אינווייניג און אויסענווייניג, ער זאָל רעדען מיט דעם מויל וואָס ער טראַכט אין זיין האַרצען. ניט אַנדערש, ער טאָר ניט זיין אחד בפה ואחד בלב. אָבער מיר ווי־לען אויסקלייבען פאַר פרעזידענט מיסטער אייזען, ווייל ער שפייזט די גאַנצע וועלט. אַלע פעלדער ווערען געאַקערט, געזייט, אַלע תבואות — מיט די אייזען, דער אייזען שפייזט די גאַנצע וועלט. עס איז געוואָרען ביי דעם מיטינג פון עלעקשאָן אַ מחלוקה. זאָגט דער טשערמאַן: מיר וועלען שיקען רופען דעם מחבר פון דעם ספר „השארת הנפש", ער איז אַן אמת'ער מענש, אָן פניות, ער וועט דאָ מאַכען אַ פשרה.

בין איך געקומען צו דעם מיטינג האָב איך געהערט אַלע טענות, האָב איך געזאָגט, אַז מען דאַרף עלעקטען פאַר פרעזידענט גאָלד'ן,

עברי טייטש

ווייל ער האָט אַ גוטע מעלה. זאָגען צו מיר אַלע מעמבערס, וואָס איז זיין מעלה? זאָג איך צו זיי: מיינע ברידער, איך וועל אייך ער־קלערען דייטליך, אַז פאַר איין פונט גאָלד קען מען קויפען עטליכע טויזענט פונט אייזען. גאָלד איז טייער און אייזען איז ביליג, און דאָך איז דער גאָלד אַ גרויסער עניו, ער האַלט זיך קליין מיט עניוות, דער אייזען האַלט זיך זייער גרויס, מיט גאוה. זאָגען צו מיר אַלע מעמ־בערס: ווי קען זיין גאָלד איז אַן עני׳ און אייזען איז אַ בעל גאוה, אָבער דאָס איז אַ פאַקט, וואָס אַלע קענען זעמן דעם אמת. איך בין איין מאָל אַריין צו אַ גאָלד־שמיד פאַרריכטען מיין זייגער, האָב איך גע־זעהן ווי דער גאָלד־שמיד האַלט אַ שטיק גאָלד אין דער האַנט און קלאַפט איהם מיט אַ האַמער מיט שטאַרקע קלעפּ און דער גאָלד האָט ניט געשריען. גאַנץ שטיל האָט דער גאָלד עפּעס געמורמעלט. זאָג איך צו דעם גאָלד־שמיד, אַז דער גאָלד איז אַן עני׳. דערנאָך דערצייל איך פאַר די מעמבערס, אַז איך בין איין מאָל געווען ביי אַ קאָוואַל אין דער קוזניע, האָב איך געזעהן ווי דער קאָוואַל האַלט אַ שטיק אייזען און קלאַפּט מיט אַ האַמער און דער אייזען שרייט מיט קולות ביז אין הימעל. געוואַלדען, קולות אַז מען הערט פון וויטען, ער וויל ניט ליידען אַז מען שלאָגט איהם. זאָג איך צו זיי, יעצט זעה איך דעם אמת, אַז וואָס די זאַך איז מערער ווערדע האַלט ער פון עניוות און וואָס די זאַך איז פּראָסטער איז ער מערער בעל גאוה. אברהם האָט געזאָגט ואנכי עפר ואפר. דוד האָט געזאָגט ואנכי תולעת ולא איש. משה רבנו האָט געזאָגט ונחנו מה. די געטליכע מענשען זיינען ביי זיך געפאַלען און די רשעים האַלטען זיך גרויס, בעלי גאוה. הכלל, זאָג איך, אַז די גאָלד אַז מען קלאַפּט איהם פאַר־שוויינט ער, און דער אייזען שרייט גוואַלדען, קולות.

לויפט צו דער מיסטער אייזען אַ צוקאָכטער מיט היץ און שרייט מיט קולות: עס איז ניט גלייך, זאָגט דער אייזען, עס ווענדט זיך וועך עס שלאָגט, ווער עס קלאַפּט. די גאָלד ווערט געקלאַפּט פון אַ פרעמדען, דער האַמער און די גאָלד זיינען פרעמדע, איז איהם דער ווייטאָג קלענער, אָבער מיך, צום באַדויערען, מיך קלאַפּט מיינער אַ ברודער, איז מיר דער ווייטאָג גרעסער, אַן אייגענער ברודער

ע ב ר י ט י י ט ש

זאל מיך קלאפען מיינע ביינער דערפאר שריי איך מיט קולות און גוואלדען.

מיינע ליבע ברידער, אט דאס מיינט דער נביא מיכה, אויבי איש אנשי ביתו. אז מען טוט אייך א שאדען, הן אין געלט, הן אין כבוד, אז דאס טוט אן אייגענער פון משפחה איז דער ווייטאג פיל גרעסער. דערוויילע זאגען מיר צו די מעמבערס: גיט אונז א טעם פאר וואס די צדיקים זיינען ביי זיך קליין און די רשעים זיינען ביי זיך גרויס, מיט גאוה, שטאלץ? זאג איך צו זיי: דאס איז א נאטירליכע זאך, זאנגען מיט קארען אין פעלד, פולע זאנגען מיט קערנער, בויגען זיך ארונטער, אבער פוסטע זאנגען שטייען גלייך אין דער הויך מיט פארריסענע קעפ. דער אמת'ער צדיק האט אפולע מצוות, מעשים טובים, דאס וועגט איהם ארונטער, ווי די זאנג מיט די קארען. אבער דער רשע איז א פוסטער מענש, אן מצוות און מעשים טובים, א פוסטער זאנג אן קערנער. פוסטע שטרוי שטייט אין דער הויך, פארריסען דעם קאפ, ווייל ער איז פוסט, ניטא וואס עס זאל איהם אראפוועגען. אלזא, דער אייזען האט רעכט וואס ער שרייט נעבאך, ער ווערט געשלאגען פון זיין אייגענעם ברודער. דא האבען מיר א לעסאן ניט צו טאן קיינעם קיין שלעכטעס, ווייל דער מענש איז א שוואכע בריאה, אפילו אייזען קען אויך ניט ליידען אז מען שלאגט איהם. א מענש געוויס ניט. ואהבת לרעך כמוך אני ה' (קדושים).

מיינע ברידער, די אכטע מדרגה איז י ר א ת - ח ט א. א חוטא איז שוגג. דער מענש טוט זינד ניט וויסענדיגערהייט, אומגערען, אבער גאט איז מדקדק מיט דעם צדיק אויף דער קלענסטער זאך, ווייל ווען א מענש טראגט א ווייסען מלבוש, א ווייסען בגד, דארף ער זיך היטען, דער פלעק איז קענטיג. אזוי איז דער צדיק, ער טראגט א ווייסע נשמה מיט תורה און מצוות, דארף ער דאס ניט פארפלעקען. דערפאר ווערט דער צדיק געשטראפט אויף די קלענסטע עבירה, ווייל עס פאלט דער פלעק אויף א ווייסען בגד, מען דארף מאכען ריין פון די פלעקען. אבער אז מען טראגט א פארשמוציגטען בגד, איז דער פלעק ניט קענטיג, דאס איז דער רשע, זיינע עבירות זיינען אויף זיין נשמה

עברי טייטש

ניט אזוי קענטיג, ווייל זיין נשמה איז אין גאנצען פינסטער.

דאס איז דער ספור המעשה. איך וועל אייך דערציילען וואס עס האט געטראפען מיט אן עשיר. עס איז געווען א גביר אין א שטאט, ער האט געהאט צוויי זיהן: חיים און בטן.ביידע זיינען געווען גרויס בחורים, געזעסן ביים פאטער אויף קעסט, גארניט געטאן. איין מאל זאגט דער פאטער צו די צוויי זיהן חיים און בטן: מיינע ליבע קינדער, איך קען אייך, גאט צו דאנקען, האלטען בכבוד, איך בין געגוג רייך, אבער עס איז ניט קיין תכלית צו עסען און טרינקען בחינם. עס איז בעסער אז א מענש קען פארדינען צו מאכען א לע־בען פאר זיך אליין, מען איז מערער אינדעפענדענט, אז מען פאר־דינט אליין. אייגענע פראצע איז געשמאק. די גמרא זאגט: המצפה לשלחן אחרים עולם חשך בעדו, דער וואס האפט אויף פרעמדע טי־שען איז די וועלט פאר איהם פינסטער. מיינע ליבע קינדער איך וועל אייך געבען גענוג געלט, פארט אין א פרעמדע לאנד, מיט דעם קא־פיטאל טוט עפס ביזנעס, מסחר, האנדלען, קויפען גוטע אנטיקען צו מאכען געלט, דער פאטער מיט דער מוטער וועלען האבען גרויס נחת פון אייך.

חיים און בטן זיינען אוועקגעפארען אין אפריקע. חיים האט יעדען טאג געקויפט א ביסעל גאלד, זילבער, פערעל, דיימאנדס, האט די ווארע איינגעפאקט, גוט פארשלאסען. זאגט חיים צו בטן: איך פאר צו פאטער און מוטער, איך האב מער ניט קיין געלט צו קויפען נאך גאלד, זילבער פערעל, דיימאנדס. זאגט דער ברודער בטן: איך וועל אויך קויפען סחורה פאר מיין קאפיטאל וואס איך האב. ער איז געגאנגען אין די מארקעטס און האט געקויפט פאר די גאנצע געלט פעטע פלייש, , איינגעפאקט די פלייש אין באקסעס. חיים זיין ברודער האט געשריען געזויינט: בטן מיין ברודער, מען דארף ניט קיין פלייש, עס קען ווערען פארשטונקען, די הינט וועלען דאס אויך ניט קענען עסען, ביז מיר וועלען קומען אהיים צו די על־טערען. בטן האט חיים'ען זיין ברודער אויסגעלאכט, ער האט נאך איהם גוט אנגעזידעלט, אנגעשאלטען, ער האט געמוזט שווייגען.

זיי זיינען מיט מזל געקומען צו די עלטערען אהיים. עס איז

ע ב ר י ט י י ט ש

שמחה וששון, עס קומען אָן געסט פון אפריקה, חיים און בטן. שלום עליכם, מיינע ליבע קינדער! עליכם שלום, ליבע עלטערען! די גאַנצע הויז איז געפּאַקט מיט פריינד, אַלע קומען זעהן וואָס חיים און בטן האָבען געבראַכט פון אפריקה. חיים האָט געעפענט די קאַסטענס מיט די אַנטיקען, עס איז געוואָרען ליכטיי אין הויז פון די גאָלד, זילבער, פּערעל, דיימאַנדס. דער פּאָטער, די מוטער האָבען גע-קושט דעם קלוגען זוהן חיים. דאָס איז אַ חכם, אַ פילאָזאָף, גוטע וואָרע, גרויסע פּראָפיטען, אַ טייערער זוהן. זאָגען דער פּאָטער מיט דער מוטער: מיין טייערער זוהן בטן, וואָס האָסטו געבראַכט פאַר דעם קאַפּיטאַל, וואָס איך האָב דיר געגעבען צו האַנדלען אין אפריקע? זאָגט בטן: מיין וואָרע שטייט אין די באַקסעס איינגעפּאַקט, טראָגט אריין די באַקסעס. די משרתים האָבען געעפענט די באַקסעס מיט די פלייש, עס איז געוואָרען פינסטער אין הויז, די פלייש איז גע-וואָרען פול מיט ווערים, עס שמעקט אַ שלעכטער ריח, מען קען ניט איינשטיין לעבען די פלייש פון די ווערים. די עלטערען האָבען געהאַט צער, ווייטאָג פון זייער נאַרישען זוהן בטן, מען האָט געמוזט וואַרפען די פלייש פאַר די הינט, די כלבים האָבען די פלייש ניט גע-קענט עסען.

מיינע ברידער, מיר וועלען גיין פון דעם משל צו דעם נמשל. דער זהר הקדוש זאָגט: אַלע נשמות זיינען באַשאַפען געוואָרען אין די ששת ימי המעשה, פון אָנפאַנג וועלט. זיי זיצען אַלע אויף קעסט אין גן עדן. זאָגט גאָט: מיינע קינדער, עס איז ניט קיין תכלית צו זיצען אימער אויף קעסט, איך וועל אייך געבען קאַפּיטאַל, פּאָרט נאָך אַפריקע, טוט דאָרשען ביזנעס. מיינע ברידער, דער קאַ-פּיטאַל דאָס איז דעם מענשענס יאָהרען, די 70 יאָהר, ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: ימי שנותינו בהם שבעים שנה, אַפריקע דאָס איז די גאַנצע וועלט: עפר, אדמה, ארץ. חיים דאָס איז די נשמה, דער לעבען. חיים איז דער טייטש לעבען. בטן איז דער בויך. דער צדיק וואָס ער דינט גאָט מיט תורה, מצוות און מעשים טובים ער הייסט חיים (פרקי אבות). מרבה תורה מרבה חיים, מרבה ישיבה מרבה חכמה, מרבה עצה מרבה תבונה, מרבי צדקה מרבה שלום, קנה

עברי טייטש

שם טוב קנה לעצמו, קנה לו דברי תורה קנה לו חיי עולם הבא. די תורה דאָס איז די גאָלד, זילבער, פערעל, דיימאַנדס. הנחמדים מזהב ומפז רב, ווי דוד זאָגט אין תהלים: טוב לי תורת פיך מאלפי זהב וכסף. שלמה המלך זאָגט אין משלי (משלי ג') יקרה היא מפנינים וכל חפציך לא ישוו בה, די תורה איז טייערער פון פערעל. דער צדיק הייסט חיים, ער קויפט תורה, מצוות. דער נאַרישער זוהן הייסט בטן. שלמה זאָגט אין (משלי י"ג) צדיק אכל לשבע נפשו ובטן רשעים תחסר. ער לעבט נאָר אויף דער וועלט צו עסען, טרינקען וואָס מערער, עס פעלט איהם נאָך אין בויך, ער האָט ניט קיין תכלית אין דעם לעבען נאָר פאַר דעם בויך. דאָס זאָגען די חכמים אין פרקי אבות מרבה בשר מרבה רמה, מרבה נכסים מרבה דאגה, מרבה נשים מרבה כשפים, מרבה שפחות מרבה זמה, מרבה עבדים מרבה גזל. דאָס איז אַלץ אַזעלכע סחורה וואָס ווערט פול מיט ווערים. די אַלע סחורה ווערט אַלעס באַגראָבען אין דער ערד, עס ווערט אַלעס צופוילט, די ווערים עסען דאָס אויף. די עלטערען זיינען דער רבונו של עולם. די מוטער איז די תורה. זיי האָבען גרויס צער פון דעם נאַרישען זוהן (די גמרא אין חגיגא דף ט"ו), בזמן שאדם מצטער שכינה מה, לשון אומרת קלני מראשי קלני מזרועי, אם כך הקב"ה מצטער על דמן של רשעים שנשפך ק"ו על דמן של צדיקים שנשפך. (ענף יוסף) השכינה אומרת קלני מראשי קלני מזרועי הכונה כי חז"ל ראו את העולם הזה בשם עולם המעשה, המיוחס אל היד, והעולמות העליונים בשם עולם המחשביי למען רוחניותם המיוחד אל הראש. ולכן על העדר האדם המורכב משניהם, היינו משמים ממעל ומהארץ מתחת, השכינה אומרת קלני מראשי קלני מזרועי, כלומר קובל אני על מה שנפחתי בו נשמת חיים המיוחס לראשי, גם קובל אני על מעשי ופועל ידי אשר עשיתי בזרועי. ווי איך האָב געשריבען דעם משל מיט דעם טריין מיט 10 וואַקזאַלען, דער טריין ברייגגט דעם מענשען צו זיין היים, אַזוי איז די תורה, זי ברייגגט דעם מענשען צו אַלע 10 מדרגוות ביז רוח הקודש. י ר א ת ח ט א מביאה ליד חסידות עד רוח הקודש.

פרק עשרים ושמונה

ע ב ר י ט יי ט ש

שועלים קטנים מחבלים כרמים משפט מות. דער פוקס איז גע-קומען צו דעם וויינגאַרטען פון דעם קעניג, ער האָט געוואָלט אריינ-געהן אין וויינגאַרטען, איז ער געווען פאַרצוימט פון אַלע זייטען מיט אַ הויכען גדר האָט ער זיך דורכגעשפּאַרט דורך אַ קליינעם לאָך אונטער דעם גדר. ער האָט דאָרטען געגעסען די בעסטע וויינ-טרויבען ביז ער איז געוואָרען פעט. ער האָט דערהערט די טריט פון דעם שומר הכרם, ער קומט מיט אַ שווערד איהם אָפּצוהאַקען זיין קאָפּ, איז ער געלאָפען צו דעם זעלביגען פלאַץ אונטער דעם גדר צו אַנטלויפען. דער שומר קומט מיט אַ געוועהר איהם צו טויטען, ער האָט ניט געקענט ארויסגעהן דורך דעם לאָך, ווייל ער איז געוואָרען צו פעט. האָט ער געפאַסט עטליכע טעג, איז ער גע-וואָרען מאָגער. דאַן איז ער אַרויס פון דעם וויינגאַרטען. קערט דער פוקס אום זיין פנים צו דעם וויינגאַרטען און שרייט מיט געוויין מיט ביטערע טרערען : דו פאַרשעמטער וויינגאַרטען וואָס האָב איך געהאַט פון דיר נאָר צרות, איך בין אריין מאָגער און אַרויס מאָגער, נאָך ערגער פון פריער. אומזיסט האָב איך זיך געמיהט. מה יתרון אלי שעמלתי תחת השמש, לעמל ולריק יגעתי הכל הבל. איך האָב זיך געמאַטערט פאַר אומזיסט, שרייט דער פוקס מיט קולות. דער וויינגאַרטען האָט איהם אָפּגענאַרט.

אויף זיינע קולות איז אָנגעקומען דער פּרעזידענט בצלאל מיט אַלע מעמבערס פון דער חברה שומרי התורה והמצות. זאָגט דער פוקס : ברוכים הבאים ר' בצלאל מיט אַלע מעמבערס פון שומרי התורה והמצות. פון וואנען קומט איהר יעצט אַלע אַזוי לעבעדיג ? זאָגט בצלאל : מיר קומען יעצט פון סעמעטערי, מיר האָבען גע-מאַכט אַ חינוך הגדר אַרום דעם בית עולם. מיר האָבען גענומען אַ גוטען שנעפּסעל. מיר האָבען זיך אַלע משמח געווען ביי דעם גדר. זאָגט דער פוקס : איך האָב געהאַט אַ מפּלה פון דעם גדר פון דעם וויינגאַרטען, איך האָב געהאַט דאָרטען טויט שרעק און איך בין אַרויס פון דעם וויינגאַרטען נאָך ערגער מאָגערער דער־ער

עברי טייטש

ווי פריער, דאָס איז מיין געוויין שעמלתי תחת השמש בחנם. זאָגט דער געטליכער מאַן בצלאל : עס איז מיר אַ גרויסער וואונדער אויף דיר, די גאַנצע וועלט זאָגט אַז דער פקוס איז אַ קלוגער, אַ חכם, ער קען אָפּנאַרען אַלעמען, דו האָסט געקענט זיין גליקליך אויף דיין גאַנצען לעבען ווען דו ביזט געווען אין קעניגליכען גאָרטען, דאָרטען איז פאַראַן די בעסטע וויינען, מיט די בעסטע פרוכט, האָסטו גע־דאַרפט נעמען אַלע פּירות און אַרויסוואַרפען אויף דעם אַנדערען זייט גדר דורך דער צאַם. די צאַם איז געמאַכט פון אייזערנע שטע־קענס אָבער שיטערע, פון איין שטעקען ביז דעם צווייטען קען אַריין די גרעסטע האַנד, אויב ער איז ניט קיין קמצן, די האַנד פון דעם קאָרגען קען ניט דורכגעהן. דו האָסט געקענט זיין פאַרזאָרגט מיט אַ גוטע עלטער אָבער דו האָסט נאָר געפּאַקט אין זיך אַליין, דו האָסט געמיינט אַז דו ביזט אַריין אין דעם קעניגליכען גאָרטען אויף אַלעמאָל, ניין מען לעבט ניט אייביג, מען דאַרף ניט פאַרגעסען אַז מען איז אַ גאַסט אויף דער וועלט אַזוי ווי אין אַ האָטעל אויף אַ ווייל. פון דעם טייערען גאָרטען די גוטע פרוכט דאַרף מען וואַרפען אַריבער דעם גדר אָפּצושפּאַרען אויף דער עלטער.

שלמה המלך זאָגט ותשחק ליום אחרון. דער מענטש די נשמה דאַרף זיך פרעהען מיט דעם לעצטען טאָג פון דער נאַרישער וועלט. זאָגט דער פוקס : ר' בצלאל, פון וואַנען האָט איהר גענומען אַלע גוטע געדאַנקען, גוטע ווערטער. וואָס פאַרשטעהסטו ניט — איך האָב געלערענט דעם ספר „שנים אוחזין בטלית" פון דעם געטליכען מחבר בנימין זאב ב"ר אריה ז"ל ראַזאָף, ער האָט געשריבען אין חלק „מרפא לנפש" דעם גאַנצען וועג צו רוח הקודש, אַז מען לע־רענט דעם געטליכען ספר ווערט מען קליגער, בעסער, מיט גוטע מדות. ער לערענט דאָרטען דעם מענטש די עשרה מדרגות ביז רוח הקודש. זאָגט דער פוקס : ר' בצלאל פון וואַנען ווייסט איהר אַז אַלעס וואָס ער האָט געשריבען אין זיין ספר איז אמת ? אַ פּראָפעסאָר שרייבט אַ בוך פון מעדיצין, רפואות פאַר קראַנקע חלאים, זאָלסטו וויסען אַז דער דאָקטאָר פאַרשטעהט די קריינק, מיט די מעדיצין צו היילען. אַז דער פּראָפעסאָר פון מוזיק האָט אַנגעשריבען אַ בוך

עברי טייטש

מיט נאַטען צו שפּילען, קען ער געווים אַליין שפּילען אויף די אינ־סטרומענטען וואָס ער לערענט דעם צווייטען. אַזוי איז די נאַטור פון דער וועלט וואָס גאָט האָט באַשאַפען. אַז ער האָט געשריבען דעם וועג צו רוח הקודש ווייסט ער געווים וואָס דאָס איז, ווייל ער איז אַ געטליכער מאַן. אין זיין יוגענד האָט ער געלערענט אַלע ספרי מוסר ביז ער איז אַלט געוואָרען 36 יאָהר, פון 36 יאָהר אָן לערענט ער קבלה, זהר הקדוש, מיט דעם מורה נבוכים. דעם געטליכען ספר „שנים אוחזין בטלית“ האָט ער אויפגעשריבען אין 6 חדשים צייט, אָן ער איז אַן אַרבייטער, און איז אַ קראַנקער מענטש, אָבער ער האָט אַ סיעתא דשמיא צו די סודות התורה, ער שרייבט אַז משיח איז אין אַמעריקע, ער וועט זיך אַרוים ציינען אין אַמעריקע, קענען מיר איהם געוויס גלויבען, ער וועט קיין שקר ניט שרייבען.

דער פוקס האָט אַראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ פּאַר בצלאל. בצל אל היית, בצלאל איז אַ געטליכער מענטש, אַן אדם נסתר. זאָגט דער פוקס אַז אויף אַזאַ אופן דאַרף מען קויפען זיינע ספרים: דעם „שנים אוחזין בטלית“ און דעם ספר „השארת הנפש“, וועט מען קענען זאָגען ותשחק ליום אחרון, דאָס איז די נשמה פון דעם מחבר פון דעם ספר.

צווייערליי גלאָז איז דאָ אויף דער וועלט. גלאָז פון אַ פענסטער און גלאָז פון אַ שפּיגעל, דער צדיק תמים קוקט אין דער פענסטער צו העלפען דעם עני ואביון, און דער צדיק וואָס ער איז ניט קיין תמים דער קוקט אין דער גלאָז פון דער שפּיגעל. ער קוקט נאָר אויף זיך אַליין, ער איז אַ צדיק ביז דער קעשענע ביז דעם פּאַקעט. די וועלט איז דער וויינגאָרטען די תורה מיט אַלע מצות דאָס זיינען די פּרוכט, מען דאַרף וואַרפען איבער'ן גדר.

פרק עשרים ותשעה

השועל והחמור היו בשדה, שחק השועל מן החמור לפי שהוא עבד כל היום עבודה קשה בעבור המזונות. אמר השועל אל החמור: אני חכם יותר ממך, כי יש לי מזונות בלא יגיעה ואתה עיף ויגע כל

עברי טייטש

היום בעבור אכילה, ואיה השכל שלך ? ויצחק השועל מן החמור. דער פוקס מיט דעם אייזעל האָבען זיך געטראָפען אין פעלד האָט דער פוקס געלאַכט פון דעם אייזעל, וואָס ער אַרבייט דעם גאַנצען טאָג פאַר זיין שפייז. דו נאַרישער אייזעל קאָפּ, פאַר דעם מאָל אָפּ־צועסען צו אַרבייטען שווער און ביטער. דער פוקס לאַכט פון איהם. זאָגט דער אייזעל צו דעם פוקס : דאָס איז די ערשטע מצוה וואָס גאָט האָט געגעבען צו אדם הראשון אין דער תורה, בזעת אפיך תאכל לחם עד שובך אל האדמה. מיט דעם שווייס פון פנים זאָלסטו עסען דיין ברויט, כשרה פאַרדינטע ברויט אָן פאַלשקייט. דו פאַל־שער פוקס דו לאַכסט נאָך פון מיר, קום מיט מיר וועל איך דיר צייגען אַלע פריזאָנס זיינען געפּאַקט מיט די פאַלשע פיקסען, גנבים, גזלנים, האָלד האָפּניקעס, רויבערס, זיי פאַרדאַרבען די וועלט, זיי האַלטען אַלעמען אין שרעק מען מוז האָבען פאַר זיי פריזאָנס מיט עלעקטריק טשערס, דער גאַנצער פּאָלים דעפּאַרטמענט איז נאָר צוליעב די פאַלשע פוקסען, די פאַלשע מענטשען וואָס ווילען ניט אַרבייטען. קוק זיך איין אין דער תורה וועסטו זעהן ווי אַלע צדיקים האָבען געאַרבייט צו מאַכען אַ כשר'ען לעבען. יעקב אבינו מיט זיינע קינדער אַלע 12 שבטים זיינען געווען פּאַסטוכער. דעם גאַנצען טאָג געווען אין פעלד מיט די שעפּעלאַך אין היץ און אין קעלט צו פאַר־דינען כשר'ע ברויט, יעקב זאָגט צו לבן : הייתי ביום אוכלני חרב וקרח בלילה ותדד שנתי מעיני. דעם גאַנצען טאָג בין איך געווען אין פעלד געליטען פון שטאַרקער היץ און ביי דער נאַכט געליטען קעלט. פאַרוואָגעלט דער שלאָפען פון מיינע אויגען. משה רבנו איז געווען אַ פּאַסטוך אין פעלד מיט שעפּעלאַך פון יתרו. דוד המלך איז געווען אַ פּאַסטוך אין פעלד מיט שעפּעלאַך. (תהלים, ע"ח) מאחר עלות הביאו לרעות ביעקב עמו בישראל נחלתו. פון הינטער די יונגע שאָף האָט גאָט געבראַכט דעם דוד ער זאָל געוועלטיגען אין זיי, ער זאָל זייער מלך זיין. דערום האָט איהם גאָט אויסדערוויילט, ווייל ער איז געווען אַ גרויסער רחמן, ער האָט געווידעט די שאָף פון זיין פאָטער ישי, פלעגט ער די יונגע שעפּסעלעך פריער לאָזען עסען די שפּיצען פון דעם גראָז וואָס זיינען ווייך, דערנאָך האָבען

עברי טייטש

געגעסען די אַלטע שעפּסען די גראַז מיט די וואָרצלען, ווייל זיי האָבען גוטע ציינער. האָט גאָט געזאָגט דער איז ראוי צו זיין אַ מלך איבער מיין פאָלק ישראל, ווייל ער איז אַ גרויסער רחמן. און אויך געפינען מיר אין דער גמרא אַז די תנאים זיינען געווען אַרבייטער, חנוך בן ירד איז געווען אַ שוסטער ער איז אַרויף אין הימעל לעבעדיגערהייד. ויתהלך חנוך את האלהים ואיננו כי לקח אתו אלהים. ער איז גע-וואָרען דער מלאך מטטרון.

וואָס זאָגסטו אויף דעם דו פאַלשער פוקס, דו האָסט געהערט אַז דער מחבר פון ספר „שנים אוחזין בטלית“ און דעם ספר „השארת הנפש“, 2 געטליכע ספרים, איז דער מחבר פון די ספרים אַ בעל מלאכה פון 13 יאָהר אָן, אַלס קינד אַן אַרבייטער, יעצט מאַכט ער נעקטייעס און לערענט, שרייבט ספרים, איך האָב געהערט ווי ער האָט געהאַט אַ ויכוח מיט אַן אפיקורוס איבער די גאָטהייט און איבער דער תורה. דער אפיקורוס זאָגט צו דעם מחבר וואָס איז די מעשה מיט דער תורה ? איהר שרייבט אין ספר „שנים אוחזין בטלית“, אַז די תורה איז ווי דער טריין ער פירט דעם מענטשען ביז רוח הקודש. ער שרייבט דאָרטען אין זיין ספר אַז אַ מענטש דאַרף פאָרען פון איין שטאָדט צו אַן אַנדער שטאָדט 500 מייל רייזע, עס איז פאַראַן 10 וואָקזאַלען, אויף יעדער 50 מייל איז דאָ אַ וואָקזאַל, קויפט דער מענטש אַ טיקעט ער באַצאָלט פאַר אַלע 10 וואָקזאַלען פאַר דער גאַנצער רייזע און דער טריין ברייננגט איהם אין דער שטאָדט וואָס ער דאַרף קומען. דאָס איז דער משל מיט דעם נמשל, אמר רבי פנחס בן יאיר, תורה מביאה, תורה ברייננגט דעם מענ-טשען צו זהירות, צו זריזות, צו נקיות, צו פרישות, צו טהרה, צו קדושה, צו ענוה, צו יראת חטא, צו חסידות, צו רוח הקודש, די תורה איז דער טריין זי ברייננגט דעם מענטשען צו דער שטאָדט פון נבואה. דאָס איז דער אדם הנסתר. מען דאַרף אָבער קויפען אַ טיקעט, דער טיקעט רופט זיך תמים אַ גאַנצער 100 פּראָצענט ישראל צו גאָט און צו לייט, ביי אַלע צדיקים איז געשריבען דער טיקעט תמים : נח איש צדיק תמים היה. אברהם התהלך לפני והיה תמים. משה זאָגט צו די אידען תמים תהיה עם ה' אלהיך.

עברי טייטש

דער טיקעט רופט זיך תמים אַ גאַנצער ניט קיין האַלבער איד, דער וואָס איז פרום צו גאָט אַליין איז אַ האַלבער, דער וואָס איז גוט צו לייטען צו מענטשען איז אַ האַלבער. צוזאַמען צו גאָט און צו לייטען 100 פּראָצענט ישראל.

תמים נוטריקון תורה, מצות, יראה, מדות. אַזאַ מענטש מוז האָבען רוח הקודש. זאָגט דער אפיקורוס איך האָב אויך געלערענט תורה פאַרוואָס בין איך ניט געקומען צו דעם תכלית ? ערקלערט מיר די סבה דערפון, דער זעלבער טריין דער פאָרט צו גאָט און דער פאָרט צום טייפעל, דער צום גן עדן דער צום גהינום. ליבער מחבר האָט רחמנות אויף די אפיקורוסים, זעהר פיין פון אייער זייט, איך וועל אייך בעזרת השם יתברך אַלעס אויפצייגען. די תורה האָט געזאָגט אין משפטים : לא תקח שוחד כי השחד יעור פקחים ויסלף דברי צדיקים. מען טאָר ניט נעמען קיין שחד, קיין גרעפט, אַז מען נעמט שחד ווערט מען בלינד מען זעהט ניט קיין עולה. דער גרעפט פאַרבלענדעט די אויגען, דער יצר הרע גיט דעם מענטשען שחד, תענוג עולם הזה. אַלע פאַרגעניגען פון דער וועלט פון הבל הבלים. דאָס איז דער גרעסטער שחד ווערט דער מענטש אַ בלינדער. איך האָב דאָך געשריבען דעם טעם פאַרוואָס דער יצר הרע הייסט סמאל, דאָס איז 2 ווערטער סמ אל, ער מאַכט דעם מענטשען פאַר אַ בלינ־דען מיט זיין שחד מיט די אַלע פלעזשורס פון דער וועלט. אָבער אַז מען לערענט תורה לשמה קיין שחד פון דעם יצר הרע פון תענוג עולם הזה פון עולם ההבל, דאָס לערנען מאַכט דעם מענטשען זעה־ענדיג. דער זהר הקדוש קומט מיט דעם לשון תא חזי קום און זעה. דער לשון חזיון איז התגלות אלהות מראה נבואה דאָס איז פאַראַן אין אַלע צייטען. די תורה גיט אַ רמז וכל העם רואים את הקולות, ראו לו נאמר אלא רואים משמע בהוה. דאָס פאָלק זעהט די ווערטער פון גאָט אַלע צייטען, דאָס איז דער אדם הנסתר. עס האָט געדאַרפט זיין אין דער תורה אַז דאָס פאָלק האָט געזעהן די ווערטער ביי מתן תורה אָבער זי זאָגט דאָס פאָלק זעהט, אין אַלע צייטען איז דאָ מענטשען זעהערס, מען רופט זיי למד־ואו־ניק, די זעלבע זאַך ווי א נביא.

עברי טייטש

איך בין שולדיג דעם אפיקורוס די טעמים וואָס עס מאַכט איהם בלינד, דער ערשטער טעם איז דער שחד פון דעם יצר הרע. מיינע ליבע ברידער, עס איז אַ געזעצליכע נאַטור אַז אויף אַ באַרג איז די לופט ריינער ווי אין אַ טאָהל אין אַ גרוב, ווייל עס איז פאַראַן באַצילען. אויפ'ן באַרג איז ליכטיג און אין גרוב איז פינס־טער. אויף דעם באַרג איז די לופט ריין אין גרוב איז פול מיט באַצילען. די תורה האָט גאָט געגעבען אויף דעם באַרג סיני. דער מענטש וואָס ער האָט די תורה מיט די מצות גייט ער אויף דעם געטליכען באַרג. ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו נקי כפים ובר לבב, ווער וועט אַרויפגעהן אויף גאָט'ס באַרג ווער קען דאָרטען בלייבען שטעהן, ריינע הענד פון שחד פון גנבה פון גזלה, אַ ריינע האַרץ פון קנאה פון שנאה פון שנאת הבריות שנאת חנם. דער בית המקדש איז געשטאַנען אויף אַ באַרג דער צדיק זיין גאַנצען לעבען קריכט ער אַלץ אויף אַ באַרג אויף דעם לייטער פון יעקב אבינו. והנה מלאכי אלהים עלים וירדים בו ומשה עלה אל האלהים ויקרא אליו מן ההר. דער וואָס דינט גאָט איז ער אויף אַ באַרג, דער אפיקורוס געהט אַוועק פון גאָט, פאַלט ער אַרונטער פון דעם באַרג אין אַ טיפען טאָהל, אַ טיפע גרוב. ויהי בנסעם מקדם וימצאו בקעה (נח) ויהי בנסעם מקדם מההוא קדמאה דעלמא מהימנותא דכלא וימצאו בקעה (זהר, פ' נח). זיי האָבען אָפּגעריייזט פון גאָט, פון דער אמונה, האָבען זיי געפונען אַ טאָהל, דאָס איז די אפיקורסות אין דעם פינסטערען גרוב, ווי דוד זאָגט אין תהלים לא ידעו ולא יבינו בחשכה יתהלכו. זיי ווייסען ניט זיי פאַרשטעהען ניט זיי געהען אין דער פינסטער. אַז מען פאָרט אַריין אין אַ טונעל איז פינסטער. דער צדיק שטעהט אויף אַ געטליכען באַרג, דער אפיקורוס שטעהט אין אַ טונעל אין דער פינסטער, דאָס איז דער צווייטער טעם.

איך האָב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית" טעמים אויף דער פרה אדומה. די פרה אדומה האָט געטאָן וואונדער מטהרת טמאים ומטמאת טהורים. זי האָט געמאַכט ריין די טמאים און זי האָט געמאַכט טמא דעם ריינעם, דעם איז די פרה אדומה מטהר

עברי טייטש

און דעם איז זי מטמא. האָב איך דאָרטען באַוויזען אַז דאָס זיינען 2 מענטשען, אַ צדיק מיט אַ רשע, די נשמה מיט דעם גוף. דער צדיק מאַכט ריין דעם גוף אַזוי ווי די נשמה איז ער משיג רוח הקודש, אין דעם גוף האָט ער אויסגעאַרבייט זיין קערפּער דעם חמר פאַר אַ רוחני שכלי ווי די אבות הקדושים. דער רשע האָט געמאַכט זיין נשמה פאַר אַ גשם, גשמיות פון נשמה קערפּער, אלהי נשמה שנתת בי טהורה היא אתה בראתה אתה יצרתה. גאָט גיט די נשמה דעם מענטשען אַ ריינע פון כסא הכבוד, דער רשע האָט איהר פאַרגרעבט מיט אַלע תאוות, ער מאַכט פון דער נשמה קערפּער גוף, דאָס איז דער סוד פון פרה אדומה, דער שכל ווערט פאַרהאַרטעוועט ווי אַ שטיק מעטאַל, פרעגט ביי מיר דער אפיקורוס וואָס עס קען ווערען א רוחני צו גשם גשמיות דאָס איז ניט מעגליך, איך וועל דיר ווייזען אַז עס קען ווערען פון רוח אַ גשם. וואַסער איז אַ רוחני, מען קען וואַסער ניט האַלטען מיט די הענד סיידען אין אַ כלי אין אַ גלאַז. מיט די הענד קען מען קיין וואַסער ניט האַלטען. קומט אַ פראָסט מיט אַ ווינט זיי מאַכען פון די וואַסער אַ שטיק אייז, האַרט ווי אַ שטיין. עס זיינען פאַראַן אויף דעם ים אייז בערג וואָס זיי צוברעכען שיפען, מענטשען ווערען דערטרונקען. דער אייז בערג איז געוואָרען פון וואַסער פון אַ רוחני אַ גשמי. מילך איז אַ רוחני, מילך מוז מען האַלטען אין אַ כלי, מיט די הענד האַלטען מילך קען מען ניט, אַ ביסעל צייט שפּעטער ווערט פון די מילך קרים, קעז, האַרטע קעז טרוקענע ווי ביין האַרט ווי שטיין, פון רוחני אַ גשמי. דער אמת'ער צדיק מאַכט דעם גוף רוחני. דער אפיקורוס מאַכט פון זיין נשמה — קערפּער. עס קען ניט אַריין קיין אלהות צו איהם אין זיין קאָפּ. דער מענטש איז אַ מרכב פון חלקים צוזאַמען געשטעלט גוף מיט נשמה אַן ערקלעהרונג אין קומענדען פרק.

פרק שלשים

זאָגט דער נביא ישעיה (קאַפּיטעל, נ״ה) : הוי כל צמא לכו למים לכו שברו ובלא מחיר יין וחלב. איטליכער דורשטיגער זאָל

עברי טייטש

געהן צום וואסער, דאס איז די תורה, וואס זי איז בעסער פון וויין און פון מילך. די תורה איז געגליכען צו וואסער, וואסער מאכט אלעס ריין, עס וואשט אוים אלע פלעקען פון די וועש. די תורה וואשט אפ אלע פלעקען פון דער נשמה. וואסער קען ניט שטעהן אויף א בארג, זי לויפט ארונטער פון דעם בארג אין א נידעריגען ארט. דער מענטש וואס ער איז א בעל גאוה קען ער ניט וויסען קיין סודות התורה קיין קבלה. צו וויסען די סודות פון דער תורה דארף מען זיין אן עניו, והאיש משה עניו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה. וואסער איז פאראן צווייערליי :: :: וואסער פון א קוואל און וואסער פון א טייכעל. וואס איז דער אונטערשייד פון דעם קוואל וואסער צו די וואסער פון דעם טייך? עס קומט ווינטער די וואסער פון דעם טייך ווערט פארפרוירען איין שטיק אייז, מען קען פארען מיט פערד און וואגען איבער דעם טייך, עס איז געוועזען וואסער אבער יעצט איז דאס אייז איינגעפרארען. אבער די קוואל וואסער קען ניט איינפרירען. עס קומט צו וואסער פון אונטער דער ערד מיט א שטארקייט. עס לאזט ניט איינפרירען. דאס איז א קוואל מיט לעבעדיגע וואסער.

די תורה רופט זיך מקור מים חיים. א קוואל לעבעדיגע וואסער. פון וואסער קען ווערען אייז. פון מילך קען ווערען הארטע קעז. הלא כחלב תתיכני וכגבינה תקפיאני (איוב, י'). ווי מילך האסטו מיך געמאכט גיסען און ווי הארטע קעז האסטו מיך פארגליווערט. דער צדיק לערענט די תורה מיט יראה, מיט אהבה, מיט אמונה, מיט פייער התלהבות. כי נר מצוה ותורה אור ודרך חיים תוכחות מוסר (משלי, ו') יעדער מצוה איז א ליכט אבער די תורה איז א פלאם פייער. דער שבת, די תפלין, די ציצית, די מזוזה, די תפילות שחרית מנחה ערבית, די צדקה, דער עסען טרינקען פון דעם צדיק, אלעס מיט קדושה. ווי איך האב געשריבען אין ספר „שנים אוחזין בטלית", אז עסען נאך דער תורה איז די גרעסטע זאך, אין נטילת ידים איז פאראן דער שם הויה, אין ברכת המזון איז פאראן דער שם הויה. אין ברכת המוציא איז פאראן דער שם הויה, דער שם הויה בגימטרי' 26. 3 מאהל 26 איז 78. לחם בגימטרי' 78. דאס איז

עברי טייטש

דער לחם הפנים פאַר גאָט. אכילה נוטריקון אכל יה עס פאַר גאָט. מאכל בגימטרי' מלאך 91, פון יעדער מאָל עסען ווי די תורה הייסט עסען ווערט אַ מלאך באַשאַפען. מלאך איז 91 מאכל איז 91, קען דער צדיק מיט זיין עסען טרינקען באַשאַפען מלאכים. אַז ער לערענט תורה איז דאָס מיט דעם געדאַנק ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים את כל דברי תלמוד תורתך באהבה. אַזוי ווי דער וואַסער פון אַ קוואַל קען ניט פרירען, אַזוי קען ניט פרירען די תורה פון דעם צדיק. אָבער די תורה פון דעם אפיקורוס וואָס ער לערענט לקנטר להכעים, אָפּצולאַכען פון דער תורה מיט די מצות ער האָט אַמאָל געלערענט, מעהר ניט. האָט ער אָנגעגאָסען וואַסער אין אַ כלי אָדער אין אַ פאַס, איז געקומען דער ווינטער מיט די פרעסט, קעלט, ווינטען, דאָס איז דער יצר הרע מיט אַלע תאוות פון הבל, דער יצר הרע מאַכט דעם מענטשען קאַלט אין דער תורה מיט די מצות. די תורה וואָס דער אפיקורוס האָט געלערענט איז איינגע-פראָרען, ביי איהם אין זיין קאָפּ ליגט אַ שטיק אייז. זיין קאָפּ איז איינגעפראָרען מיט אַפולע אייז. וואָס מעהר ער לערענט ווערט אַלץ מעהר אייז ביי איהם אין זיין קאָפּ, די תורה קען מען ניט נאַרען.

מיינע ברידער, איך האָב געשריבען אין מיין ספר „שנים אוחזין בטלית", אַז די תורה רופט זיך אשת חיל. חיל בגימטרי' 48 והתורה נקנית בארבעה ושמונה דברים. מיט 48 זאַכען קויפט מען די תורה, דערפאַר רופט מען די תורה אשת חיל מיט 48 מעלות. גאָט האָט זיין טאָכטער די פרינצעסין, די תורה, פאַרקנאַסט צו ישראל אויף דעם באַרג סיני ביי מתן תורה. גאָט זאָגט דורך דעם נביא וארשתיך לי לעולם, וארשתיך לי בצדק ובמשפט ובחסד וברחמים, וארשתיך לי באמונה וידעת את ה'. ישראל איז דער מאַן פון דער פרינצעסין די בת מלכה. די נאַטור פון דער פרוי איז, אַז דער מאַן איז אַ געטרייער צו דער ווייב זאָגט די ווייב אויס אַלע סודות וואָס זי האָט און די סודות פון איהר פאָטער, אָבער אַז דער מאַן איז אַ פאַלשער צו זיין ווייב, טרייבט די ווייב דעם מאַן אַרויס פון הויז. מיט אַ פאַלשען מאַן וויל קיין פרוי ניט לעבען. נאָך ערגער

עברי טייטש

איז אַז די פרוי איז די טאָכטער פון דעם מלך, זי דערצעהלט דעם קעניג אַז דער מאַן איז צו איהר פאַלש.

מיינע ברידער ישראל, דער צדיק איז אַ געטרייער מאַן מיט מסירת נפש פאַר דער תורה, איז די' תורה אַ גוטע אשת חיל, זי זאָגט אויס דעם מאַן ישראל אַלע איהרע סודות פון קבלה, די סודות פון איהר פאָטער פון הימעל, רוח הקודש. זי זאָגט אויס פון אַלע הימלען דעם אמת'ען געטרייען ישראל. אָבער דער אפיקורוס דער פאַלשער מאַן ער לאַכט אָפּ פון דער פרינצעסין די תורה, טרייבט זי איהם אַרויס פון הויז, ווייל ער האָט אַ געליבטע דאָס איז די אפיקורסות, זי פאַרפירט דעם מענטשען אין גהינום מיט איהרע תאוות. אשת חיל עטרת בעלה וכרקב בעצמותיו מבישה, ווי אַ וואָרים געהט אַריין אין די ביינער און פאַרדאָרבט דעם מענטשען, אַזוי איז די בייזע פאַרשעהמטע אשה די אפיקורסות, זי באַגראָבט אַלע מענטשען וואָס האָבען צו טאָן מיט איהר.

מיר האָבען אויבען געשריבען אַז די תורה איז אַ באַרג אַ געט־ליכער באַרג. מי יעלה בהר ה' ומי יקום במקום קדשו. מיינע ברי־דער, די נאַטור איז אַז דער מענטש וואָס געהט אַרויף אַ באַרג און ער טראָגט אַ שווערען פּאַק אויף זיינע פּלייצעס איז איהם שווער צוגעהן מיט דער משא, אָבער אַז מען געהט אַרונטער באַרג אָן אַ משא, מיט ליידיגע הענד, אַרונטער באַרג איז גרינג צוגעהן. אָבער אז מען קומט אַרונטער מיט ליידיגע הענד, אַן עני, אַ קבצן, אַ בעטלער, וואָס האָט ער פאַר אַ ווערדע. עס איז בעסער צוגעהן אַרויף דעם באַרג מיט אַפּולע געלט, מיט אַפולע גאָלד, זילבער, דיי־מענטען, פּערעל, טייערע זאַכען, אַן עושר. אויב עס איז אפילו שווער צוגעהן מיט אַ שווערען פּאַק אויף די פלייצעס, אָבער אַז מען קומט מיט אַ פאַרמעגען האָט זיך געלוינט די רייזע. אָבער פינסטער און ביטער איז דעם אָרימאַן.

מיינע ברידער, דער צדיק געהט אויף דעם געטליכען באַרג, מי יעלה בהר ה'. ער טראָגט מיט אַ שווערען פּאַק אויף זיינע פּלייצעס. דאָס איז תרי"ג מצות בין אדם למקום ובין אדם לחברו, 613 מצות דאָס איז אַ פאַרמעגען, גאָלד, זילבער, פּערל, דימענטען, ער קומט

עברי טייטש

אויף דעם געטליכען בארג א גביר. שרייט מען דארטען אוים: אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו. אבער אז עם קומט אהין דער אפיקורום מיט ליידיגע הענד, וואס פאר א פנים האט ער דארטען. ער הויבט זיך או צו בעטען אז מען זאל איהם שיקען נאך א מאל אויף דער וועלט, ער וועט שוין זיין בעסער ווי דעם ערשטען מאל. מיין טייערער אפיקורום דו ביזט שוין דא דעם צווייטען אדער דעם דריטען מאל, פארוואס טוסטו ניט קיין תשובה? איך דערקען אן דיר אז דו ביזט געבארען עטליכע מאל, ווייל די תורה זאגט א סימן, אז די עבירה צו וועלכע ער קומט אין גלגול מתקן צו זיין, די זעלבע עבירה שלעפט איהם ווייטער, עם לאזט איהם ניט אפ. איך האב מיט דיר גערעדט יאהרען לאנג און דו ווילסט ניט טאן קיין תשובה, עם איז דיר צו באדויערען, די קליפה לאזט ניט אפ.

זאל גאט געבען אין גיכען זאל קומען משיח, וואס ער איז אין אמעריקע ערווארט אויף דעם סיגנאל פון דעם הימעל דאן וועלען אלע תשובה טאן.

תם ונשלם החלק הזה שבח לאל בורא עולם.